STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07258

# IDISHE INSTITUTSYES UN ANSHTALTEN IN DETROYT

Samuel D. Weinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ד. ווײנבערג

# אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען אין דעטראָיט

JEWISH WELFARE FEDERATION
OF DETROIT

אַרויסגעגעבען פון דער
אידישער וועלפעיר פעדעראַציע
דעטראָיט, 1940

# Jewish Social Services of Detroit

A HISTORY OF ITS WELFARE INSTITUTIONS, AGENCIES AND ACTIVITIES

BY

**S. D. WEINBERG**

PUBLISHED BY

**JEWISH WELFARE FEDERATION**

**OF DETROIT**

**1940**

# אינהאַלט


פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — V—X

דער צוועק פון בוך — — — — — — — — — — — — — XI—XVI

אַריינפיהר — — — — — — — — — — — — — — — 1—7

די אידישע וועלפעיר פעדעראַציע — — — — — — — — 8—21
צענטראַלער וואוילטעטיגקייט אפּאראַט פון דעטראָיטער אידענטום

די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ” — — — — — — — 22—33
אַן אינסטיטוציע פאר דער רעאַביליטירונג פון דער אידישער פאַמיליע

די „היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן” — — — — — — — — 34—42
דער דעטראָיטער גמילות חסדים

דער נאָרטענד קליניק — — — — — — — — — — — 43—52
שיר־ניט אַ אידישער האָספּיטאַל

דער אידישער קאמיוניטי צענטער — — — — — — — — 53—67
אַ קולטורעל דערציהערישער פאָלקס־אינסטיטוט

דער „פרעש־עיר” קעמפּ — — — — — — — — — — — 68—78
אַ זומער־צענטער פאר אידישע קינדער

דער „קאונסיל־קעמפּ” — — — — — — — — — — — 79—87
אַ זומער היים פאר פּראָפעסיאָנעלע און ארבייטס־פרויען

דער „גינזבורג קעמפּ” — — — — — — — — — — — 88—96
אַן אָברוה פלאַץ פאר אידישע מאַמעס מיט זייערע קינדערלאַך

„דזשואיש טשאַילד פּלייסמענט ביוראָ” — — — — — — — 97—105
אַ מאָדערנע הילפס־אַגענטור פאר אונגליקליכע אידישע קינדער

די אידישע קינדער היים — — — — — — — — — — — — — — 117—106
א פאראייניגונג פון צוויי אינסטיטוציעס אין איינער

דער מושב זקנים — — — — — — — — — — — — — — 129—118
א געזעלשאפטליכע היים פאר'ן עלענדען מענשען אויף דער עלטער

דער הכנסת אורחים — — — — — — — — — — — — — — 140—130
א צייטווייליגע היים פאר געשטראנדעטע אידען

חסד של אמת — — — — — — — — — — — — — — 150—141
אן אינסטיטוציע פאר דער לעצטער וואוילטעטיגקייט צום ארימאן

„יונייטעד היברו סקולס" — — — — — — — — — — — — — — 161—151
די פאראייניגטע תלמוד תורות פון דעטראיט

ישיבת בית יהודה — — — — — — — — — — — — — — 167—162
א קליינע אינסטיטוציע פאר אולטרא-ארטאדאקסישער דערציהונג

די אידיש וועלטליכע שולען — — — — — — — — — — — — — — 181—168
אן אינסטיטוציע פאר אידיש-פראגרעסיווער דערציהונג

דער אידישער קאמיוניטי קאונסיל — — — — — — — — — — — 193—182
א פאלקס-ראטה פאר דער פארטיידיגונג פון אידישע אינטערעסען

שלום-ווארט — — — — — — — — — — — — — 199—194

ביבליאגראפיע און קוואלען — — — — — — — — — — — — 202—200

הויפט באאמטע פון דעטראיטער אידישע אינסטיטוציעס און
אנשטאלטען פאר'ן יאהר 1940 — — — — — — — — — — 208—203

הילפס-צוועקען פינאנסירט דורך דער אידישער וועלפער
פעדעראציע אין 1940 — — — — — — — — — — — — — 211—209

# פאָרוואָרט

מיט צעהן יאָהר צוריק, אין פריהלינג און זומער פון 1930, האָט דער שרייבער פון די שורות (אונטער׳ן פסעוודאָנים ג. ברענוויים), פארעפענט־ליכט אין „פאָרווערטס" א סעריע ארטיקלען איבער די דעטראָיטער אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען.

זוכענדיג דעם מאטעריאל און טהוענדיג אביסעל פאָרשונגס־ארבייט פאר יענער סעריע, איז מיר אויסגעקומען צו פארברענגען א סך שטונדען מיט פאַרשיידענע פיהרער אין אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען פון יענער צייט.

אין מיינע געשפרעכען מיט אָט די מענשען, סאַי עלטערע וואָס זיי־נען געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון מאַנכע פון די אינסטיטוציעס, סאַי יונגערע פון די, אזוי גערופענע, אַמעריקאניזירטע עלעמענטען, וועמענס געזעלשאפטליכע אקטיוויטעט האָט זיך מעהרסטענס קאָנצענטרירט אין די רייהען פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע — אָט די ביידע סאָר־טען אידישע כלל טוער פון יענער צייט, האָבען, דירעקט און אונדירעקט גאַנץ אָפט אנגעוויזען און שטארק באַטאָנט אַז: אום צו קריסטאליזירען איין פאראייניגטען אידיש־געזעלשאפטליכען כח וואָס זאָל קענען ברענ־גען צום אויסדרוק דעם גאנצען דעת הקהל פון שטאָדט, איז נויטיג א דערנעהענטערונג צווישען די צוויי „מינים" אידען — אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען: צווישען די „יאהודים" און די „פּשוט׳ע אידען" פון אַ גאַנץ יאָהר; צווישען די רעפאָרמירטע און די אָרטאָדאָקסישע אידען; צווישען די וועמענס אומגאנג שפּראַך, און וועמענס געזעלשאפטליכע פיהרונגען זיינען דורכאויס אמעריקאנישע און צווישען די וואָס פיהרען אָן זייער טהעטיגקייט און פארוואלטען די אינסטיטוציעס און אנשטאַל־טען אויפ׳ן אַלטען, היימישען שטייגער. מיט איין וואָרט, עס דאַרף אָבגע־שאפט ווערען די מחיצה און עס מוז פאראייניגט ווערען די ארבייט פאר די אינסטיטוציעס און אַנשטאלטען — פאַר די וואָס האָבען שוין דאַ־כּאַלסט עקזיסטירט און פאר די וועגען וועלכע מען האָט גערעדט און געפלאַנט זיי צו גרינדען, אָדער די עקזיסטירענדע אויסצובעסערען; — מיט איין וואָרט, זיי מוזען פאראייניגט ווערען אונטער איין צענטראל אַפּאַראַט, אונטער איין קערפערשאפט וואָס זאָל קאָאָרדינירען די גאַנצע אקטיוויטעט צום וואוילזיין פון דער אידישער וואוילטהעטיגקייט אין דעטראָיט.

אין מיינע דאָמאָלסטיגע אויספאָרשונגען, אויף וויפיל איך האָב זיך אנגעשטויסען אויף דאָקומענטען — פּראָטאָקאָלען און פארצייכנונגען פון פארזאמלונגען בנוגע דעם, אָדער יענעם אלגעמיינעם אידישען ענין — איז אויך ניט שוועהר געווען פון די דאָקומענטען ארויסצולייענען די טענדענץ וואָס מען האָט געקענט אָנטאַפּען ביי ביידע צדדים פאר אָט דער פאראייניגונג פון דער פילאנטראָפּישער און וואוילטהעטיגער ארבייט אין גאנצען אידיש-געזעלשאפטליכען לעבען ביי אונז אין שטאָדט.

ביי מעהר ווי איין געלעגענהייט, איז מיר דאן אויסגעקומען אנצוּווייזען אין די אַרטיקלען — ניט חלילה ווי א נביא, נאָר ווייל דאָס איז געווען דער איינציגער לאָגישער שלום צו וועלכען מען האָט געמוזט קומען — אַז, אין די נעקסטע עטליכע יאָהר וועט אָט די געגארטע פאראייניגונג ווערען א פאַקט און אַז די פארשטאַרקערונג און באפעסטיגונג פון די אינסטיטוציעס, אנשטאַלטען און פילאנטראָפּישע אגענטורען, ליגט אין זייער איבערגעהן אונטער דער השגחה — אין רשות, אויב איהר ווילט — פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע.

צעהן יאָהר זענען אוועק. און ווארפט מען איצט א בליק אויף די אַלע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון איין פאראייניגטע אידישע געמיינדע אין דער פערטער גרעסטער שטאָדט פון לאַנד, וואָס אמבאלאנגט די אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען; ציהט מען אַרונטער א שטיקעל סך הכל פון אָט דעם פּעריאָד, ווען דאָס אידיש-געזעלשאפטליכע דעטראָיט האָט זיך שטאַרק פארפעסטיגט אין דער טיעף — אויב ס'איז אפילו לויט דער זעלבער פּראָפּאָרציע ניט געוואַקסען אין דער ברייט — מוז מען צוגעבען אז די רעזולטאַטען שטייגען אריבער די גרעסטע אָפּטימיסטישסטע ערוואַרטונגען.

שוין דאָס אַליין וואָס די אידישע וועלפעיר פעדעראציע באשטעהט דאַרויף אַז די געשיכטע פון אונזערע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען זאָל געשריבען ווערען אין אידיש — אין א שפּראַך וואָס איז ניט צוגענגליך צו א וויכטיגען טהייל פון דער פעדעראציע פיהרערשאפט, ווען מען פלעגט אזוי אָפט חושד זיין אין ניט-פארשטענדנים, אין ניט וועלען פארשטעהן און באַגרייפען די פּסיכאָלאָגיע און דעם גאנצען געדאַנקענגאַנג פון דער אידישער גאָס, פון די אַזוי גערופענע, היימישע, איינגעוואַנדערטע אידען — שוין דאָס אַליין איז די בעסטע אילוסטראַציע פאר די באמת גרויסע דערגרייכונגען פון איין פאראייניגטען אידישען כלל, אַרום דער באַזאָרגונג פון די וואָס זענען אנגעוויזען אויף אידישער וואוילטעטיגקייט און פילאנטראָפּיע אין איין פאָרמע אָדער א צווייטער.

פּאַראַלעל מיט דער באַפעסטיגונג פון געוויסע עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס, מיטן איבערגעהן פון די מערהסטע פריערדיגע, אזוי גערופענע „אינדעפּענדענט“ אנשטאַלטען אונטער דער השגחה פון דער פעדעראַציע און מיט דער גרינדונג פון נייע אינסטיטוציעס, איז געשאַפען געוואָרען דער *אידישער קאמיוניטי קאונסיל*, וואָס איז לויט זיינע תקנות, לויט זיין קאָנסטיטוציע און צוזאמענשטעל א גאנץ אייגענארטיגע קערפּערשאפט פון פארטרעטער פון אַלע שיכטען, שטאַנדען און אנגעהעריגקייטען אין פארצווייגטען אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען *אין די רייהען פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.*

און די פיהרער פון דער פעדעראציע זענען געווען אינסטרומענטאַל, זענען געווען די הויפּט טרייבקראפט אין דער גרינדונג פון קאמיוניטי קאונסיל, — א פאַקט וואָס דאַרף דאָ באַטאָנט ווערען כדי קלאָהרער און בולט׳ער ארויסצושטעלען דעם רעזולטאט פון די דערגרייכונגען אויפ׳ן געביט פון שאַפען איין גאַנצע, *דעמאָקראַטיש פאראייניגטע דעטראָיטער אידישע געמיינדע אינ׳ם מאָדערנעם זין פון וואָרט.*

* * *

דער געדאַנק צוזאמענצוקלייבען אלע געשיכטליכע פאַקטען (אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגליך געווען) אין פארבינדונג מיטן געבורט, עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון די אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען ביז זייער איצטיגער שטופע, און זיי פאראייביגען אין אַ בוך, אין א דאָקומענט, פאַר די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסען פון דעטראָיט, — דער דאָזיגער געדאַנק, זאָל דאָ געזאָגט ווערען, איז געבוירען געוואָרען ביי איזידאָר סאָבעלאָף, עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.

אין די ווייטערע קאפּיטלעך וועט דער לעזער געפינען גענוג איינצעלהייטען וועגען דער אָדער יענער אינסטיטוציע, וועגען דעם אָדער יענעם אנשטאַלט, וואָס זענען אפשר פאר איהם אַליין פון באַזונדערען אינטערעס.

איין קאָרדינאלער פּונקט מוז אָבער פון דאָרט ארויסגעשיילט ווערען און דאָ, גלייך ביים אנפאנג אונטערשטראָכען ווערען. דאָס איז דער פאקט וואָס *היינט צו טאָג איז כמעט ניטאָ קיין*

איד אין דעטראָיט וואָס זאָל ניט זיין אַן אַקטיווער אָדער פּאַסיווער מיטגליד פון דער פעדעראַציע, דורך זיין, אָדער איהר, מיטווירקונג אַלס טוער אָדער אַלס ביישטייערער אין דעם יעהרליכען פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין פאַר אַלע לאָקאַלע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען, פאַר די וויכטיגסטע אידיש־נאַציאָנאַלע צוועקען פון לאַנד און פאַר די גרויסע התחייבות'ן פון אַמעריקאַנער אידענטום צו זיינע ליידענדע ברידער און שוועסטער אין דער גאַנצער וועלט, וואו אידען מוזען געשטיצט און געהאָלפען ווערען אנצוהאַלטען זייער פיזישען און גייסטיגען קיום.

קיינער ווייס ניט און קען באַשטימט ניט זאָגען, ווי גרויס ס'איז די אידישע באַפעלקערונג אין דעטראָיט. לויט די וויסענשאַפטליכע אָבשאַצונגען באַזירט אויף אויספאָרשונגען און „טרעף־צענזוסען" וואָס זיינען פון צייט צו צייט געמאַכט געוואָרען, איז זי אָבער אַלץ ניט אַזוי גרויס ווי זי וואָלט באַדאַרפט זיין לגבי די צאָהל ביישטייערער צום פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין פון היינטיגען יאָהר, ווען איבער צוואַנציג טויזענד יחידים האָבען בייגעטראָגען זייער חלק צום פאַראייניגטען „דרייוו" פון דאָס גאַנצע אידישע דעטראָיט.

עס מיינט פּשוט אַז ס'איז שוין כמעט ניטאָ קיין אידישע שטוב וואוהין די פעדעראַציע זאָל ניט האָבען אַריינגעדרונגען אינם דאָרטיגען באַוואוסטזיין. און דאָס, פּרוביר איך זיך משער זיין, האָט גורם געווען אַז דאָס בוך וואָס ווערט דאָ פאָרגעלעגט פאַר'ן לעזער — אין דער ערשטער רייהע פאַר די אידען פון דעטראָיט — זאָל ארויסגעגעבען ווערען פון דער פעדעראַציע.

יעדענפאַלס, ווי שוין אויבען געזאָגט, איז דער געדאַנק געבוירען געוואָרען ביי איזידאָר סאָבעלאָף וועלכער האָט געווירקט אויף מיין וועניגקייט אנצונעהמען דעם אויפטראַג פון דער פעדעראַציע אנצושרייבען דאָס בוך.

עס איז גאָר ניט געווען קיין לייכטע אַרבעט צוזאַמענצוקלייבען דעם גאַנצען מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך צווישען די טאָוולען פון דעם בוך.

אַ סך פאַקטען האָט מען געמוזט זוכען אין אַלטע פּראָטאָקאָלען, אין

פאַרשטויבטע דאָקומענטען און פאַרצייכנונגען פון די אַמאָליגע אינסטי־טוציעס, וואָס זענען פּרעזערווירט געוואָרען אין ארכיוו פון דער וועלפעיר פעדעראציע; מען האָט זיך געמוזט גראָבען אין די ארכיוון פון דער היסטאָרישער געזעלשאפט פון מישיגען סטייט; אין די פּראָטאָקאָלען און דאָקומענטען פון טעמפּעל בית־אל, פון שערי צדק שוהל; אין די צוואָנ־צעגע באַריכטען און נאָטיצען אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפ־טען, ענגלישע און אידישע, און אזוי ווייטער און ווייטער.

אין דער דאָזיגער ארבייט, האָט דער שרייבער געהאט די פולע מיט־הילף פון הערמאַן מ. פּעקאַרסקי, געהילפס־דירעקטאָר פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע, וועמען איך דריק דאָ אויס מיין עפענטליכען דאַנק.

אין א סך פּראקטישע פּרטים בנוגע דאָס בוך, וויל איך דאָ אויך פאַרצייכנען די קאָאָפּעראציע פון פריינד פּעקאַרסקי, און פון אברהם י. לאַכאווער, דירעקטאָר פון דער אָרגאניזאציאָנס־דיוויזיע ביי דער פעדעראַציע, וועלכע זענען שטענדיג גרייט געווען מיר צו געבען זייער נויטיגע מיטהילף.

ווייטער שטעל איך דאָ פעסט אז דאָס בוך איז געשריבען אזוי אָב־יעקטיוו ווי דאָס איז נאָר, אונטער די אומשטענדען, מעגליך געווען.

קיין שום כוונות צוצופאַרבען צו פאַרפוצען אָדער פאַרקעהרט, צו פאַרטונקלען אָדער צו פאַרקלענערען די באדייטונג פון דער אָדער יענער געשעהניש, האָט דער שרייבער אבסאָלוט ניט געהאט.

עס האנדעלט זיך דאָ ניט אין קיין בוך מיט לויבגעזאנגען, מיט גלאָריפיקאציעס פאר דער אָדער יענער גרופּע אידיש־געזעלשאפטליכע פיהרער — אמאָהליגע און איצטיגע; דעסטגלייכען ניט אין טאדלען, נאָר אין פאַרצייכנען די פאַקטען ארום דאָס אידיש־געזעלשאפטליכע לעבען פון דעטראָיט, ווי דאָס איז אמבעסטען געקומען צום אויסדרוק דורך די אידישע אינסטיטוציעס — זייער געבוירען ווערען, זייער וואוקס און ענטוויקלונג ביז היינט צו טאָג.

אויב געוויסע פּרטים זענען צו העל, אָדער צו טונקעל, איז דאָס ניט קיינעם׳ס שולד. און דאָס, האָפען מיר, וועט דער לעזער נעהמען אין אנבאַטראַכט.

דאָס בוך באצוועקט ערשטענס צו פאַרשטאַרקערען דעם אינטערעס אין די אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען צווישען די באוואוסט־

זיניגע אידישע מאַסען — הויפּטזעכליך צווישען די פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלען מיט זיך צוזאַמען דעם רוב בנין ורוב מנין פון דאָס אָרגאַניזירטע אידיש-געזעלשאַפטליכע דעטראָיט; און צ ו ו י י ט ע נ ס, צו הילף צו קומען דעם צוקונפטיגען היסטאָריקער פון דאָס אידישע אמעריקא, אין וועלכען דעטראָיט פאַרנעהמט, און וועט האָפענטליך פאַרנעהמען, איהר כשר-פאַרדינטען, בכבוד'יגען פּלאַץ.

מיט אַט די געדאנקען און געפיהלען גיבען מיר איבער דאָס בוך צו דער עפענטליכקייט.

ש. ד. וויינבערג

דעטראָיט, מישיגען, אָקטאָבער 1940.

# דער צוזעק פון בוך

## פון איזידאָר סאָבעלאָף

(עקזעקוטיוו דירעקטאר פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע)

ווען דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט זיך גריבלען אין דער פארגאנגענהייט, וועגען געשעהנישען און פּאַסירונגען אין אידיש-געזעל-שאפטליכען לעבען פון אמעריקא, וועט ער מוזען אַ היבש ביסעל פאָר-שען און נאָכזוכען אין די רעקאָרדס פון אונזערע אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען.

פארשטעהט זיך, אַז די געשיכטע פון אונזערע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס אָן-און-פאָר זיך, גיבען נאָך ניט קיין פולשטענדיג בילד פון די אינטערעסען און אקטיוויטעטען פון די אידען אין אמעריקא. וואָרים דער גאנצער קאָמפלעקס פראגען, פּראָבלעמען, אויפגאבען און אַספּיראַציעס פון אמעריקאנער אידענטום נעהמט אַרום פיל מעהר ווי די, אזוי גערופענע, ספערע פון אידישער וואוילטעטיגקייט.

אָבער דאָך איז עס א פאקט אז די אנגעלעגענהייטען פון א אידישען קיבוץ אויפ'ן געביט פון פילאנטראָפּיע — פון געזעלשאפטליכער פאָר-אנטוואָרטליכקייט פאר אידישער דערציהונג, כאראקטער-ענטוויקלונג, קינדער-באַזאָרגונג, פאַמיליען-וואוילזיין און ענליכע סאָציאַלע פּראָבלע-מען — שפּיגלען אָפּ און רעפלעקטירען די געפיהלען און די אלגעמיינע פאראנטוואָרטליכקייט פון דעם באטרעפענדען קיבוץ, פון דער באטרע-פענדער אידישער געמיינדע, אין דער אָדער יענער שטאָדט פון אונזער לאַנד.

דער געביט פון פילאנטראָפּיע איז א מאָס ניט בלויז צו מעסטען וואָס די אידען טהוען פאר זייערע הילפלאָזע און פארנאַכלעסיגטע, פאר די יונגע און אַלטע וואָס זיינען דאַרויף אנגעוויזען, נאָר דאָס איז דער פאקטישער וועגווייזער פאר די צוקונפטיגע דורות וועלכע וועלען דערפון זיך שאָפען א באַגריף ווי אזוי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבען געלעבט; וואָס זיי האָבען בעטראכט פאר זייערע וויכטיגסטע התחייבות'ן; וועלכע טהיילען פון אידיש-געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט זיי האָבען איבערגע-לאָזען פאָר די יורשים אַלס אבסטראקטע קאָנצעפּציעס און וועלכע זיי האָבען זיי איבערגעגעבען ווי קאָנקרעטע אויפגאַבען פארן שפּעטערדי-גען דור.

פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט באַטראַכט, איז עס ניט קיין צופאַל וואָס פון צייט צו צייט געפינען זיך פאָרשער און בעאָבאַכטער פון אידישען לעבען וועלכע פאַרצייכנען דעם אָבשלום פון אַ באַשטימטער פעריאָדע אין דער געזעלשאַפטליכער און פילאַנטראָפּישער אַקטיוויטעט פון דעם קיבוץ, פון דער באַפעלקערונג פון וועלכער זיי באַטראַכטען זיך אַלס טהייל.

דאָס איז געווען דער פאַל מיט׳ן פּראָפעסער פונם בוך וואָס דער לעזער האַלט אין האַנד, ש. ד. וויינבערג — פון פּראָפעסיע אַ זשורנאַליסט מיט אַ טעמפּעראַמענט פון אַן אויפמערקזאַמען בעאָבאַכטער און פאָרשער פון אידישען לעבען—וועלכער האָט נאָך מיט יאָהרען צוריק פאַרעפענטליכט אַ סעריע אַרטיקלען פון אַ היסטאָרישען כאַראַקטער, איבער דער אנטשטייאונג, עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון דעם דעטראָיטער אידישען כלל-לעבען, ווי דאָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין — און דורך — די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען פון שטאָדט.

אָט יענע סעריע אַרטיקלען (געדרוקט אין „פאָרווערטס״ אין פאַרלויף פון פריהלינג און זומער פון 1930), וואָס זיינען אייגענטליך געווען אַן אָבשניט פון אַ באַשטימטער פעריאָדע אין דער אַלגעמיינער אידיש-געזעלשאַפטליכער אַקטיוויטעט, האָבען גרויס נוצען געבראַכט די באַטרעפענדע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען.

אין לויף פון די יאָהרען האָבען סאַי די אינסטיטוציעס און סאַי די אידישע וועלפער פעדעראַציע, זיך באַנוצט מיט יענעם פאַרעפענטליכטען מאַטעריאַל אויף מעהר ווי איין אופן.

אין ערשטער ליניע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט די פאַרשטענדניס און די דערקענטניס ביי אַלע מעהר און מעהר דעטראָיטער אידען אַלס יחידים, פאַר די פאַראַנטוואָרטליכקייטען פונ׳ם כלל.

מיט׳ן וואוקס אינ׳ם באַוואוסטזיין אַז די הילפס-מעגליכקייטען פון דעטראָיטער אידענטום פאַר אידישע הילפס-צוועקען, סאַי לאָקאַלע, סאַי נאַציאָנאַלע און סאַי מעבר לים, מוזען אַלץ גרעסער ווערען, מוזען אויסגעשפּרייט ווערען צווישען אַלע שיכטען און גרופּירונגען פון דער באַפעלקערונג, האָבען די פיהרער פון די אינסטיטוציעס און פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטען זיך אָפט באַנוצט מיט בראָשורען, פּאַמפלעטען און ביכלאַך — באַזירט אויף יענער סעריע אַרטיקלען — אין דער פאָרמע פון אַפּילס צום דעטראָיטער אידענטום אין וועלכע ס׳איז פאַרצייכענט געוואָרען מיט אַ שטריך אָדער צוויי, די אַרבייט פון דער אָדער יענער אינסטיטוציע.

אין געאײלעניש און אינ'ם אימפעט וואָס ס'האָט באַגלייט דעם וואוקס פון דעטראָיטער אידישען כלל-לעבען אין פאַרגאַנגענעם יאָהרצעהנדליג, צו וועלכען די אידיש-רעדענדיגע מאַסען האָבען בייגעטראָגען אַ גרויסען חלק, איז די ראָלע פון דעם, אַזוי גערופענעם, אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, זיכער ניט פאַרגעסען און ניט אונטערשאַצט געוואָרען.

אָבער ווערענד פאַר די ענגליש-רעדענדיגע עלעמענטען האָט מען אַנגעהויבען אַרויסגעבען יאָהר-ביכער אין וועלכע דער פאַראינטערעסירטער געפינט אַן איבערזיכט איבער די אויפטוהונגען און דערגרייכונגען — כאָטש אין אַ פאַרקירצטער פאָרמע — פון די אינסטיטוציעס און פון אַלץ וואָס דער אָרגאַניזירטער כלל טהוט אויפן געביט פון אידישער וואוילטעטיגקייט, האָט דער אידישער לעזער זיך געמוזט באַנוגענען מיט צייטונגס-באַריכטען, מיט דער אינפאָרמאַציע און זיין אָרגאַניזאַציע אָדער ביי קאָנפערענצען, פון צייט צו צייט צוזאַמענגערופענע, פאַר דעם צוועק.

אונדירעקט האָט זיך דאָ שיעור-ניט געפיהלט אַ געוויסע דיסקרימינאַציע געגען דעם אידישען לעזער וועלכער מוז זיך באַנוגענען מיט פיצלאַך און ברעקלאַך, ווערענד דער ענגלישער לעזער קריגט אַ דאָקומענט אין וועלכען ס'איז איינגעשלאָסען דער סך הכל פון דעטראָיטער אידישע כלל-דערגרייכונגען פאַר אַלע אידישע צוועקען.

און וואָלט זיך עס געהאַנדעלט סתם אין אַ בוך, צופרידענצושטעלען די אידיש-רעדענדיגע עלעמענטען, וואָלט נאָך אויך ניט געווען קיין גרויס אומגליק. אַ אידישער בוך מעהר, אַ אידישער בוך ווייניגער — מען וואָלט אַזאַ נאַכלעסיגקייט געקענט מוחל זיין.

דער פאַקט איז אָבער אַז עס פעהלט אַן אַנגעזעהן ווערק, וואָס זאָל ברענגען צום לעבען פאַר דער געגענוואַרט און פאַראייביגען פאַר דער צוקונפט די דערגרייכונגען פון דעם פשוט'ן אידען, פון דעם אידישען מענשען — די געשיכטע פון זיין באַטייליגונג אין דער אידיש-געזעלשאַפטליכער אַקטיוויטעט, דאָס בילד פון זיינע קאָנסטרוקטיווע אַנשטרענגונגען פאַר'ן אַלגעמיינעם וואוילזיין — אין דער שפּראַך וואָס איז ניט נאָר צוגענגליך צו איהם, נאָר וועלכע סימבאַליזירט אויך דאָס אידישע מאַסען-לעבען ביי אונז אין שטאָדט.

פאַר טויזענדער פון דער אידישער באַפעלקערונג איז אידיש זייער לעבעדיגער, קרעפטיגער און נאַטירליכער שפּראַך-אינסטרומענט. זיי, די לייענער פון דער אידישער פרעסע, פון אידישען בוך, די וואָס דענקען

אויף אידיש און לעבען זיך אויס אין אידיש, זיינען בארעכטיגט צו אַ ווערק וואָס זאָל אין זיך פאַרקערפּערען די געשיכטע, וואוקס און ענט־וויקלונג פון אידישען כלל־לעבען וואָס זיי האָבען געהאָלפען בויען און וואָס די גאנצע אידישע באפעלקערונג איז פאראינטערעסירט איבערצו־געבען צו די צוקונפטיגע דורות.

* * *

דאָס ארויסגעבען אַזאַ בוך איז זעהר וויכטיג. אָבער וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זאָל דאָס בוך טראָגען? וועלכע אינסטיטוציעס און אנשטאַל־טען זאָלען באשריבען ווערען און וועלכע ניט? וועלכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס געהען אריין אין סכום א ל ג ע מ י י נ ע א י ד י ש ־ ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע טהעטיגקייט און וועלכע ניט?

די דאָזיגע פראַגען וואָס זעהן אויבענאויף אויס צו זיין שווערע, ווערען לייכט געלעזט ווען מען שטעלט אוועק אין פאָדערגרונד די באַ־דייטונג פון די ווערטער א ל ג ע מ י י ן ־ ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע.

דאָס זיינען קודם כל יענע אינסטיטוציעס ,אַנשטאַלטען און אָרגאַני־זאַציעס וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין די יעהרליכע פאראייניגטע אי־דישע קאמפּיינס פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע. אַן אינסטיטו־ציע אָדער אנשטאַלט וואָס האָט די קאָאָפּעראציע פון דער, כמעט, גאנ־צער דערוואקסענער אידישער באפעלקערונג — דורך די קנאַפּע איין־און־צוואַנציג טויזענד יחידים, ביישטייערער צום פאראייניגטען אידישען קאמפּיין — איז שוין פאקטיש אנערקענט אין יעדער אידישער היים פון דעטראָיט.

די געשיכטע פון אַזאַ אינסטיטוציע, איהר גרינדונג, עקזיסטענץ, צוועק און אויפטוהונגען איז דארום פון דער סאמע ערשטער וויכטיגקייט פאַרצייכענט צו ווערען, ווי א זייל אין דעם אלגעמיינעם אידיש־געזעל־שאפטליכען בנין פון שטאָדט.

פאַרהאַן אויך געוויסע אינסטיטוציעס וואָס זיינען לאָקאַלע אין פולען זין פון וואָרט, הגם קיין מאָס צו מעסטען די שטיצע פון דער אלגעמיינער באַפעלקערונג פאר זייער קיום — ווי אין דעם פאַל מיט די איינגעשלאָ־סענע אין די קאמפּיינס דורך דער וועלפעיר פעדעראציע — איז ניטאָ. דאַרף זייער געשיכטע זיך אָבשפּיגלען אין בוך.

פון דער אנדערער זייט ווערען דורכגעלאָזען יענע אָרגאַניזאַציעס און באוועגונגען וואָס זיינען טהיילען, צווייגען פון נאַציאָנאַלע באַווע־

גונגען וועמענס געשיכטע און ענטוויקלונג גרייכט פיל ווייטער ווי דעטראָיט, מאנכע וואָס שפרייטען זיך אויס איבער'ן גאַנצען לאַנד און אנדערע, אפילו איבער דער גאַנצער וועלט.

און זאָל דאָ באַטאָנט ווערען אז די ארויסגעבער אנערקענען, און שאַצען אָפּ דעם בייטראג פון די באַטרעפענדע אָרגאניזאציעס און באַוועגונגען פאר'ן וואוקס און ענטוויקלונג פון דאָס אידיש-געזעלשאַפטליכע דעטראָיט. אָבער אין דעם פונקטליכסטען זין פון וואָרט, קענען זיי ניט איינגעשלאָסען ווערען אין א געשיכטע פון די *דורכאויס דעטראָיטער* אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען. זייער געשיכטע געהער צום נאַציאָנאַלען היסטאָריקער.

אנווענדענדיג דעם שטאנדפונקט פון *לאָקאַלע, אַלגעמיינע, אַל-אומפאַסענדע אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען אַריינגענומען צו ווערען אין דעם בוך*, איז שוין ממילא קלאָהר אז, ס'האָבען געמוזט אויסגעשלאָסען ווערען די פראטערנאַלע אָרגאניזאציעס — די אונטערשטיצונגס פאראיינען און לאנדסמאנשאַפטען; די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס — שוהלען און קאָנגרעגיישאָנס; די פאָליטישע און אנדערע געזעלשאַפטליכע גרופירונגען פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבען פאר זיך, אָהן צווייפעל, ערוואָרבען אינטערעס און אונטערשטיצונג מצד באַשטימטע עלעמענטען — מאַנכע פון זיי גאַנץ וויכטיגע, — אָבער בשום אופן ניט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווייל זייער פעלד פון טהעטיגקייט איז באַגרענעצט און באַשרענקט אויף באַשטימטע גרופען און ניט אויפ'ן גאַנצען אידישען כלל.

אין קורצען, ווילען די ארויסגעבער נאָך א מאָהל באַטאָנען אז דאָס בוך פרעטענדירט ניט צו זיין פון אן ענציקלאָפעדישען כאַראַקטער. דאָס איז לכתחילה ניט געווען די אבזיכט פון די אַרויסגעבער.

אָהן פרעטענזיעס אויף אן אויסשעפליכע געשיכטע פון דאָס אידישע דעטראָיט, איז די ארבייט א באַשיידענע, א באַשרענקטע אויף א באַשטימטען — און לויט אונזער מיינונג, דעם סאמע וויכטיגסטען טהייל — פון דעטראָיטער אידיש-געזעלשאַפטליכען לעבען. אָבער אַלץ וואָס דאָ איז פארצייכענט, דער גאַנצער מאטעריאל, איז פארזיכטיג צוזאַמענגעקליבען געוואָרען און גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרען, אין פרט פון די וויכטיגסטע געשיכטליכע פאקטען, מיט וויסענשאַפטליכער פינקטליכקייט.

ווען ס׳איז באשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען דאָס בוך, האָט פאר דער אויפגאבע זיך גענויטיגט א ברייטער אינטערעס און פונדאמענטאָלער וויסען, פלוס ערודיציע, וואָס איז זעלטען צו געפינען ביי איין מענשען.

אָבער גליקליכערוויזע האָבען מיר אין דעטראָיט אזא מענשען, מיט די אַלע נויטיגע קוואליפיקאציעס, וועמען מיר האָבען די דאָזיגע אויפגאבע אנגעבאָטען. דאָס איז דער מחבר ש. ד. ו ו י י נ ב ע ר ג, וועלכער האָט אמת, שטאַרק ניט־גערן אָבער דאָך אונטערנומען די ארבייט פון געזעלשאפטליכען היסטאָריקער פון דאָס אידישע דעטראָיט.

דאָס ווערק וואָס ווערט דאָ פאָרגעלעגט, איז דער בעסטער עדות דארויף אַז די אויפגאבע איז אנפארטרויט געוואָרען צו א קאָמפעטענטען שריפטשטעלער, צו א פאראנטוואָרטליכען שרייבער. און דער רעזולטאָט איז — א דאָקומענט וואָס וועט שטאַרק צונוץ קומען דעם סטודענט, דעם פאָרשער, דעם ערציהער און דעם פאראינטערעסירטען עולם, ניט נאָר אין דער געגענווארט נאָר אויך אין דער צוקונפט.

מיר גיבען דאָ איבער צו דער עפענטליכקייט א געזעלשאפטליכע שטודיע פאַר׳ן פּראַקטישען באנוץ היינט צו־טאָג, פאַר די ארכיוועןפון דער צוקונפט, פאר אונזער אידישער באפעלקערונג פון דעטראָיט און אַלס אַ וועגווייזער און אינספּיראַציע צו אַנדערע אידישע שטעדט אין אמעריקא, זיי זאָלען נאָכפאָלגען דעם ביישפּיל.

מיט׳ן לויף פון דער צייט, אין צעהן אָדער צוואנציג יאָהר אַרום, וועט וואהרשיינליך נויטיג זיין צוצוגעבען נאָך קאפיטלען, אָדער אפשר נאָך אַ גאַנץ בוך, אַלס צוגאָב צום איצטיגען ווערק.

אָבער וואָס די צוקונפט זאָל ניט ברענגען, פיהלען די ארויסגעבער אַז דאָס בוך איז א דאָקומענט פון גרויסער געזעלשאפטליכער באדייטונג.

# אריינפיהר

**ווי אַלט איז דאָס אידישע געזעלשאפטליכע לעבען אין דעטראָיט?**

אויף וויפיל יאָהרען קען מען צוריקגעהן און באשטימט זאָגען: אַט דאָס איז די צייט ווען ס'האָט זיך אנגעהויבען אויסקריסטאליזירען א אידישער כלל־לעבען אין דעטראָיט, אָדער אין מישיגען סטייט, דורך דער גרינדונג פון דער אָדער יענער אינסטיטוציע, פון דעם אָדער יענעם אנשטאַלט?

דער ענטפער אויף די דאָזיגע פראגען, ליגט אין דעם צוגאנג צו דאָס, וואָס ווערט פארשטאַנען אונטער די ווערטער „אידיש געזעלשאפטליך לעבען און אידיש געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט".

און צוגאנגען זיינען פארהאן צוויי: אן אַלגעמיין־אקסיאָמאטישער און אן אקטועל־היסטאָרישער.

ווענדען מיר דאָ אן דעם אַלגעמיינעם ברייטען בליק וואָס איז ווי געוועהנליך אנגענומען אלס אקסיאָמע אז: דאָרט וואו עס קומען זיך צוזאמען עטליכע אידען, דאָרט ווערט שוין געשאפען א געזעלשאפטליכע אקטיוויטעט צווישען זיי, דארף מען אנעהמען, כאָטש קיין היסטאָרישע פאקטען דאָס צו באגרינדען זיינען ניטאָ, אז שוין אין סוף אכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען די צאָהל אידען אין גאנץ צפון־אמעריקא איז געווען ווייניגער ווי פופצעהן הונדערט, האָבען געצעהלטע פון זיי זיך שוין דאן געפונען אין דער טעריטאָריע וואָס איז באַוואוסט אלס דער שטאַאט מישיגען. און דאָס זאָל אייגענטליך זיין דער אנפאנג פון אידישער געזעלשאפטליכקייט אין דעטראָיט.

אין 1790, ווען די ערשטע פאָלקס צעהלונג (צענזוס) איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין די פאראייניגטע שטאַאטען, ווערט די דאמאָלסטיגע צאָהל „היברוס" אנגעגעבען אלס 1243 אין גאנצען לאנד.

מיט 28 יאָהר שפּעטער, אין 1818, האָט מרדכי נח, *) דער ערשטער אידישער טעריטאָריאַליסט, אָבגעשאַצט אז אין די פאראייניגטע שטאַאטען געפינען זיך מאקסימום דריי טויזענד אידען.

*) מאַיאָר מרדכי עמנואל נח, האָט געפּלאַנט צו שאַפען אַ אידישע היימלאַנד אין אמעריקא פאר די אידען פון די גלות־לענדער, וואָס ווילען פון דאָרט אנטלויפען און זיך באזעצען אין דער נייער היים, אין דער אידישער רעפובליק אין ניו יאָרק סטייט, וואו ער האָט שוין געהאט אפילו געקויפט א שטיק לאנד.

אין באַפלער היסטאָרישען מוזעאום, געפינט זיך דער שטיין וואָס איז געלעגט געוואָרען אלס פונדאַמענט פון דער אידישער רעפובליק מיטן נאָמען „אררט", אין גרענד איילענד, אין חודש תשרי פון יאָהר 1815.

אָבער נאָך מיט 27 יאָהר פאר דער ערשטער פאָלקס־צעהלונג, אזוי ווייט צוריק ווי אין 1763, איידער נאָך ס'איז פאָרגעקומען די אמעריקאנער רעוואָ־לוציע, געפינען מיר שוין אַ אידען מיטן נאָמען יחזקאל (עזיקיעל) סאלאמאן אין מישיגען סטייט.

דער דאָזיגער עזיקיעל סאלאמאן ,האָט געהאט אייגענטום און געפיהרט געשעפטען צווישען מעקינאק וואו ער האָט געוואוינט און מאָנטריאל, קענעדע.

דאָס איז פעסטגעשטעלט אלס היסטאָרישער פאקט. און מען קען זיך פאָר־שטעלען אַז אין די 53 יאָהר, פון 1763 ביז 1816, וואָס ער האָט זיך געפונען אין מישיגען, איז ער ניט געוועזן דער איינציגער איד דאָ.

איז אויב אזוי, ווייסען מיר דאָך פון אונזערע נאציאָנאַלע אטריבוטען אין אונזער טויזענטער יאָהריגער געשיכטע אַז, וואו עטליכע אידען קומען זיך צו־זאַמען ווערט אַן אסיפה, עס שאפט זיך אַן אונמיטעלבאַרע פאראייניגונג אין איין פאָרמע אָדער א צווייטער און דאָס, אייגענטליך איז דער באזיס פון דאָס וואָס ווערט פארשטאַנען און באַגריפען אונטער די ווערטער „אידיש געזעלשאפט־ליכקייט און אידישע אקטיוויטעט".

פון די אַלטע צייטען אָן, אין יעדען לאנד און אונטער אַלע אומשטענדען, האָט דער אידישער יחיד זיך געפיהלט ווי א טהייל פונ'ם כלל. דאָס האָט גע־פיהרט צו אידישער געזעלשאפטליכקייט, דאָרט וואו עס זיינען נאָר געוועזן עטליכע אידען, צו פאָרמירען א פאראייניגונג פאר איין צוועק אָדער א צווייטען, א חברה, אַן עדה, ווי קליין זי זאָל ניט האָבען געוועזן.

און דאָס, קענען מיר דרינגען, פון דער אלגעמיינער אקסיאמע, איז אויך געוועזן דער פאַל אין מישיגען סטייט, ערגעץ ווייט אוועק פון דעטראָיט וואו ס'האָט זיך אנגעהויבען שפינען דער פאָדים, וואָס ציהט זיך צו אונזערע אינ־סטיטוציעס און אנשטאַלטען.

---

פארהאַן אָבער אויך א צווייטער צוגאנג, אַן היסטאָריש־אקטועלער. און דאָ, פאַלען שוין אוועק די השערות. מיר טרעטען שוין אויפ'ן גלייכען וועג.

אין מעהר ווי איין היסטאָרישען דאָקומענט איז פארצייכענט, און די מעהרסטע פאָרשער פון דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא האָבען פעסטגע־שטעלט, אַז פון די אימיגראַנטען פון די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר־הונדערט, וואָס זענען מעהרסטענס געקומען פון דייטשלאַנד און זיך גענומען אויסשפרייטען איבער פאַרשיידענע סטייטס פון די פאראייניגטע שטאַאטען,

# אַ ר י י נ פ י ה ר

האָבען די אידישע „סעטלערס“ אין מישיגען סטייט גראדע דורכגעלאָזען דעטראָיט.

פיל פריער ווי אין דעטראָיט, געפינען מיר שוין אידישע פאמיליעס אין קאלאמאזו, מארשאל, דזשעקסאָן, גרענד רעפידס און הויפטזעכליך אין ען־ארבאָר־איפסילענטי דיסטריקט (וואשטינא קאונטי), וואָס איז שוין געווען באזעצט מיט דייטשע פארמערס, וואו די אידישע אימיגראנטען פון דייטשלאנד, האָבען זיך געפיהלט מעהר היימיש, צווישען לאנדסלייט, מיט וועמען זיי האָבען זיך געקענט צונויפריידען און טאקע אויך עפעס פארדינען דורך פעדלעריי.

אין 1845 האָט די דעטראָיט סיטי־דירעקטאָרי ענטהאלטען די נעמען פון בלויז צוויי אידען, וואָס זענען געקומען אהער פון יענע אידישע „סעטעלמענטס“ אין די אנדערע שטעדטלאך פון מישיגען.

מען קען זיך פאָרשטעלען אז עס זיינען אפשר געווען מעהר ווי צוויי. אָבער דאָס, שטעלען פעסט די פאָרשער פון דער אידישער איינוואנדערונג אין מישיגען סטייט, ווי א פאקט, אז געפאָהרען איז מען פון דער איסט, אָדער פון דער סאוט צוריק אין דער נאָרטה, ניט קיין דעטראָיט, נאָר אין די אנדערע אויבען־אויסגערעכענטע שטעדטלאך.

אָבער מיט עטליכע יאָהר שפעטער איז דעטראָיט צוליב איין אורזאך, אָדער א צווייטער, געוואָרען אן אלגעמיינער צוציהונגס־פונקט פאר די איינ־וואוינער אין דער מישיגען טעריטאָריע. און דאָס האָט אויך געווירקט אויף די אידישע „סעטלערס“ אין די אנדערע שטעדט פון סטייט.

אין 1850, געפינען מיר פארצייכענט אין דער דעטראָיט דירעקטאָרי ניט מעהר ווי זעקס אידישע נעמען. אָבער אז די צאָהל איז געווען פיל גרעסער, באַ־ווייזט דער פאקט וואָס דאָס זעלבע יאָהר איז געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער מנין צום דאווענען.

א אידיש פאָר פאָלק מיט'ן נאָמען אייזיק און סאָפיע קאָזענס וואָס האָבען זיך נאָר־וואָס געהאט דאָ באזעצט און גוט געקענט די אנדערע אידישע איינ־וואוינער, משמעות פון די ארומיגע שטעדטלאך אין מישיגען וואו זיי האָבען פריער געוואוינט, האָבען צוזאמענגערופען די דעטראָיטער אידישע „תושבים“ צו זיך אין שטוב און פאָרגעשלאָגען זייער הויז, אויף קאָנגרעס און ענטוויין סטריט, פאר א מנין.

פון דאָרט, האָט די ערשטע אידישע „א י נ ס ט י ט ו צ י ע“ מיט עטליכע חדשים שפעטער, זיך אריבערגעטראָגען שוין אין א געדונגענער דירה,

איבער א אידישער סטאָר אויף דזשעפערסאָן עוועניו. און איידער דאָס יאָהר איז פאראיבער, איז געגרינדעט געוואָרען די סאָסייעטי „בית אל", מיט'ן צוועק צו בויען א שוהל, די ערשטע אידישע קאָנגרעגיישאָן אין מישיגען סטייט, מיט'ן זעלבען נאָמען.

אין פריהלינג פון 1851, פונקט א יאָהר נאכדעם ווי דער ערשטער מנין איז געגרינדעט געוואָרען, האָט די סאָסייעטי „בית אל" אריינגעגעבען אן אפּליקאַציע צו דער פארוואלטונג פון דער קרייז־רעגירונג (וועין קאונטי) פאר געזעצליכער אנערקענונג (אינקאָרפּאָריישאָן) פון דער „בית אל" געזעלשאפט.

אונטער דער אפּליקאַציע אלס די גרינדער זיינען אונטערגעשריבען עלף נעמען. אָבער לויט דער אָבשאַצונג פון געוויסע פאָרשער פון יענער פעריאָדע, האָט אין דעטראָיט זיך שוין דאן געפונען א „אידישע באפעלקערונג" פון ארום זעכציג נפשות.

מיר האָבען אויבען בכיוון אונטערשטראָכען דאָס וואָרט „אינסטיטוציע", רעדענדיג וועגען דעם ערשטען מנין וואָס איז געגרינדעט געוואָרען — (כאָטש מיר נעהמען ניט אריין די שוהלען און קאָנגרעגיישאָנס אינם סכום אינסטיטוציעס) — ווייל אין די תקנות, אין די „רולס און ביי־לאָאס" וואָס די גרינדער פון דער „בית אל" סאָסייעטי, האָבען אויסגעארבייט און זיי געוואָלט פאָרזיכערען דורך די געזעצען פון באַצירק, (קאונטי), ווערט געזאָגט אז:

„די צוועקען פון דער סאָסייעטי זענען: 1) צו שאַפען א שטענדיגען פּלאַץ פאר די רעליגיעזע פליכטען פון דער סאָסייעטי, (צום דאַווענען); 2) צו באַזאָרגען די מיטגלידער מיט אן אייגענעם בית עולם; און 3) אנצופיהרען א אידיש־קולטורעלע דערציהונג (דזשואיש קאַלטשור) צווישען די מיטגלידער און זייערע פאמיליעס דורך ספּעציעלע לעהרער."

אז איהר ווילט, מיינט עס פאקטיש די ערשטע תלמוד־תורה אין דעטראָיט. און א „בית החיים", אויף איבער הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר, דאָס איז אויך אן אינסטיטוציע, א נ ו י ט י ג ע, אין אידישען לעבען אונגעאַכטעט אויף אונזער שטאַרקען, אָדער שוואַכען, רעליגיעזען אנהאַלט.

דאַ אלזאַ, האָט איהר דעם אקטועלען אנפאנג פון די אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען און פון אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען אין דעטראָיט.

מיר שרייבען דאַ, פארשטעהט זיך, ניט קיין אידישע געשיכטע פון דעטראָיט. און א סך, א סך איינצעלהייטען אין דעם וויטערדיגען גאנג און ענטוויקלונג פון אידישען לעבען, מוזען דורכגעלאָזט ווערען.

ס'איז אָבער וויכטיג פאר אונזער ענין זיך אבצושטעלען אויפן פאקט וואָס

# אַ ר י י נ פ י ה ר

אין משך פון די נעקסטע צעהן יאָהר איז, אלס נאַטירליכע ערשיינונג — מיט'ן אַלגעמיינעם וואוקס פון דער דעטראָיטער באַפעלקערונג — אויך געוואַקסען די אידישע געמיינדע. עס ווערט אָבגעשאַצט אז אין 1860, האָט דעטראָיט שוין געהאַט אַרום צוויי הונדערט אידען, צווישען זיי פּוילישע, ליטווישע, רומענישע און גאַליציאַנער אידען, וואָס זענען געקומען אהער, ניט פון מישיגען, נאָר פון אַנדערע סטייטס — פון דער איסט, אויפ'ן וועג אין דער ווייטער וועסט וואָס האָט געלאַקערט מיט איהרע „גליקען" און אויך, איז מען זיך משער, פון דער סאַוטה — פון אידישע פּעדלערס, וועלכע האָבען געהערט פון דעם אידישען ישוב וואָס באַפעסטיגט זיך דאָ און זענען געקומען קיין דעטראָיט, דאָ פּרובירען זייער מזל.

פאר די דאָזיגע פּוילישע, ליטווישע און רומענישע אידען, איז דאָס רע־פאָרם־אידישקייט, וואָס האָט זיך דאָ גענומען אויספאָרמירען ביי די דייטשישע אידען, געוועז א גאַנץ נייער באַגריף מיט וועלכען זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכען.

און אזוי ווי די גרינדער און פיהרער פון דער סאָסייעטי „בית אל" זענען ס'רוב געווען דייטשישע אידען, האָבען זיי לכתחילה ביים „אינקאָרפּאָרירען" די בית אל שוהל, אויך אריינגעשטעלט א פּונקט אין די „תקנות" אז דער „ריטואל", דאָס דאַווגען און די פיהרונגען אין שוהל, זאָל זיין דורכאוים לויט'ן מנהג ווי אין דער אַלטער היים, אין דייטשלאַנד.

היינט, אז אין דער „אַלטער היים" האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פאר־שטאַרקט דאָס רעפאָרם־אידישקייט, האָט עס אויך געווירקט אויף דער ערשטער אידישער קאָנגרעגיישאָן אין דעטראָיט.

דער רעזולטאַט איז געווען אז אין 1861, איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג צווישען די צוויי סאָרטען אידען אין דער קאָנגרעגיישאָן „בית אל". און מיט א יאָהר שפּעטער, אנפאנג דעצעמבער 1862, איז געגרינדעט געוואָרען די אָר־טאָדאָקסישע קאָנגרעגיישאָן „שערי צדק", די איצט גרעסטע (קאָנסערוואַטיווע) שוהל אין דעטראָיט.

יענע שפּאַלטונג האָט עס פאר א סך, א סך יאָהרען פארשאַרפט די מחיצה צווישען די „פּשוטע" אידען און די אזוי גערופענע „יאהודים" וואָס האָט זיך אויך אָבגעשפּיגעלט אין דער נאָכפאָלגענדער, פארשיידענאַרטיגער אַלגעמיין־אידישער פאָלקס־טהעטיגקייט אין שטאָדט.

אלס צוגאָב צו דער קאָנגרעגיישאָן, האָט ביי יעדער גרופּע אידען פון די צוויי שוהלען זיך פאָרמירט פארשיידענע סאָסייעטיס, הילפס־קערפּערשאַפטען

מיט אידענטישע צילען נאָר אנדערע נעמען, ווי א שטייגער א „חברה קדישא“ און א „בעריעל סאָסייעטי“, א „משכיל אל דל“ און א „סופּאָרט פאַר דהי פּור“...

די באגריפען פון „טשעריטי“ און „צדקה“ האָבען זיך געענדערט, האָבען אנגענומען אנדערע פאָרמען און זענען אנדערש געפיהרט געוואָרען, כאָטש די צוועקען זייערע זענען אייגענטליך געווען די זעלבע.

דעטראָיט האָט שוין דאן געהאט דעם אמת כאראקטעריסטישען אויסזעהן פון די עלטערע אידישע קהלות, סאַי אין דער נייער, סאַי אין דער אלטער היים, וואו עס זענען שטענדיג געווען צוטהיילונגען מיט באזונדערע שוהלען און באַזונדערע בתי־מדרשים, מיט חסידים און מתנגדים און וואו דער גאנצער „כלל“ האָט ניט געקענט הויזען צוזאמען . . .

פאַר די נעקסטע צוואַנציג יאָהר, אין דער פּעריאָדע פון בירגער־קריג און רעקאָנסטרוקציע פון דאָס גאנצע לאנד, איז אין דעטראָיטער שטאָדטישען לעבען אויך אריינגעטראָטען א שטילשטאנד און — „ווי עס קריסטעלט זיך, אזוי אידעלט זיך“ . . .

קיין גרויסען צוואוואוקס האָט מען ניט געקענט ערווארטען אין דעם אידישען ישוב פון דעטראָיט.

דאָך ווערט אָבגעשאצט אז אין 1880 האָט דעטראָיט שוין פאַרמאָגט א טויזענד קעפּיקע אידישע באפעלקערונג.

ערשט נאָך די „היסטאָרישע“ פּאָגראָמען פון 1881 אין רוסלאַנד, ווען די אימיגראַציע קיין אמעריקא האָט זיך אנגעהויבען אויף א גרעסערען מאסשטאַב, האָט דעטראָיט דערפון אויך גענאָסען.

קיין גענויע ציפערען פאַר דעטראָיט זענען ניטאָ. נאָר אין דער אויסגאבע פון דער „אַמעריקען דזשואיש היסטאָריקאַל סאָסייעטי“ פאַר׳ן יאָהר 1897, ווערט אנגעגעבען אז פון 1880 ביז 1897 איז די אידישע באפעלקערונג אין גאַנץ מישיגען סטייט אויסגעוואקסען צו איבער ניין טויזענד נפשות. און מען דאַרף זיך פאָרשטעלען אז א גוטע העלפט פון זיי, האָט זיך באזעצט אין דעטראָיט.

און אָט יענע אידישע עלעמענטען האָבען אהער אריבערגעטראָגען און דאָ פארצווייגט די „חברות“, באפעסטיגט דעם גייסט פון געזעלשאפטליכער אקטיוויטעט, וואָס זיי האָבען מיטגעבראכט פון דער אלטער היים.

מיט׳ן טראָפּ מעהרסטענס אויף רעליגיעזער אידישקייט, זיינען אָבער צוגלייך מיט די אָרטאָדאָקסישע שוהלען אויך עטאבלירט געוואָרען — כאָטש אין

## אריינפיהר

אַ מיניאַטור פאָרמאַט — יענע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען, וואָס זענען אַ שטענדיגע באַגלייטס־ערשיינונג צום געזעלשאַפטליכען לעבען פון אידישען פאָלק בארבע פינות העולם.

צוגלייך מיט די „טשעריטי" און „אַפּליפּטינג" סאָסייעטים ביי די רע־פאָרמירטע אידען, האָט זיך אנגעהויבען אויספּיקען אַ „משמרת חולים", אַ „לינת הצדק", אַ „מעות חיטים", אַ „גמילת חסדים" און ענליכע חברות ביי די „אַלט־פרענקישע" אידען. און פון אָט די אַלע „סאָסייעטים" און „חברות", האָט זיך אין לויף פון די יאָהרען אויסקריסטאַליזירט און אויסגעוואַקסען אָט די אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען, וואָס ווערען באַשריבען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלעך.

מיר ווילען דאָ ניט פאַרלויפען דעם וועג. אָבער ווי דער לעזער וועט ווייטער זעהן איז די — צו יענער צייט, ביי די מאַסען, ווייניג באַליבטע — „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט איבער פערציג יאָהר צוריק, אַלס פאַראייניגטע קערפּערשאַפט פון די עטליכע פילאַנטראָפּישע סאָ־סייעטים פון די רעפאָרמירטע אידען, געוועזען דער ווענדע־פונקט אוי'ף וועג פון שאַפען איין פאַראייניגטען כלל אין דער וואוילטעטיגקייט פון דאָס גאַנ־צע אידישע דעטראָיט — פון די „אידען" און „יאַהודים" ווי דאָס איז היינט צו־טאָג האַרמאָניש פאַרקערפּערט אין דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע.

# די אידישע וועלפעיר פעדעראציע —

## צענטראַלער וואוילטעטיגקייט אַפּאַראַט פון דעטראָיטער אידענטום

די גלגולים פון אידישער פילאנטראפיע. — פון די „יונייטעד דזשואיש טשערימיס" ביז דער „דזשואיש וועלפעיר פעדערייש׳אן". — די פראקטישע ארבייטס־גרופען אין דער פעדעראציע. — א פאראייניגונג פון גאנצען אידישען כלל פאר אלע אידישע פליכטען.

א סך גלגולים האָט די אידישע וואוילטעטיגקייט אין דעטראָיט דורכגעמאכט ביז זי איז געקומען צו דער איצטיגער שטופע ווען די גאנצע אידישע פילאנטראָפּיע פון שטאָדט, מיט גאָר א קליינער, אונבאדייטענדער אויסנאם, איז קאָנצענטרירט אין איין צענטראַלער קערפּערשאפט, באוואוסט אלס „דזהי דזשואיש וועלפעיר פעדעריישאָן".

אידישע וואוילטעטיגקייט — רופט עס צדקה, אָדער פילאנטראָפּיע אויב איהר ווילט — איז בכלל א וויכטיגע באגלייטס־ערשיינונג פון אידישען לעבען, פון אידישע קיבוצים, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען.

זענען מיר דאָך באוואוסט פאר א פאָלק פון „רחמנים בני רחמנים", וואָס קענען אָהן קיין וואוילטעטיגער ארבייט ניט לעבען . . . און דערפאר איז אזוי כאראקטעריסטיש דאָס מעשה׳לע וואָס ווערט דערצעהלט פון דעם אידישען ישוב ערגעץ אין א פארוואָרפען שטעדטעל צווישען גוים אין דער וועסט.

יעדער איד אין יענעם שטעדטעל, ווערט דערצעהלט, האָט געמאכט א פיין לעבען; קיינער פון זיי האָט זיך ניט גענויטיגט אן קיין צדקה. און דאָס האָט זיי ניט געגעבען קיין רוה ביז ׳מען האָט באשלאָסען אויסצושרייבען אן אָרעמאן פון ניו יאָרק אויף וועמען די „וואוילהאָבענדע" אידען זאָלען קענען פּראקטיצירען די דריטע פון די דריי מצות וואָס שרייען אָפּ שלעכטע גזירות — אזוי ווי אין פסוק שטעהט . . .

האָט מען אָבער מיט׳ן „אימפּאָרטירטען" קבצן אויסגענומען א תנאי אז ער זאָל פאר קיין פאל ניט טראכטען פון ביזנעס אָדער מלאכה כדי צו ווערען אויס אָרעמאן.

— „מיר ווע׳לען אייך געבען פון פויגעל־מילך. איהר וועט ביי אונז לעבען ווי א מאָנארכע און ס׳וועט אייך גאָרניט פעהלען — האָבען די נייע ישוב׳ניקעס געטענה׳ט צום אויסגעשריבענעם קבצן—„אָבער איהר מוזט זיך האַלטען ביי אייער בארוף און בלייבען אן אָרעמאן, אניט דאַרפען מיר אייך ניט דאָ" . . .

ווען מען זאָל דאָס מעשה׳לע א רוק טהאָן אויף עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק איז עס ווי אַנגעמאָסטען אויף דעטראָיט. וואָרים שוין מיט איבער זיבעציג יאָהר צוריק, געפינען מיר צווישען די עטליכע צעהנדליג אידישע פאמיליעס אין דעטראָיט א פּאָר צדקה חברות וואָס האָבען צווישען זיך קאָנקורירט און גע־זוכט איינע די אנדערע איבערצושטייגען מיט זייער פילאנטראָפּישער ארבעט.

אינ׳ם „פנקס“, אָדער אין די רעקאָרדס פון אידישער וואוילטעטיגקייט אין דעטראָיט, געפינען מיר פארשריבען א סאָסיעטי, מיטן נאָמען „דעטראָיט לייּ־דיס סאָסייעטי פאר דהי סופּאָרט אָוו היברו ווידאָוס ענד אָרפענס אין דהי סטייט אָוו מישיגען“ (דעטראָיטער פרויען פאראיין צו שטיצען אידישע אלמנות און יתומים אין שטאאט מישיגען), וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דעם 12טען יולי, 1863, מיט 77 יאָהר צוריק.

און די דאָזיגע סאָסייעטי האָט מיט 36 יאָהר שפּעטער ווען א פארזוך איז געמאכט געוואָרען צו פאראייניגען די עטליכע צדקה חברות אין איין צענטרא־לער פילאנטראָפּישער קערפּערשאפט, זיך ענטזאגט צוצושטעהן, אויפן גרונד וואָס איהר ארבייט איז „צו וויכטיג“ און זי וויל ניט פארשלונ־גען ווערען צווישען די אנדערע סאָסייטיס...

פארשטעהט זיך אז פון יענער „גדלות׳דיגער“ סאָסייטי, איז שוין לאַנג קיין זכר ניטאָ. די צייט אליין איז געווען איהר בעל־קבֿרן. אָבער אינטערעסאנט איז דער פאקט פאר זיך אליין, ווי אַן אילוסטראציע פאר די פארשיידענע גלגולים וואָס די אידישע פילאנטראָפּיע האָט דורכגעמאכט, פון דער היבשער בלאָט גע־שיכטע וואָס זי האָט שוין הינטער זיך. און ווען מען פארגלייכט די איצטיגע „דזשואיש וועלפעיר פעדערייּשאָן“ אפילו מיט דער „יונייטעד דזשואיש טשע־ריטיס“ וואָס איז ערשט מיט ווייניגער ווי אנדערהאלבען יאָהרצעהנדליג צוריק אויפגעלעזט און פארשלונגען געוואָרען פון דער פעדעראציע, איז דער אונטער־שייד אזוי ווי פון טאָג ביז נאכט.

די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1899. גע־ווען איז דאָס דעם 7טען נאָוועמבער פון יענעם יאָהר ביי א מיטינג פון פאר־טרעטער פון פיר סאָסייטיס וואָס האָבען, ווי שוין אויבען דערמאהנט, מיט יאָהרען פריער קאָנקורירט צווישען זיך.

דאָס זענען געווען, זאָל עס אונז צו קיין גנאי ניט זיין, צדקה חברות פון יענעם מין אמעריקאניזירטע אידען, וואָס האָבען אין דעם מזרח־אייראָפּעאישען אימיגראנט פון אַלטען רוסלאנד, רומעניע און גאַליציע, געזעהן עפּעס א האלב־ווילדע, אונטערצוויגענע באשעפעניש וואָס מען מוז „אַפּליפטען“, אויפהויבען צו א העכערער שטופע און מאכען פריער פון אַלץ פאר א „גוטען“ אמעריקאנער, לויט די באגריפען פון יענע כפל־שמונה׳דיגע פאטריאָטען . . .

מיט דער פאראייניגונג פון די אלע „רעליעף“, „סאווינג“, און די אנדערע „טשעריטי“ סאָסייטיס אין איין „פאראייניגטער אידישער צדקה“, איז די טענדענץ זייערע, ליידער ניט געענדערט געוואָרען. און אזוי זעהן מיר אז אין משך פון דריי פערטעל פון דער „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ עקזיסטענץ, איז די מחיצה צווישען איהר און די אנדערע פילאנטראָפּישע געזעלשאפטען, געגרינדעט פון די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטען און סתם אידען, אויף דער, אזוי גערופענער, אידישער גאַס — וואָס האָט שוין דאן אנגענומען בולט׳ע פאָרמען — געווען זעהר גרויס.

יעדע גרופּע אידען, האָט זיך אנגעפיהרט מיט א י ה ר וואוילטעטיגקייט אויף א י ה ר אייגענעם אופן, צוגעפּאסט צו א י ה ר ע באגריפען און אנשויאונגען. און יענע קאָנקורענץ פון אמאָהל, איז ווידער באנייט געוואָרען, כאָטש שוין אויף אן אנדער שטייגער.

אויב די אמאָהליגע קאָנקורענץ איז באשטאנען אין אויסכאפּען איינע פון דער אנדערער דאָס ביסעלע „טשעריטי־ארבייט“ וואָס איז געווען צו טהאָן, איז די קאָנקורענץ צווישען די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטען פון דער אידישער גאַס און די רעפאָרמירטע עלמעטענטען פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“, שוין געווען א פיל טיפערע און דערפאר א מעהר פארביטערטע.

פיל דעטראָיטער אידען געדענקען נאָך געוויס די צייטען פון אמאָהליגען, אזוי גערופענעם, „האנא שלאָס בילדינג“, די היים פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ וואָס אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען באטראכט פאר א פלאַץ וואו מען „אונטערגראָבט“ דאָס אידישקייט. עלטערע דעטראָיטער איינוואוינער געדענקען אויך מן הסתם די פארשארפטע באציהונגען, וואָס האָבען ביי עטליכע געלעגענהייטען אין די קריזיס־יאָהרען פון יענער פעריאָדע, שיעור ניט געבראכט צו אויסברוכען מצד ארבייטסלאָזע אידען ארום דער אויבענדערמאהנטער היסטאָרישער געביידע אויף הייסטינגס סטריט, דער אידישער קווארטאל, אָדער „געטהאָ“ פון דעם ערשטען קאָמפּאַקטען אידישען ישוב אין דעטראָיט.

מיט׳ן לויף פון די יאָהרען, האָט זיך אָבער אלעס ביסלאכווייז, ביסלאכווייז געענדערט. דעטראָיט, אלס פּראָווינץ שטאָדט, כאָטש פילע פון אונזערע איצטיגע כלל טהוער ווילען גאָר ניט ליידען ווען מען זאָגט עס, האָט נאכגעפאָלגט דאָס גרויסע ניו יאָרק.

דאָרט אין ניו יאָרק האָבען די, אזוי גערופענע יאהודים, אָדער אמעריקאַניזירטע אידען, אנגעהויבען באגרייפען און פארשטעהן דעם גרויסען כח פון די „אידישע אידען“, מיט זייער פּרעסע, מיט זייערע אינסטיטוציעס און אנשטאלטען און מיט זייערע פּראָגרעסיווע מיינונגען. עס איז געקומען צו א דערנעהנ־

טערונג פון אַלע אידישע עלעמענטען אויפ'ן געביט פון וואוילטעטיגקייט, וואָס האָט אויך זיך איבערגעטראָגען און געווירקט אויף דער פּראָווינץ. און דעטראָיט איז אין דעם דאָזיגען פאַל ניט געווען קיין אויסנאַם. *)

מען האָט געמאַכט הנחות פון ביידע זייטען וואָס האָבען געפיהרט דערצו אַז היינט צו טאָג קען די „דזשואיש וועלפעיר פעדערײשאַן" מיט פולער רעכט אנגערופען ווערען דער צענטראַל־אפּאַראַט פון דער גאַנצער אידישער וואוילטעטיגקייט אין אַלע איהרע פאַזען און פאָרמען. נאָך מעהר איז עס אן אנערקענטער פאַקט שוין באַלד אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר, זייט דער גרינדונג פון דער פעדעראַציע, צווישען אַלע אנדערע נאַציאָנאַלע גרופּען פון דעטראָיט. — ביים „קאַמיוניטי פאָנד", ביי דער שטאָדט־רעגירונג און אין אַלע רעגירונגס קרייזען פון שטאָדט און פון מישיגען סטייט.

עס איז געגנוג אנוועזענד צו זיין ביי א מיטינג אָדער אירגענד וועלכען אנדערען צוזאַמענקונפט פון דער פעדערײשאַן צו באַמערקען טיפּיש־אַמעריקאַנישע אידען וואָס קענען קיין איריש ניט רעדען און זייער אידישקייט דריקט זיך אויס אין „טעמפּעל דזשודאַאיזם", זיצען זייט ביי זייט מיט אידען אין יארמולקעס מיט בערד, און אידען וואָס זענען באַוואוסט אַלס אנגעהעריגע צו די פּראָגרעסיווע גרופּירונגען אויף דער אידישער גאַס.

**דאָס וואָלט בלויז מיט עטליכע יאָהר צוריק ניט מעגליך געווען. און צוּשטאַנד איז עס געקומען, א דאַנק די קאָמפּראָמיסען וואָס אַלע פאַרשידענאַרטיגע גרופּען האָבען געמאַכט. און די גוטע רעזולטאַטען וואָס דאָס האָט געבראַכט, זענען גאָר ניט אבצושאַצען.**

* * *

**אום זיך צו באַקענען מיט דער גרינדונג פון דער אידישער וועלפעיר פּעדעראַציע, ווי אזוי זי איז אויסגעוואַקסען און אין וואָס עס באַשטעהט איהר ארבייט, דאַרף מען וואַרפען א בליק אויף עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק, ווען די דאַמאָלסטיגע אומשטענדען האָבען געשאַפען נייע באַדינגונגען און געטריבען די פיהרער און טאָן־געבער אין דער אידישער פילאַנטראָפּיע, זיך צוצופּאַסען צו זיי.**

*) דאָ איז נויטיג צו באַמערקען אַז וואָס אנבאַלאַנגט די פאַראייניגונג פון אַלע אידישע וואוילטעטיגקייטען אין אַ פעדעראַציע פאַרנעהמט גראַדע ניו יאָרק ניט דעם ערשטען פּלאַץ. די אינציאַטיווע געהער צו סינסינעטי. ווי דער פאַרשטאָרבענער דר. באָריס באָגען ווייזט אָן אין זיין בוך „דזשואיש פילאַנטראָפּיע" (ארויסגעגעבען פון מעקמילען פערלאַג 1917), איז די ערשטע פעדעראַציע געגרינדעט געוואָרן אין סינסינעטי, און די צווייטע אין באָסטאָן. שפּעטער איז דאָס צושטאַנד געקומען אויך אין ניו יאָרק. אבער מיר באַנוצען דאָ ניו יאָרק, אַלס כאַראַקטעריסטישען ביישפּיל ווי די גרעסטע און בולט'סטע אידישע שטאָדט אין די פאַראייניגטע שטאַאטען.

מיט אונגעפעהר 35 יאָהר צוריק, ווען די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ איז שוין געווען אין עקזיסטענץ דאָס זעקסטע יאָהר, האָט א רייכע אידישע פרוי מיט'ן נאָמען האנא שלאָסס געלאָזען אין איהר צוואה א סומע געלד אויף צו בויען א בנין, א מין „צענטראל הויז“ פאר די פארשיידענע צדקה טעטיגקייטען. מיט עטליכע יאָהר שפעטער האָט א צווייטע רייכע אידישע פאמיליע, די גינזבורג'ס, געגעבען א סומע געלד אויפצובויען א אידישען אינסטיטוט, א מין „קולטור צענטער“ אלס אנדענקונג אויפ'ן נאָמען פון זייער פארשטאָרבענעם פאָטער.

ביידע געביידען האָבען זיך געפונען איינע נעבען דער אנדערער, אויף האי סטריט (איצט ווערנאָר האיוועי), נעבען הייסטינגס סטריט. און צו יענער צייט פלעגט מען טאקע באטיטלען די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ מיט איינעם פון די צוויי נעמען: „האנא־שלאָס“ אָדער „אידישער אינסטיטוט“.

שפעטער האָבען אנדערע אידישע וואוילטעטער מנדב געווען באדייטענדע סומען און די פיהרער פון די „טשעריטיס“ זענען זיך אנגעגאנגען מיט זייער ארבייט, ווי זיי האָבען זי פארשטאַנען, ביז עס איז אנגעקומען די ערשטע וועלט מלחמה, דאַן די נאָך־מלחמה פעריאָדע מיט דער קאטאסטראָפאלער לאַגע פון די אידען אין מזרח אייראָפּע, וואָס האָט געפאָדערט אן אויסשפרייטונג פון דער הילפס ארבייט אויף א פיל גרעסערען מאסשטאב.

אין דער זעלבער צייט איז געגרינדעט געוואָרען דער דעטראָיט „קאמיוניטי פאָנד“, די אלגעמיינע צענטראלע שטאָדטישע וואוילטעטיגקייט־אגענטור, אין וועלכער די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ איז אנערקענט און אריינגענומען געוואָרען אלס שותף וואָס פארטרעט די נויטען און פארפליכטונגען פון דער אידישער באפעלקערונג. און דאָס האָט אויף איהר אָרויפגעלעגט מעהר פארַאנטוואָרטליכקייט, כאָטש ביז א געוויסען גראד האָט עס פארלייכטערט איהר ארבייט.

גלייכצייטיג איז דאַן צוגעקומען נאָך אן אומשטאנד. די גרינדונג פון דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע, אין וועלכער דער דעטראָיטער כלל־טהוער דייוויד א. בראון, האָט אלס קאמפיין־פיהרער פאר'ן „דזשאָינט“ געשפּילט אזא קאלאָסאלע ראָלע, האָט געמוזט ווירקען — און עס האָט געווירקט — אז די פיהרער פון דער „פאראייניגטער צדקה“ זאָלען אנווענדען א פיל ברייטערען און מעהר אומפאסענדען בליק אויף זייער אייגענער, לאָקאלער טהעטיגקייט.

די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט איהרע „דרייוום“ אין דעטראָיט, פונקט ווי אין אנדערע שטעדט, אנגעפיהרט אויף אן העכסט דעמאָקראַטישען אופן. און דאָס האָט דירעקט און אונדירעקט געשאפען אלץ מעהר און מעהר

דערנעהנטערונג, צווישען די פריער כמעט אבגעזונדערטע גרופען אין אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען פון שטאָדט.

די צייט האָט דערוייל געטהאָן דאָס איהריגע. דעטראָיט איז אלץ מעהר און מעהר געוואַקסען, פאַרגרעסערענדיג אויך די פּראָפּאָרציע פון דער אידישער באפעלקערונג אין שטאָדט.

אום צו דערגעהן א טאָלק און צו וויסען די גענויע צאָהל אידען אין דעטראָיט, האָט אין 1923 די פאמיליע וויינעמאן, פינאנסירט א ספּעציעלע ווי־סענשאפטליכע אויספאָרשונג פעסטצושטעלען, אויף וויפיל דאָס איז מעגליך געווען, דעם גאַנצען באשטאַנד פון דער אידישער באפעלקערונג. און מיט די רעזולטאַטען פון דער אויספאָרשונג, דורכגעפיהרט פון דער „ביוראָ אָוו דזשואיש סאָשעל ריסוירטש“, אלס באזיס, האָט מען גענומען קאָאָרדינירען די וואויל־טהעטיגע ארבייט אין איהרע פארשיידענע פאָרמען.

עס זיינען אויסגעטהיילט געוואָרען באזונדערע אינסטיטוציעס, וואָס זענען נויטיג פאר איין פילאנטראָפּישען צוועק אָדער א צווייטען; מען האָט פּרובירט איינשטעלען די ארבייט אויף א סיסטעמאַטישען אופן. און דאָ האָט מען זיך געכאַפּט אז עס איז פארהאַן נאָך און נאָך ארבייט וואָס דאַרף, און מוז, געטהאָן ווערען, — ארבייט וואָס איז ביז דאַן פארנאַכלעסיגט געוואָרען, אָדער מען האָט וועגען איהר קיין שום אַנונג ניט געהאַט.

מאָריס וואַלדמאַן, דער איצטיגער סעקרעטאַר פון דער „אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע“, און דער דאַמאָלסטיגער דירעקטאָר פון דער צדקה־פעדעראַציע אין ברוקלין, איז געבראַכט געוואָרען קיין דעטראָיט אלס פּאַרוואַלטער פון דער „פאַראייניגטער צדקה“. און קומענדיג פון א שטאָדט וואָס איז פיל מעהר אי־דישער, אינ'ם פאָלקסטימליכען זין פון וואָרט, ווי דעטראָיט צו יענער צייט, האָט ער מיטגעבראַכט יענע דעמאָקראַטישע באַגריפען, אין וועלכע די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ האָט זיך שטאַרק גענויטיגט און וועלכע זענען טאַקע דאָ גלייך אנגעווענדעט געוואָרען. רייבונגען זענען ווי ווייט מעגליך אויסגעמידען געוואָרען און מעהר פארשטענדניס איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין דער ארבייט, און אין די באציהונגען צווישען די פארשיידענע אידישע עלעמענטען, אינערהאַלב דער אלגעמיינער אידיש־פילאַנטראָפּישער טהעטיגקייט.

אין א גאַנץ קורצער צייט האָט די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ באַ־קומען א גאַנץ אנדער פּנים. דאָס איז געוואָרען א קערפּערשאַפט מיט'ן טראָפּ מעהר און מעהר אויף קאָנסטרוקטיווער הילפס־ארבייט, ווי „צדקה“, אינ'ם אלט־פרענקישען, פארשימעלטען זין פון וואָרט.

מען האָט אנגעהויבען פארשטעהן אז עס איז אומגעזונד ווען מען צובראַ־קעלט די הילפס־טהעטיגקייט, אַז דער וואָס איז בכח זיך צו באשטייערען פאר פילאנטראָפישע צוועקען, זאָל עס דארפען טהאָן עטליכע מאָהל, אנשטאט איין מאָהל. דאָס ווירקט סתם שלעכט אויפן ביישטייערער און מען קען איבערהויפט קיין קאָנטראָל ניט האָבען אויף דער אלגעמיינער אידישער וואוילטהעטיגקייט פון שטאָדט.

עס איז אויפגעקומען די אידעע פון איין יאָהרליכען קאמפיין, וועלכער זאָל ארייננעהמען אַלע וויכטיגסטע הילפס־צוועקען, לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע וואָס האָבען דאן שוין געהאט אן אנהאַלט אין דעטראָיט, דורך די באזונדערע זאמ־לונגען וואָס פלעגען דאָ פאר זיי געמאכט ווערען. די דאָזיגע אידעע איז ביס־לאכוויז, ביסלאכוויז אַלץ מעהר אויסקריסטאליזירט געוואָרען. און אין 1926, דריי יאָהר נאכדעם ווי די אויספאָרשונג איבער'ן צושטאנד פון דאָס אידישע דעטראָיט איז געמאכט געוואָרען, איז געגרינדעט געוואָרען די „דזשואיש וועל־פעיר פעדערייישאָן“, וואָס נעהמט איצט אריין 20 לאָקאַלע אינסטיטוציעס, אנ־שטאַלטען און צוועקען — פילאנטראָפישע, ערציהערישע און קולטורעלע — און שטיצט יעהרליך מיט באשטימטע סומען 35 פארשיידענע נאַציאָנאַלע הילפס־צוועקען, דאָ אין לאנד און, הויפטזעכליך, אויף דער אנדערער זייט ים, בכל תפוצות ישראל, וואו אידישע הילף איז נויטיג.

---

דער ערשטער מיטינג פאר דער גרינדונג פון דער אידישער וועלפעיר פע־דעראציע איז אבגעהאלטען געוואָרען דעם 5טען מאַי, 1926, אין אָפיס פון די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס, אין האנא שלאָסס בילדינג. פרעד מ. באטצעל, דער פּרעזיצער פון יענער היסטאָרישער זיצונג, האָט ערקלעהרט אז די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס, די פרעש עיר סאָסייעטי, די דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ, דער נאָרטענד קליניק און די דזשואיש סענטער אסאָסיאיישאָן, האָבען גענומען אויף זיך די איניציאטיווע, צו גרינדען א פארבאנד פון אַלע אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען אין שטאָדט.

די זיצונג האָט דאן באשלאָסען איינצולאַדען אלס אויטאָנאָמע אבטהיילונגען אין דער פעדעראציע, די היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן, דעם בית יתומים, די יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן, דעם מושב זקנים און הכנסת אורחים.

פארשטעהט זיך אז ס'האָט נאָך לאנג, לאנג גענומען ביז אָט די אויסגע־רעכענטע אינסטיטוציעס זענען געקומען צו דער דערקענטעניש אז זייער פּלאַץ איז אין די רייהען פון דער פעדעראציע. אין די וויטערדיגע קאפיטלעך וועט דער לעזער געפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען זיי און אויך די גענויע דאטעס,

ווען זיי האָבען זיך אנגעשלאָסען אָן דער פעדעראציע, וועלכע איז נאָך יענעם ערשטען גרינדונגס־מיטינג פאקטיש שוין געוואָרען א רעאַליטעט.

ביי יענעם מיטינג האָט מען זיך אויך געכאפּט, אז צוליב דער געענדערטער געאָגראפישער לאגע פון אידישען ישוב, מוז מען איבערטראָגען יענע עטליכע אינסטיטוציעס וואָס האָבען זיך נאָך געפונען אין אויבענדערמאהנטען „האַנאַ שלאָס" און אין „אידישען אינסטיטוט", אין אנדערע, מעהר צוגעפּאסטע, אידי־שע געגענדען פון דעטראָיט.

דעם 21טען סעפּטעמבער פון זעלבען יאָהר, מיט קנאַפּע פינף חדשים שפּע־טער, איז דער מיטינג שוין אָבגעהאַלטען געוואָרען אין אָפיס פון די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס, אין פענאָבסקאט בילדינג וואו ס'איז ערוועהלט געוואָרען א צייטווייליגע „באָארד אָוו גאָווערנאָרס" אין באשטאנד פון: דייוויד א. בראון, פרעד מ. באטצעל, דר. לעאָ פרענקלין, וויליאם פרידמאן, בערנארד גינזבורג, נייטען מ. גראָסס, רבי א. מ. הערשמאן, ריכטער העררי ב. קעידאן, דזשוליאן קראַליק, דייוויד וו. סיימאן, מילפאָרד סטוירן, סעמועל סאמערפיעלד און הענרי ווײנעמאן.

ביי דעם דאָזיגען מיטינג האָט מען זיך געאייניגט אויף די תקנות לויט וועלכע די פעדעראציע זאָל אינקאָרפּאָרירט ווערען אונטער די געזעצען פון מישיגען סטייט, מיט אָפיציעלע פּארטרעטער אין דער „באָארד אָוו גאָווערנאָרס" פון אלע, ביז דאַן, אנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס צו וועלכע ס'איז אויך צוגע־קומען אויסער די אויבענאויסגערעכענטע, די פאראייניגטע תלמוד תורות (יו־נייטעד היברו סקוהלס).

מיר געפינען אלזאָ אלס די אָפיציעלע אינקאָרפּאָראַטאָרס פון דער „דזשו־איש וועלפעיר פעדערייישאָן", וועלכע איז געזעצליך אינקאָרפּאָרירט געוואָרען דעם 15טען אָקטאָבער 1926, די פאָלגענדע פּערזאָנען: מילטאָן אלעקסאנדער, פרעד מ באָטצעל, לואיס דוסקאָף, דזשייקאָב פרידבערג, ראַבאי לעאָ פרענקלין, וואלטער פוקס, נייטען גראָסס, אידיטה העוועריטש, בערנארד אייזיקס, דזשוליאן קראַליק, טעאָדאָר לעווין, איסר ראבינאָוויטש, מילפאָרד סטוירן, סע־מועל סאמערפעלד, מאָרים ד. וואלדמאן מעלוויל ס. וועלט, הענרי ווײנעמאן און דייוויד זימאָן.

באלד נאָך דער קאָנסאָלידירונג פון די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס אין דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע, איז דורכגעפיהרט געוואָרען א קאמפּיין פאר א דריי־יאָהריגען בודזשעט. דעטראָיט איז דאן געווען פול מיט שפע, פון וועלכער די אידישע באפעלקערונג האָט גענאָסען איהר חלק. אָבער טראָץ דעם וואָס די רעאליזירטע סומע פאר די דריי יאָהר, איז געווען א גאנץ היבשע,

איבער 700 טויזענד דאלאר, איז אָבער די צאָהלביישטייערער געווען אין פּראָפּאָרציע צו די בייגעשטייערטע סומען, פיל וויינינגער, — סך הכל עטוואס איבער דריי טויזענד (3,185) — ווי זי האָט באדארפט זיין.

עס איז געווען די צייט פון קאנסאלידאציע, פון באפעסטיגען און פארשטארקערען יענע אנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען וואָס האָבען זיך געמוזט צופּאַסען צו די נייע אומשטענדען, אין נייע דירות און טאקע מיט נייע פארגרעסערטע טהעטיגקייט־פּראָגראמען. האָט מען געוואָלט שפּאָרען צייט און מיה דורך איין קאמפּיין פאר פולע דריי יאָהר, אנשטאַט יעדעס יאָהר א באזונדערען „דרייוו", פאר די נויטען פון באשטימטען יאָהר.

אז דאָס האָט קיין טובה ניט געטהאָן דעם הויפּט־ציעל און צוועק פון דער פעדעראציע, צו פאראייניגען וואָס מעהר פון די שוין עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס אין איין צענטראַלער קערפּערשאפט, באווייזט דער פאקט, וואָס אין משך פון די דריי יאָהר, האָט קיין איינע פון די באטרעפענדע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען, זיך ניט אנגעשלאָסען אן דער פעדעראציע.

די רעקאָרדס צייגען אז ערשט אין 1929, הויבען אָן ביסלאכווייז זיך אנשליסען אן דער פעדעראציע דער „טשאַילד קעיר קאונסיל", די קערפּערשאפט וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם אמאָהליגען בית יתומים און די היברו בייבי דעי נוירסערי; דאָן דער מושב זקנים, דער הכנסת אורחים, דער „אנעמפּלאָימענט עמוירדזשענסי קאונסיל", די אידישע קינדער היים און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז די אידיש וועלטלאכע שולען, די „ליעג פאר היומאן רייטס" און פארשטעהט זיך, דער אידישער קאמיוניטי קאונסיל וואָס איז א פּראָדוקט פון אָט דער פאלשטענדיגער איינינקייט היינט צו־טאָג צווישען אלע גרופּירונגען פון אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען אין די רייהען פון דער וועלפעיר פעדעראציע.

אין 1929 האָט מאָרים וואלדמאן פארלאָזען דעטראָיט און אויף זיין פּלאַץ איז אנגעקומען דר. דזשאן סלאָוסאן, (איצט דער הויפּט פון דער „דזשואיש באָארד אָוו גאַרדיענס" אין ניו יאָרק).

מיט דר. סלאוסאן אלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר, האָט די פעדעראציע גענומען מאכען די נויטיגע פארבעסערונגען אין איהר אייגענער סיסטעם, אין איהר אייגענעם אפּאַראט פון פאראייניגטער וואוילטהעטיגקייט־ארבייט.

עס איז ערשטענס באשלאָסען געוואָרען יעדעס יאָהר דורכצופיהרען איין קאמפּיין, וואָס זאָל אויך איינשליסען וואָס מעהר פון די נאציאָנאלע הילפסאָגענטורען, אויב זיי זיינען נאָר גרייט אויפצוגעבען זייערע באזונדערע קאמפּיינס אין דעטראָיט; צווייטענס, האָט זיך אנגעפאנגען אן אויפקלערונגס־ארבייט צווישען די פיהרער פון די, אזוי גערופענע, „אינדעפּענדענט" אינסטיטוציעס,

Detroit Tuesday Evg Nov 7 - 1899

In pursuance of a call issued by a Committee appointed by the Beth-El Hebrew Relief Society to the various Jewish Philanthropic Organizations of this City, A meeting was held this evening in the Vestry rooms of Temple Beth-El, with the following Societies represented

" Ladies Sewing Society
" Jewish Relief Society
" Self help Circle
" Beth-El Hebrew Relief Society

upon motion, Mr Martin Butzel was Elected Chairman, and Mr Alfred Rothchild, Secretary.

Dr Franklin as Chairman of the Committee representing the Beth-El Hebrew Relief Society, reported, that the following letter had been sent to all the Jewish Charitable Organizations of this City, and which had given birth to this evenings Meeting.

" At a meeting of the Beth-El Hebrew
" Relief Society, the undersigned Com-
" mittee was appointed to secure the
" Co-operation of all other Jewish Philan-
" thropic organizations in the City
" for the formation of a Joint association
" by which all charitable, and educational
" work now being done by our various
" Societies may be more expeditiously
" and less expensively accomplished.
" It may be said, that according to
" the plan of organization proposed

דאָס ערשטע בלעטעל פונ׳ם ערשטען פּראָטאָקאָל ביי דער גרינדונג פון דער ערשטער פאראייניגטער צדקה,
„די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ אין דעטראָיט (דעם 7טען נאָוועמבער 1899).
פאקסימיליע פונ׳ם אָריגינאַל אין אַרכיוו פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע.

אַז זייער פּלאַץ איז אין דער פעדעראַציע; און דריטענס האָט מען אויפגעלעבט די „סוירוויס גרופּ“, אַט יענע קערפּערשאַפט אינערהאַלב דער פעדעראַציע, וואָס דאַרף זיך אָבגעבען מיט דער פּראַקטישער ארבייט פון די יעהרליכע קאַמפּיינס.

אַז אין די אַלע פּרטים איז די אויפגאַבע פון דער פעדעראַציע אין משך פון די נעקסטע דריי יאָהר אדורך מיט גרויס ערפאָלג, באַווייזען פאָלגענדע פאַקטען: שוין אין 1930, מיט איין יאָהר שפּעטער איז אין דער קאַמפּיין קוואָטא פון 305 טויזענד דאָלאַר, איינגעשלאָסען געוואָרען א סומע פון הונדערט טויזענד דאָלאַר פאַר דער „אידישער אַגענטור“, די דאַמאָלסטיגע צענטראַלע הילפס־קערפּערשאַפט פאַר מזרח־אייראָפּע און פאַר ארץ ישראל, און נאָך 100 טויזענד דאָלאַר אויף צו בויען אַ אידישען צענטער.

אין משך פון די עטליכע יאָהר ביז 1932 זיינען אַריבער אונטער דער השגחה פון דער וועלפעיר פעדעראַציע דער בית יתומים, די בייבי נוירסערי, דער הכנסת אורחים, דער מושב זקנים און דער „טשאַילד קעיר קאונסיל“, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דער „דזשואיש טשאַילד פּלייסמענט ביוראָ“. אויך די אידישע קינדער היים איז אין זעלבען יאָהר 1932 געבויט געוואָרען; און די „סוירוויס גרופּ“, איז גלייכצייטיג אויסגעוואַקסען צו איינער פון די טיכטיגסטע קערפּערשאַפטען וועלכע האָט פון קאַמפּיין צו קאַמפּיין, פאַרגרעסערט איהר באַשטאַנד אויף אַלע, פון איהר ערוואַרטעטע, פונקציעס און אויפגאַבען.

די „סוירוויס גרופּ“ איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1926, אַלס פּראַקטישע הילפּס־גרופּע פאַר דער פעדעראַציע, הויפּטזעכליך אין דער דורכפיהרונג פון די יעהרליכע קאַמפּיינס און אין איהר פּראַקטישער מיטבאַטייליגונג אין די יעהרליכע „דרייווס“ פון דעטראָיט קאַמיוניטי פאַנד, וועלכער סובסידירט אַכט פון די אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען.

אָבער ווערענד אין די ערשטע דריי יאָהר, נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן „אָגולנעם“ קאַמפּיין אין 1926, האָט זי עקזיסטירט בלויז אין נאָמען, האָט איהר טעטיגקייט־ספערע אין איהר ארבייט ערשט ריכטיג זיך צעוואַקסען, מיט׳ן קאַמפּיין יאָהר פון 1929.

איהר אויפגאַבע איז זעהר אַ וויכטיגע. פון דער „סוירוויס גרופּ“ ווערט צוזאַמענגעשטעלט די בודזשעט קאָמיטע פאַר יעדען יעהרליכען קאַמפּיין. די דאָזיגע קאָמיטע וואָס באַשטעהט פון עטליכע הונדערט מיטגלידער, נעהמט אריין אין איהר באַשטאַנד פאַרטרעטער פון אַלע שיכטען און אַנגעהעריגקייטען אין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען פון שטאָדט. די בודזשעט קאָמיטע צוטהיילט זיך אויף קלענערע קאָמיטעס וואָס הערען אויס די פאַרטרעטער פון אַלע הילפס־

אגענטורען, אינסטיטוציעס און צוועקען — לאָקאַלע, נאַציאָנאַלע און מעבר לים — וועלכע ווענדען זיך אריינגענומען צו ווערען אין דער קאמפּיין קוואָטא.

אויף די רעקאָמענדאַציעס פון דער „סוירוויים גרופּ", דאָס הייסט פון איהר בודזשעט־קאָמיטע, באשטימט די באָארד אָוו גאָווערנאָרס פון דער פעדעראַציע די גרויס פון דער יעהרליכער קוואָטא.

דאן קומט די דורכפיהרונג פון דער פּראקטישער קאמפּיין ארבייט: דאָס ארויסגעבען און פארשפּרייטען קאמפּיין ליטעראטור; די צעהנדליגער אויפ־קלעהרונג פארזאמלונגען; דאָס שיקען רעדנער צו די עטליכע הונדערט פאר־איינען, לאנדסמאנשאפטען, קאָנגרעגיישאָנס און אָרגאניזירטע גרופּען אויף דער אידישער גאס; דאן די זאמלונגען פון דיביישטייערונגען צווישען דער אידי־שער באפעלקערונג. און ווען מען איז שוין פארטיג מיט'ן קאמפּיין, מוז די טע־טיגקייט פאָרטגעזעצט ווערען נאכצופאָלגען די „פּלעדזשעס", זיי אויפמאָהנען— אָט דאָס אלץ איז פארבונדען מיט א סך, א סך פּראקטישע ארבייט אין פארלויף פון גאנצען יאָהר, פאר וועלכער די „סוירוויים גרופּ", פארדינט א גרויסען יישר כח מצד דעם גאנצען דעטראָיטער אידענטום. גענוג דאָ צו זאָגען אז פון א גרופּע פון 400 פּראקטישע קאמפּיין טהוער אין 1929, איז זי היינטיגס יאָהר אויסגע־וואקסען צו קנאַפּע פיר טויזענד (3,932) אקטיווע קאמפּיינערס, מענשען וואָס האָבען אָבגעגעבען זייער צייט, מיה און ענערגיע אין משך פון קאמפּיין. דאָ דארף אויך דערמאהנט ווערען אסתר ר. פּראָשיאן, די ענערגישע סעקרעטארשע פון דער דאָזיגער אָרגאניזאציע פון פּראקטישע קאמפּיין־טהוער, זייט איהר גרינדונג ביז היינט צו טאָג, ווען ביי דער „סוירוויים גרופּ" עקזיסטירט שוין דאָס צווייטע יאָהר א יוגענד־אָרגאניזאציע, א „דזשוניאָר סוירוויים גרופּ", וואָס טהוט די ארבייט צווישען דער אידישער יוגענד, וועלכע וואָלט זאָנסט, ניט דער־גרייכט געוואָרען און ניט פאראינטערעסירט געוואָרען אין די צילען, צוועקען, פליכטען און פאראנטוואָרטליכקייטען פונ'ם אידישען כלל, פון וועלכען זיי זיינען א זעהר וויכטיגער טהייל.

צו דער „סוירוויים גרופּ", דארף אויך צוגעשריבען ווערען דער קרעדיט פאר דעם ספּעציעלען „פּרויען פּראָיעקט" וואָס ווערט שוין דאָס דריטע יאָהר דורכ־געפיהרט, אלס בייטראג פון די אידישע פרויען צום פאראייניגטען אידישען קאמפּיין.

---

אין 1932, האָט דר. סלאָוסאָן פארלאָזען דעטראָיט און אלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער פעדעראַציע איז אנגעקומען קאָרט פאַיזער פאר א פּעריאָדע פון פינף יאָהר, וואָס מען קען באצייכענען אלס די פּעריאָדע פון אויספּרייטונג און פון איבערבוי פון דער אידישער וואוילטעטיגקייט אין דעטראָיט.

דאס זענען די פינף יאהר ווען טראץ דעם קריזיס, און אפשר א דאנק דעם קריזיס, האט אויפגעוואכט דער באוואוסטזיין ביי די ברייטע אידישע פאלקס־מאסען פאר זייערע אינסטיטוציעס.

אין 1933 איז געקויפט און רעמאנטירט געווארען די ערשטע געביידע, פארן אידישען צענטער אויף וואודווארד און האלברוק עווניו, מיט די געלד וואס איז שוין פון פריער פאר דעם צוועק געזאמעלט געווארען.

שפעטער מיט א יאהר, האט זיך אנגעהויבען יענע ספאנטאנע באוועגונג פאר א נייער היים פאר׳ן מושב זקנים. דאס האט גלייכצייטיג געפיהרט צו דער אויסקריסטאליזירונג פונ׳ם געדאנק פון איין פאראייניגטען אידישען פאלקס־ראטה, אין מאדערנעם זין פון ווארט, דורך דער גרינדונג פון קאמיוניטי קאונ־סיל. *) אוןביידע, את די אויפגאבען, זיינען אין משך פון עטליכע יאהר דורכ־געפיהרט געווארען.

עס איז כאראקטעריסטיש דא אנצואווייזען אז ווערענד אין די יאהרען 1932, 1933 און 1934, זענען די קאמפיין־קוואטאס געווען גאנץ קליינע און די צאהל ביישטייערער איז דוקא געפאלען — מיט עטליכע הונדערט, און איין יאהר אפילו מיט איבער טויזענד — לגבי דאס פריערדיגע יאהר 1931, האט אבער אין די יאהרען 1935 און 1936, ווען מען האט איינגעשלאסען אן די „קוואטאס“ נרעסערע סומען פאר׳ן נייעם מושב זקנים, די צאהל ביישטייערער זיך א הויב געטהאן ביז איבער אכט טויזענד פאר יעדען פון די צוויי יאהר.

פון 1599 ביישטייערער אין 1929 פאר א „קוואטא“ פון איבער 130 טוי־זענד דאלאר, האבען איצט זיך שוין געהאט באשטייערט 8,235 דעטראיטער אידען אויף א סומע פון 318 טויזענד דאלאר, א גרויסע צאהל פון זיי מעהר־סטענס מיטגלידער פון די הילפס־פאראיינען און לאנדסמאנשאפטען אויף דער אידישער גאס, וואס זענען געווארען אן אקטיווער טהייל פון דער וועלפעיר פעדעראציע.

פאר די לעצטע דריי יאהר, זייט 1937, ווען קארט פאיזער האט פארלאזען דעטראיט, האט די פעדעראציע אלס עקזעקוטיוו דירעקטאר איזידאר סאבעלאף, צו וועמענס פיהרערשאפט מען דארף צושרייבען דאס ארויספיהרען דער פע־דעראציע אויפ׳ן ברייטען שליאך פון פאלקס־אינטערעסען אינ׳ם סאמע דעמאקראטישסטען זין פון ווארט.

פון 9,908 ביישטייערער פאר א קוואטא פון 350 טויזענד דאלאר אין

---

*) פאר מהר איינצעלהייטען וועגען דער סמיכות הפרשה צווישען דער באוועגונג פארן קא־מיוניטי קאונסיל און די ספאנטאנע באוועגונג פאר א נייעם מושב זקנים, זעהט דאס קאפיטעל: „דער אידישער קאמיוניטי קונסיל“.

1937, איז די צאָהלביישטייערער געוואַקסען צו 13,374 אין 1938, הגם די קוואָטא, איז פראָפּאָרציאָנעל ניט אַזוי גרויס, בלויז מיט פערציג טויזענד דאָלאר מעהר. דאָס באַווייזט ווי אַזוי די פעדעראַציע איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אומפּאַסענד. זי האָט אריינגעדרונגען אַלץ מעהר און מעהר צווישען די ברייטע מאַסען, ווי דאָס באַשטעטיגען די ציפערען פון 1939, ווען צוליב דער אידישער לאַגע אין אייראָפּע, האָבען שוין 19,080 דעטראָיטער אידען זיך באַשטייערט צום פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין אויף אַ סומע פון 651 טויזענד דאָלאַר; און היינטיגעס יאָהר ווען 20,440 יחידים האָבען זיך באַשטייערט מיט 735 טויזענד דאָלאַר.

ווען מיר וואָלטען איינגעטהיילט די פערצעהן־יאָהריגע עפּאָכע זייט די פעדעראַציע איז געגרינדעט געוואָרען, אין פיר פעריאָדען, לויט די פיר דירעקטאָרען וואָס זיינען געשטאַנען, און שטעהן, ביים רודער ביז היינט צו טאָג, וואָלט די איינטהיילונג באַדאַרפט זיין אומגעפעהר אַזאַ:

ערשטע פעריאָדע, — איניציאַטיוו און פּלאַנירונג; צווייטע פעריאָדע — פּראַקטישע דורכפיהרונג פון ערשטע אויפגאַבען און קאָנסאָלידאַציע פון די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען אין די רייהען פון דער פעדעראַציע; דריטע פעריאָדע, — די אויסשפּרייטונג און פאַרפעסטיגונג פון די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען דורך דער בריק וואָס איז פאַרוואָרפען געוואָרען צווישען דער פיהרערשאַפט און די ברייטע פאָלקס שיכטען; און פערטע פעריאָדע — דאָס ארויספיהרען די געזעלשאַפטליכע וואוילטעטיגקייט אויפ׳ן ברייטען שליאַך וואו יעדער יחיד איז אַ רינג אין דער קייט פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.

דער צוזאַמענשטעל פון דער פעדעראַציע איז אַ דעמאָקראַטישער אין ברייטסטען זין פון וואָרט. ביים יעהרליכען מיטינג ווערט ערוועהלט אַ „באָארד אָוו גאָווערנאָרס" פון די פאָרשטעהער פון אַלע אנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען. שטים־רעכט האָבען אַלע וואָס באַשטייערען זיך צום קאַמפּיין. יעדער איינער וואָס געפינט זיך אויפן ליסט פון די ביישטייערער, ווערט אָטאָמאַטיש באַטראַכט אַלס מיטגליד פון דער פעדעראַציע און ער אָדער זי, קען קומען — ניין, זיי דאַרפען קומען — און זיך באַטייליגען אין די וואַהלען. זיי קענען דאָן ערוועהלען וועמען זיי ווילען.

ליידער אָבער פלעגען ביז מיט צוויי־דריי יאָהר צוריק קומען צו די מיטינגען נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון די ביישטייערער. עס האָבען אפילו ניט געהאָלפען די מעלדונגען, אַנאָנסען און דירעקטע איינלאַדונגען, דאָס צו דערגרייכען.

זינט דאַן ווערען די מיטינגען אָראַנזשירט אויף אַ מעהר אינטערעסאַנטערען אופן, מיט אַ ספּעציעלען גאַסט־רעדנער פון אויסען־שטאָדט, אַזוי אַז צו דער

יעהרליכער פארזאמלונג קומען שוין פון טויזענד ביז צוועלף הונדערט מענשען — און דאָס באווייזט נאָך אמאָהל דעם גראַדועלען וואוקס פון מעהר און מעהר פאראינטערעסירטע אויך אין די פראקטישע פּראָצעדורעס פון דער פעדעראַציע.

וואָס אנבאלאַנגט די אנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס און הילפס־אגענטורען אלס גאנצע קערפּערשאפטען, ווערט שטריינג אָבגעהיט דער פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פעדעראציע, אַז יעדע פון זיי בלייבט אבסאָלוט אונ־אבהענגיג אין איהר ארבייט. אָבער זי מוז אויפגעבען דאָס זאמלען געלד פאר זיך אליין. אנשטאט דעם זאָל זי צושטעלען איהר בודזשעט צו דער פעדעראציע וואָס וועט איינגעשלאָסען ווערען אין יעהרליכען קאמפּיין און מיט דעם אויס־מיידען איבעריגע אויסגאבען וואָס קומען סוף כל סוף פון די זעלבע קעשענעס, פון די טויזענדער דעטראָיטער יחידים, וואָס שטעלען צוזאמען דעם כלל, — פון די טויזענדער רינגען אין דער קייט וואָס רופט זיך די אידישע וועלפעיר פע־דעראַציע.

עס דאַרף אויך דאָ קלאָהר געמאכט ווערען אז מיט דער גרינדונג פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע, איז אָבער די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ געבליבען עקזיסטירען, ווי די באזיצערין פונ׳ם פארמעגען פון דער פעדעראציע.

דאָס איז די אזוי גערופענע „פּראָפּערטי האָלדינג קאָמפּאני“, אָדער טראָסט־פאָנד פון די פארשיידענע ירושות, וואָס ווערען איבערגעלאָזען פאר פארשיי־דענע אידיש־פילאנטראָפּישע צוועקען און פון די וואָס געפינען זיך אין איהר רשות נאָך פון יאָהרען פריער.

די יונייטעד דזשואיש טשעריטיס, קומט־נאָך, אין דעם פּרט, אלע באַ־שלוסען פון דער פעדעראַציע.

ביים פארענדיגען דאָס קאפּיטעל איז נויטיג צו באַטאָנען דעם פאקט אז: א) אלע אינסטיטוציעס אינ׳ם דעטראָיטער אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען וואָס זענען געוואַקסען, אויסגעשפּרייט און פארגרעסערט זייער באַזע, זענען דערצו דערמוטהיגט געוואָרען פון דער פעדעראציע־פיהרערשאפט; און ב) די פעדע־ראַציע שטעהט פאר הארמאָנישער איינינקייט, אָבער אָן אייניגקייט פון פאר־שיידענע מיינונגען מיט פרייע אָביעקטיווע קריטיק פון יעדען איינעם; פאַרשיי־דענע מיינונגען וואָס ווערען ארויסגעבראכט דורך פריינדליכע דיסקוסיעס, אין דעם גייסט פון דעמאָקראַטיע, אזוי אז די אקטיוויטעט פון דער פעדעראציע און פון איהרע אנגעשלאָסענע אגענטורען, אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען, ווערט אויספּאָרמירט דורך געגענזייטיגער פארשטענדניס פון אלע פאראינטערעסירטע, אינ׳ם קיום פון אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען, לטובת דעם גאנצען אידישען כלל פון דעטראָיט.

# די ״דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ״ —

## אַן אינסטיטוציע פאַר דער רעאַביליטירונג פון דער אידישער פאַמיליע

די עלטסטע אידישע קערפּערשאַפט פאַר „וועלפעיר“ און „רעליעף“ אונטער אַ נייעם מאָדערנעם נאָמען. — דער אורשפּרונג און די געשיכטע פון דער ביוראָ פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף צו נויטבאַדערפטיגטע. — די ניי־געשאַפענע „ריסעטעלמענט סוירוויס“.

אַ גאַנץ אַלטע וואוילטעטיגע קערפּערשאַפט אונטער אַ נייעם, מעהר מאָדערנעם נאָמען — דאָס איז די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ“.

לויט די רעקאָרדס פון דער „ביוראָ“, איז זי אָרגאַניזירט געוואָרען ערשט מיט קנאַפּע פופצעהן יאָהר צוריק. באַקענט מען זיך אָבער מיט איהר געשיכטע, ווערט קלאָהר אַז דאָס איז די ערשטע, — *אויב ניט פאַקטיש די סאַמע ערשטע* — צדקה קערפּערשאַפט וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון דעטראָיטער אידען מיט אַ סך יאָהרען פריער.

אמאָהל, אמאָהל, מיט איבער אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק, ווען עס האָבען אָנגעהויבען אַרויסשפּראָצען די ערשטע צדקה חברות און פילאַנטראָפּיעס אין דעטראָיט, האָט מען פאַרשטאַנען אַז פילאַנטראָפּיע דרוקט זיך אויס אין העלפען דער אָרעמער, נויטבאַדערפטיגער אידישער פאַמיליע מיט עטליכע דאָלאַר, מיט אַ בעסקעט שפּייז, אַ זעקעל קוילען, אַ פלעשעל מעדיצין און דערגלייכען.

שפּעטער ווען די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1899, האָט דער דאָזיגער סאָרט „צדקה“ נאָך אַלץ פאַרנומען דעם אויבענאָן אין דער אידישער וואוילטעטיגקייט, אָבער די אַרבעט איז שוין מעהר אָדער ווייניגער קלאַסיפיצירט געוואָרען. עס זיינען געשאַפען געוואָרען באַזונדערע אַבטיילונגען, אָדער דעפּאַרטמענטען, אין די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“ מיט באַשטימטע אויפגאַבען פאַר יעדען דעפּאַרטמענט דורכצופיהרען ווי: באַזאָרגונג פון רעליעף אָדער וועלפעיר; אַ טשילדרענס ביוראָ; אַ דעפּאַרטמענט פאַר געזונד און מעדיצינישע אויפפאַסונג; ערציהונג און פאַרוויילונג און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דער וויכטיגסטער פון די דעפּאַרטמענטען איז געווען דער „רעליעף דעפּאַרטמענט“, וואָס האָט זיך אָבגעגעבען מיט דער זעלבער אַקטועלער און דירעקטער צדקה צו דער אידישער היים און פאַמיליע. מיט דער צייט אָבער, האָט זיך דער באַגריף איבער פילאַנטראָפּיע און וואוילטעטיגקייט, ראַדיקאַל געענדערט. עס איז געשאַפען געוואָרען שיעור־ניט אַ וויסענשאַפט איבער די מע־

טהאָדען פון הילף צו דער פּאַראַמעטער פאַמיליע אויף פאַרשיידענע, מעהר ווירקזאמע אופנים.

אַלעס האָט זיך סיסטעמאַטיזירט. און מיט דער ניי־געשאַפענער סיסטעם, האָבען זיך אויך אויסגעברייטערט די פונקציעס פון „רעליעף דעפּאַרטמענט".

פון א קערפּערשאַפט וואָס דאַרף געבען אביסעל נויטיגע שטיצע, אָדער איינפאך א נדבה צום קבצן וואָס קען זיך אַליין ניט העלפען, איז אויסגעוואַקסען אן אָרגאַניזאַציע מיט פאַרשיידענע אַבטיילונגען, מיט א קאָנסטרוקטיווע הילפס סיסטעם פאַר'ן אָרעמען, געדריקטען אידען, ער זאָל זיך אַליין קענען העלפען. אין אנדערע ווערטער: מען איז געקומען צום שלום אז יעדע פּלאָגע, יעדע צרה האָט אן אורזאך; דאַרף מען דארום אויסגעפינען די אורזאך פון דער צרה און זי, אויב נאָר מעגליך, אָבשאַפען.

דערצו איז שוין נויטיג א פאַרצווייגטער אַפּאַראַט, וואָס זאָל אַרבייטען לויט א געוויסער אָרדנונג. און פאַר אזא אַפּאַראַט פּאַסט זיך זיכער ניט דער באַשרענקטער נאָמען „רעליעף", ווייל זיין אַרבעט נעהמט אַרום פאַרשיידענע אַנדערע הילפס־פאַזען, אויסער די איינפאַכע רעליעף, וואָס דריקט זיך אויס אין געבען אַביסעל מאַטעריעלע, באַלדיגע שטיצע און — פאַרטיג . . .

ווען די אידישע וועלפעיר פעדעראַציע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1926 אויסטהיילענדיג פון זיך די באַשטימטע הילפס־אגענטורען אין דער אַלגעמיי־נער אידישער פילאַנטראָפּיע, האָט דער געוועזענער „רעליעף דעפּאַרטמענט" פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס", באַקומען דעם נייעם נאָמען, א נאָמען וואָס פּאַסט זיך מעהר־צו, צו דער אַקטיוויטעט פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע און וואָס מאַכט קלאָהר איהרע אויפגאַבען. דאָס איז די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ" — א ביוראָ פאַר אידיש־געזעלשאַפטליכער באַדינונג, צו די יעניגע וואָס מוזען אָנקומען צו געזעלשאַפטליכער שטיצע, זיי זאָלען עס קריגען אויפ'ן בעסטען מעגליכסטען אופן אום, זיי זאָלען זיך קענען צוריק רעאַביליטי־רען, ווערען צוריק זעלבסטשטענדיג און נוצליך פאַר זיך מיט זייערע פאַמיליען. איצט איז שוין אַלזאָ קלאָהר, אַז די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ", כאָטש געגרינדעט מיט קנאַפּע אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר צוריק, איז פּאַק־טיש די עלטסטע וואוילטעטיגקייט אינסטיטוציע אין דעטראָיט.

דערביי דאַרף באַטאָנט ווערען דער פאַקט, אז כאָטש איהר אורשפּרונג ציהט זי פונם „אמאָהל", פון יענער צייט ווען „רעליעף" און „פעמילי וועלפעיר", זיינען געווען ניט קיין צו־שטאַרק סימפּאַטישע סינאָנימען אין דעם אידישען ישוב פון דעטראָיט, האָט אָבער די צייט געטהאָן דאָס איהריגע. און היינט צו־טאָג איז די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ", א מין צענטראַל־פּונקט פאַר

דער פאַרצווייגטער אידישער וואוילטעטיגקייט אין אלע איהרע פאַרשיידענע פאָרמען, מיט פולשטענדיגען צוטרויען צו דער ביוראָ פון אַלע צווייגען און שאַטירונגען אין דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט פון שטאָדט.

ווייל מען אין קורצען רעזומירען די ארבייט פון דער „סוירוויס ביוראָ“ קען מען עס טהאָן אין עטליכע קורצע זאַצען, נעמליך: די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ“, אנדערש ווי דער אַמאָהליגער „פעמילי וועלפעיר דעפּאַרטמענט“ — וואָס האָט זיך אָבגעגעבען מיט שטיצע אינם הארטען מאַטעריעלען זין פון וואָרט און ניט מעהר, — שטרעבט און שטרעגגט זיך אן צו געבען יעדע סאָרט הילף ארויסצוקריכען פון א שווערער, פאַרפּלאָנטערטער לאַגע, צו לעזען די פּראָבלעמען פון אַלע, וואָס ווענדען זיך צו דער ביוראָ נאָך הילף, אויף א ראַציאָנאַלען אופן.

און אַז ביי א מאָדערנער אינסטיטוציע פון דעם סאָרט, פאַרנעהמט די מאַטעריעלע שטיצע דוקא ניט דעם אויבנאָן, באווייזט דער פאקט, וואָס דורכשניטליך ווערען מאַטעריעל, מיט געלד, געשטיצט ניט מעהר ווי צווישען אכצעהן און צוואנציג פּראָצענט פון די וואָס ווענדען זיך אין דער ביוראָ נאָך הילף.

דאָס קומט, פאַרשטעהט זיך, ניט פון דעם וואָס אין דער ביוראָ איז מען חלילה אזוי ענג־הארציג . . . דער פאקט איז אז „סאָשעל סוירוויס“ אין דער פאָרמע פון מאַטעריעלע שטיצע איז היינט צו טאָג א טהייל פון דער רעגירונג'ס אויפגאבען, פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג, אידישער און ניט אידישער צוגלייך.

עס ווערט אָבגעשאַצט אז פאר די לעצטע עטליכע יאָהר זיינען דורכשניטליך פארהאן צו יעדער צייט ארום טויזענד אידישע פאמיליעס אין דעטראָיט וואָס קריגען רעגירונגס הילף, — דורכ'ן וועלפעיר דעפּארטמענט, סאָשעל סעקיוריטי, וו. פּ. א. און אנדערע רעגירונגס פארפליכטונגען.

אָבער ניט מעהר ווי צווישען זיבעציג און אכציג אידישע פאמיליעס, קריגען געלד שטיצע פון דער „סאָשעל סוירוויס ביוראָ“, צו יעדער געגעבענער צייט, פאר די לעצטע עטליכע יאָהר.

די דאָזיגע געלד שטיצע ווערט געגעבען אין פאלען וואו די נויטבאדערפטיגע זענען ניט בארעכטיגט צו שטיצע פון די רעגירונג דעפּארטמענטען — נאַציאָנאַלע אָדער לאָקאַלע—צוליב איין אורזאך אָדער א צווייטער; אין פאלען וואו

יענע רעגירונגס שטיצע איז ניט גענוג; און אין אזעלכע פאלען, וואו די ביוראָ איז פאראינטערעסירט, אַז די באטרעפענדע פאמיליע זאָל זיך איבעררהויפט ניט ווענדען נאָך קיין רעגירונגס שטיצע, ווייל איהר עקאָנאָמיש־געדריקטע לאַגע איז א צייטווייליגע, וואָס קען מיט אנדערע מיטלען בעסער באַזאָרגט ווערען.

און אין דעם פּרט איז אינטערעסאנט צו וויסען, אַז די ביוראָ העלפט אין נויטיגע פאַלע מיט הלוואות פו דער „היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן" פאר וועלכע די ביוראָ גאראנטירט. און ווען נויטיג, באצאָהלט זי אויך פאר די לאָאנס.

אויף אזוי פיעל איז, ווי מיר זעהן, אפילו איהר דירעקטע „טשעריטי", אויך פון א קאָנסטרוקטיווען כאראקטער.

---

שטעהענדיג פאר דער אויפגאבע פון געבען יעדע סאָרט הילף אויף יעדען מעגליכען אופן — און אונטער פארשיידענע אומשטענדען — צו די וואָס ווענ־דען זיך מיט זייערע פּראָבלעמען און מיט זייערע טראגעדיעס צו דער „סאָשעל סוירוויס ביוראָ", איז איהר ארבייט, זעלבסטפארשטענדליך, א פארצווייגטע, אזא וואָס מוז געטהאָן ווערען דורך פארשיידענע אבטיילונגען אָדער דעפּארט־מענטען, אום צו דערגרייכען די געוויגשטע רעזולטאטען.

לאָמיר א שטייגער נעהמען איין פּראָבלעם, די טראגעדיע פון דער פאמיליע, מיט וועלכער עס גיט זיך אָפּ א ספּעציעלער דעפּארטמענט.

פארהאַן הונדערט און איין אורזאכען וואָס צוטרייסלען אידישע פאמיליען־לעבענס; אַלערליי אומשטענדען זיינען גורם אַז אידישע היימען זאָלען צוברעָ־כען ווערען און די עלטערען, אזוי גוט ווי די קינדער, זאָלען מוזען אנקומען נאָך הילף אין איין פאָרמע אָדער א צווייטער.

שטעלען מיר זיך פאָר אַז א פאמיליע איז הילפלאָז געוואָרען און זי מוז אנקומען נאָך שטיצע. וואָס־זשע איז די אורזאך דערפון?

פארהאַן גאנצע פּעק מיט אורזאכען וואָס דארפען אויסגעפאָרשט ווערען. גענוג בלויז צו דערמאהנען עטליכע פון זיי ווי א שטייגער ארבייטסלאָזיגקייט; קראנקהייט; פאמיליען־קריגעריי; א פוילער מאַן וואָס וויל פּשוט ניט אר־בייטען; א מאַן וואָס איז אנטלאָפען און איבערגעלאָזען זיין ווייב און קינדער אויף הפקר; א מאָהל א פאל פון גייסטיגער אונאָרמאליטעט, פּשוט געַרעדט, משוגעת ביי אימיצען פון דער פאמיליע, וואָס צוטרייסעלט די היים; א סך מאָהל שלעכטע קינדער וואָס רואינירען די עלטערען; און נאָך און נאָך אנדערע אומשטענדען וואָס קומען פון פארנאכלעסיגטער דערציהונג, ניט צוגעפּאסטקייט

צווישען עלטערען און קינדער און ברודער און שוועסטער, וועלכע פאראורזאכען צרות, אָרעמקייט און הילפלאָזיגקייט אין אַ אידישער היים.

יעדע אורזאך מוז אויף אַן אנדער אופן אויסגעפאָרשט ווערען. צו יעדער פראָבלעם מוז מען צוטרעטען מיט אַנדערע מיטלען, מיט אַן אנדער סיסטעם און הויפטזעכליך מיט אַ סך געדולד.

און ווען די אורזאך ווערט שוין פעסטגעשטעלט, ווענדעט מען דאַן אָן די בעסטע מיטלען, אין דעם באטרעפענדען פאַל, צוריקצוברענגען די פאמיליע צו נאָרמאַליטעט.

דאָס איז די ארבעט פון „פעמיליע וועלפעיר דעפּארטמענט", וועלכער גיט זיך אויך אָפּ מיט דער פּראָבלעם פון ראטעווען אידישע באָיעס און מיידלאך וואָס נעהן אראָפּ פון גלייכען וועג.

הלואי וואָלט עס אזוי ניט געווען, ווי עס איז יאָ פארהאַן אַ היבשער פּראָצענט אידישע אינגלאך און מיידלאך וואָס ווערען צעלאָזען און פארנעהמען זיך אויף שלעכטע וועגען.

אמאָהל ווען די עלטערען האָבען מוט, שעמען זיך ניט, קומען זיי אליין אין דער „סאָשעל סוירוויס ביוראָ" זיך אויסריידען דאָס הארץ; אַן אנדערש מאָהל קומען שכנים און גיבען איבער די „קעיס"; ס'רוב קומט אזא אינפאָרמאַציע פון סקוהל און מעהרערע מאָהל ווערט די זאך ליידער פארנאכלעסיגט ביז, לאָמיר זאָגען, דער באטרעפענדער אינגעל פאַלט שוין אריין צו דער פּאָליציי און מען ברענגט איהם אין קאָורט.

וואָס עס זאָל אָבער ניט פּאסירען, ווען אזא „קעיס" קומט אָן אין דער ביוראָ, ווערען גלייך אנגענומען די נויטיגע מיטלען. די גאַנצע זאך ווערט אונטערזוכט און אלץ ווערט געטהאָן אַ אידיש קינד צו ראטעווען.

די מעטהאָדע וואָס ווערט דאָ אנגעווענדעט איז אַ מאָדערנע: מען רעדט מיט איהם, מען געפינט אויס וואו עס ליגט די צרה פון זיין אונאָרמאַליטעט. ער ווערט אונטערזוכט פון אַ פּסיכאָלאָג, און ווען נויטיג, אויך פון אַ דאָקטאָר־פּסיכיאַטאָר פעסטצושטעלען די דיאַגנאָזע אום צו וויסען וואָס עס דארף אַמ־בעסטען, אין באשטימטען פאַל, געטהאָן ווערען.

דאָס זעלבע ווערט געטהאָן מיט אידישע מיידלאך וואָס פארקירעווען זיך אויף שלעכטע וועגען. אָבער אזוי ווי די פּסיכאָלאָגיע פון דער מיידעל איז גרונט פארשיידען פון דער פּסיכאָלאָגיע פונ'ם אינגעל, אזוי מוז מען אויך אנווענדען פארשיידענע מיטלען, צוגעפּאסט צום באשטימטען פאַל אום די רעטונגס־ארבעט זאָל זיין ווירקזאם און ערפאָלגרייך.

לײדער פּאַסירען אויך פאַלען װען די זאַך איז שוין אװעק צו־װײט, װען צוליב נאַכלעסיגקייט אָדער בושה מצד די עלטערען איז דאָס קינד שוין צו װײט פאַרקראָכען אין שלעכטע דרכים און דאָס געזעץ איז שטרענג מיט אַזעלכע פאַר־ברעכער.

אָבער װען ס'איז נאָר פאַרהאַן די מינדסטע מעגליכקייט, זיי צו רעפאָר־מירען דורך „פּראָבײשאַן", װערען אַזעלכע באַיעס און מײדלאַך איבערגעגעבען אונטער דער השגחה פון דער ביוראָ, און גאַנץ אָפט מיט גוטע רעזולטאַטען.

אָט די־אָ גאַנץ פאַרשײדענאַרטיגע טהעטיגקייט פון דער ביוראָ, צו װעל־כער עס נויטיגט זיך ערפאַהרונג, טאַקט און געדולד, איז קאָנצענטרירט אין דעם „פעמיליע װעלפעיר דעפּאַרטמענט".

א צװייטער װיכטיגער דעפּאַרטמענט איז דער קינדער באַזאָרגונג אָדער „טשײלד קעיר" דעפּאַרטמענט.

פאַרהאַן צעהנדליגער פאַלען װען דער שלום־בית װערט צושטערט צוליב קינדער. און דאָ װירקען אויך מעהר װי איין אורזאַך. — א שטײגער די ניט־צוגעפּאַסטקייט צװישען קינדער און טאַטע־מאַמע; אָבגעריסענקייט און צושײ־דונג צװישען מאַן און װײב; אונאָרמאַליטעט און בכלל צובראָכענע הײמען װאָס שטעלען אװעק דאָס פּראָבלעם פון באַזאָרגען יענע קינדער, װאָס קענען עס נאָך פאַר זיך אַליין ניט טהאָן.

די ציפערען צײגען אז אין צװײ פון דרײ פאַלען, דאָס הײסט אז צװײ דריטעל פון אַלע קינדער־באַזאָרגונג קעיסעס װערען דוקא ערלעדיגט זעהר צו־פרידענשטעלענד. מען געפינט נעמליך אוים די אורזאַכען פון דעם צובראָכע־נעם שלום־בית און דאָס פּראָבלעם װערט געלעזט אויף א קאָנסטרוקטיװען אופן. די הײם װערט גאַנץ געמאַכט און דאָס קינד בלײבט מיט די עלטערען װאָס איז אין די מעהרסטע אַזעלכע פאַלען, דער געזונדסטער אויסװעג פון דער לאַגע.

דאָרט אָבער װאו דאָס איז ניט מעגליך און דאָס קינד מוז האָבען אן אַנ־דער הײם, װערען אַלע פאַקטען פון דער אויספאָרשונג פאָרגעלעגט פאַר א ספּע־ציעלער קאָמיטע אין באַשטאַנד פון פאַרטרעטער פו דער „סאָשעל סערװיס ביוראָ", פון דער „טשײלד פּלײסמענט ביוראָ", פון דער „אידישער קינדער הײם" און פון דער װעלפעיר פעדעראַציע.

די דאָזיגע קינדער באַזאָרגונג (טשײלד קעיר) קאָמיטע באַשליסט װאוהין דאָס קינד ארײנצוגעבען: צו א פּריװאַטער פאַמיליע אָדער אין דער קינדער הײם.

פאַרשטעהט זיך אז די סאָשעל סערװיס ביוראָ פאָלגט נאָך דעם פּראָגרעס

פון די באטרעפענדע קינדער און דאָס איז אויך א זעהר פאראנטוואָרטליכע אויפגאבע.

א ספעציעלען אָרט אין „קינדער באזאָרגונג" דעפּארטמענט פארנעהמט די אנגעוועהטאגטע פראגע פון דער אונפארהייראטער מוטער מיט איהר קינד.

פּראָפּאָרציאָנעל איז די צאָהל אונפארהייראטע מוטערס ביי דער אידישער באפעלקערונג קלענער לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אָבער דאָס פאר־לייכטערט ניט דאָס פּראָבלעם וואָס באציהט זיך אויף אידישע מיידלאך, אמאָל נאַרישע און אמאָהל גאַנץ באוואוסטזיניגע, וועלכע געפינען זיך אין א מאָדנער לאגע.

איינע איז אליין נערען צו האָדעווען דאָס קינד אויב מען זאָל נאָר פאר איהר שאפען די נויטיגע אטמאָספערע און אומגעבונג; א צווייטע קען ניט אויסשטעהן די חרפה און אויס פארצווייפלונג איז זי גרייט, ניט נאָר זעלבסט־מאָרד, נאָר אפילו א מאָרד צו באגעהן; א דריטע זוכט איהר געזעצליך רעכט פון דער אונגעזעצליכער ליבע און איז גרייט צו ברענגען דעם פאָטער אין גע־ריכט; אָ פערטע וואָלט די גאַנצע ערפאהרונג פארשוויגען ווען איהר געלינגט נאָר דאָס קינד אוועקצוגעבען צום האָדעווען צו אָ פאמיליע און אזוי ווייטער און ווייטער.

דאָס איז א דעליקאטע פּראָבלעם וואָס מוז געלעזט ווערען אויף א זעהר פּאָרזיכטיגען אופן. און דאָ טרעט אריין די ביוראָ, און טהוט, דורך דעם „קינ־דער באזאָרגונג" דעפּארטמענט, אלץ וואָס מען דארף און וואָס ס'איז נויטיג אונטער די געשאפענע אומשטענדען, צו ראטעווען דער מאמען און איהר אומ־שולדיג בייבעלע.

קיין סטאטיסטיקס וועגען אונפארהייראטע מאמעס זיינען דאָ ניט נויטיג. אָבער ליידער פאסירט עס גאנץ אָפט און די ביוראָ דערוויסט זיך שוין פון זיי. ווייל אלע קעיסעס פון דער אידישער מיידעל־מוטער וואָס קומט ענטבונדען ווערען אין די ספעציעלע האָספּיטאלס און אנשטאלטען פאר דעם דאָזיגען צוועק, ווערען גלייך איבערגעגעבען צו דער סאָשעל סוירוויס ביוראָ.

עס פאסירען אויך פאלען ווען דער אונפארהייראטער מוטער געלינגט פּריוואט, אויף א געהיימען אופן, דורכצוגעהן די גאנצע אונאנגענעהמע פּראָ־צעדורע. אָבער סוף־כל־סוף דערגעהט די זאך ביז דער ביוראָ. דאָס מיינט אלזאָ אז ווען ניט די דאָזיגע אינסטיטוציע וואָלטען פילע אידישע מיידלאך צו־גרונד געגאנגען דורך זייער נארישקייט אָדער געוואַגטקייט . . .

נאָך אַ וויכטיגער דעפּאַרטמענט איז דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט די אַזוי גערופענע „אוט-אָוו-טאַון" (אויסען־שטאָדטישע) קעיסעס.

דער דורכשניטליכער מענש ווייס גאָר ניט וויפיל טראַגעדיעס עס שפּילען זיך אָפּ צוליב דעם וואָס דער מאַן, אָדער די פרוי אַנטלויפען פון דעם היים.

איינער לויפט פון דעטראָיט אין אַן אַנדער שטאָדט, אַ צווייטער לויפט קיין דעטראָיט און מען דאַרף זיי אויפזוכען אום צו דערגעהן די אמת'ע אור־זאַכען פון דער טראַגעדיע.

אַמאָל איז דאָס אַבזוכען אַ מאַן, אָדער אַ פרוי, אפשר די איינציגע לעזונג פון אַ פאַמיליען טראַגעדיע.

מען מוז הערען וואָס דער אָדער יענער צד האָט צו זאָגען; אַ מאָהל איז עס בלויז אַ מיספאַרשטענדניס, וואָס קען באַזייטיגט ווערען און אַמאָהל זיינען די אורזאַכען פיל טיפערע, צו וועלכע עס נויטיגט זיך אַ סך טאַקט, געדולד און אַנגעשטרענגטע אַרבייט, וואָס געהט אויך אַריין אין סכום טהעטיגקייט פון דער סאָשעל סירוויס ביוראָ.

* * *

ווי אַזוי ווערט בכלל איינגעטהיילט די אַרבייט פון דער ביוראָ? ווי אַזוי ווייס מען צו קלאַסיפיצירען די אַלע סאָרטען ווענדונגען טאָג־טעגליך אין דער אינסטיטוציע?

דאָ פאַרנעהמט דעם אויבענאַן אַ ספּעציעלער „אויפנאַמס דעפּאַרטמענט", וואו דער אַפּליקאַנט ווערט אויסגעפרעגט ביי זיין ערשטער מעלדונג אין אָפיס.

פון די פראַגען צום אַפּליקאַנט ווערט קלאָהר: 1) צו געהער זיין קעיס צו דער סאָשעל סירוויס ביוראָ; 2) צו זי געהער צו אַן אַנדער הילפס אַגענטור; 3) אפשר קען זי מעגליך אויפ'ן שטעל געלעזט ווערען דורך דער אַנווענדונג פון באַלדיגע פּראַקטישע מיטלען; און 4) צו איז דאָס אפשר אַן ענין וואָס האָט איינגאַנצען ניט צו טהאָן מיט די אויפגאַבען פון דער אינסטיטוציע?

די סאָשעל סירוויס ביוראָ איז זעהר אַ פּאָפּולערע אינסטיטוציע און צו איהר קומט מען מיט כל־ערליי ענינים. דאַרף מען אַלזאָ אין פאָראויס פעסט־שטעלען ווענען וואָס עס האַנדעלט זיך. און דאָס טהוט דער ספּעציעלער אויפ־נאַמס־דעפּאַרטמענט, דורך ערפאַהרענע טוער אויף דעם דאָזיגען געביט.

דורכשניטליך קומען אין פארלויף פון יאָהר אריין צווישען פיר און פיר־און־א־האלב טויזענד ווענדונגען אין דער ביוראָ.

פאר'ן פארגאנגענעם יאָהר איז די גענויע צאָהל געווען 4,210. פון זיי, האָט די אינסטיטוציע דורך איהרע אייגענע אבטיילונגען אטענדעט צו 2,985 קעיסעס; נאָך 1,151 זיינען נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג איבערגעשיקט געוואָרען צו אַנדערע הילפס אגענטורען; און 74 ווענדונגען זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען אויפן גרונד וואָס זיי געהן ניט אריין אין סכום הילפס־טהעטיגקייט פון דער סאָשעל סוירוויס ביוראָ.

דאָס אגב דאַרף אונטערשטראָכען ווערען. עס באווייזט דעם גרויסען פאר־נעהם פון דער אינסטיטוציע אז מיט אזוי פיל פארשיידענע לעבענס־פראַגען ווענדעט מען זיך צו איהר.

א גאַנץ אייגענאַרטיגער דעפּארטמענט ביי דער ביוראָ, איז דער „מענטאַל האַידזשין קליניק", א קליניק פאר גייסטיגער היגיעניע וואו אין די נויטיגע פאַ־לען, ווערען מענער און פרויען, אינגלאַך און מיידלאַך — און אויך די גאַנץ יונגע קינדערלאַך — אונטערזוכט פון א פּסיכאָלאָג, א מיטגליד פון סטעף און אין ספּעציעלע פאַלען אויך פון א דאָקטאָר פּסיכיאַטאָר. דער דאָזיגער קליניק שטעהט אויך צום דינסט אַנדערע, ניט־אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַל־טען פון שטאָדט.

אויסער אָט די פארשיידענאַרטיגע דירעקטע ארבייט פון דער סאָשעל סוירוויס ביוראָ, טהוט דער סטעף ספּעציעלע ארבייט פאר א צאָהל אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען.

דורך דער ביוראָ ווערען געמאַכט אלע אויספאָרשונגען פאר'ן מושב זקנים, פאר'ן הכנסת אורחים, פאר דער קינדער־היים און פאר'ן קאָונסיל קעמפּ. און די ביוראָ קאָאָפּערירט אויך מיט'ן „קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען" אין דער ספּעַ־ציעלער הילף פאר דערוואַקסענע עלענדע מיידלאַך, וואָס נויטיגען זיך אין פריינדשאַפט־פאַרבינדונגען, אין א טרייסט־וואָרט, אין א געזעלשאַפטליכער היים־אַטמאָספערע, דאָס פאר זיי צו קריגען.

די „סאָשעל סוירוויס ביוראָ" האָט אויך געשאַפען א „קאָאָפּעראַטיווען קאָונסיל" פאר די קליינע פארשיידענאַרטיגע צדקה־סאָסייעטיס — דרייצעהן פון זיי — וועמענס ארבייט ווערט קאָאָרדינירט אויף אזא אופן אַז זי זאָל ניט דופּליצירט ווערען. מען דאַרף אויך ניט פארגעסען די ארבייט פון דער ביוראָ פאר'ן „מעות חיטים", פאר יענער גרופּע פון עטליכע שטאָדטישע תושבים וואָס באטראַכטען די מעות חיטים ארבייט פאר זייערע א טראַדיציע.

## די „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ"

די ביוראָ באַשטייערט זיך יעהרליך מיט טויזענד דאָלאַר, און טהוט די פּראַקטישע אַרבייט פאַר דער „מעות חיטים" קאָמיטע.

די היים פון דער „סאָשעל סוירוויס ביוראָ" איז אין קאָמיוניטי פאָנד ביל־דינג אויף וועסט וואָרען עוועניו, וואו יעדער איינער פון די פּופּצעהן צימערען, איינגעשלאָסען דעם קליניק פאַר „גייסטיגער היגיעניע", איז פאַרנומען פונם סטעף פון 24 מענשען, מעהרסטענס ערפאַהרענע „סאָשעל וואָירקערס", אנגע־פיהרט פון הערלאָלד סילווער וועלכער שטעהט שוין אין דער שפּיץ זייט 1933, אַלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער אינסטיטוציע. אגב דינט די אינסטיטו־ציע אויך דעם מישיגען אוניווערזיטעט פון ען־אַרבאָר און דעם דעטראָיטער שטאָדטישען (וועין) אוניווערזיטעט, אַלס קלינק פון פּראַקטישער ערפאַרונג פאַר יענע סטודענטען וואָס נעהמען אויף ספּעציעלע קורסען אין „סאָשעל סוירוויס".

דער בודזשעט פון דער סוירוויס ביוראָ איז צווישען 62 און 65 טויזענד דאָלאַר א יאָהר, וואָס ווערט געדעקט פון „קאָמיוניטי פאָנד" און פון דער וועל־פעיר פעדעראַציע דורך דעם יאָהרליכען פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין.

פאַר'ן פאַרגאַנגענעם יאָהר האָבען די אויסגאַבען פון דער אינסטיטוציע באַטראָפען קנאַפּע 63 טויזענד דאָלאַר. דאַרויף האָט די פעדעראַציע בייגעטראָ־גען צוועלף טויזענד דאָלאַר.

וויל מען ארונטערציהען א סך הכל פון אַלץ וואָס די „סאָשעל סוירוויס ביוראָ" שטעלט מיט זיך פאָר, איז דאָס אמבעסטען אויסגעדריקט אין איינער פון די דעפיניציעס פון רמב"ם וועגען זיטליכקייט און מענשליכע עטיק וואָס די אינסטיטוציע האָט אנגענומען אַלס לאָזונג.

דעם רמב"ם'ס דעפיניציע וועגען וואוילטהעטיגקייט־אַרבייט, פריי איבער־זעצט, לייענט זיך אונגעפעהר אזוי:

— „א מתנה, אן הלואה, א שותפות, א באַ־שעפטיגונג וואָס פיהרט צו אונאָבהענגיג־קייט — דאָס איז די העכסטע מדרגה פון צדקה".

אין דעם דאָזיגען גייסט ווערט אנגעפיהרט די פאַרשיידענאַרטיגע הילפס־אַרבייט פון דער סאָשעל סוירוויס ביוראָ, קאָנסטרוקטיוו צו דינען אַלעמען וואָס זיינען אנגעוויזען אויף איהר הילף, זיך צו רעאַבּיליטירען, זיך צו שטעלען אויף די פיס, זיך נוצליך צו מאַכען פאַר זיך אַליין, פאַר זייערע פאַמיליען און פאַר דער געזעלשאַפט.

# די „ריסעטעלמענט סוירוויס", ביי דער סאָשעל סוירוויס ביוראָ

דאָס וואָרט „ריסעטעלמענט" איז פּאָפּולער געוואָרען די לעצטע עטליכע יאָהר, זייט די טראַגישע געשעהנישען אין אייראָפּע האָבען געבראַכט פּליכט־לינגע אין די פאַראייניגטע שטאַאטען וואָס מוזען געהאָלפען ווערען דאָ, אויפ־סניי זיך צוצופּאַסען צו די נייע אומשטענדען און דאָ אַנפאַנגען אויפסניי פּאַר־פּלאַנצען זייער עקאָנאָמישע און סאָציאַלע עקזיסטענץ.

אין דעם פּרט איז דעטראָיט ניט קיין אויסנאַם. אויך דאָ האָט מען די דאָזיגע געזעלשאַפטליכע ארבייט געמוזט אוועקשטעלען אויף א געזונטען יסוד מיט א סיסטעם און אָרדנונג, וואָס זאָל ברענגען דעם מאַקסימום רעזולטאַטען.

די געשיכטע פון דעטראָיטער „ריסעטעלמענט סוירוויס" פאַנגט זיך אָן מיט פיר יאָהר צוריק.

אין 1936 ווען עס האָבען אנגעהויבען קומען אידישע פּליכטלינגע פון דייטשלאַנד קיין דעטראָיט איז דער ענין „ריסעטעלמענט" נאָך ניט געווען קיין פּראָבלעם. די אַלע געקומענע האָבען דאָ געהאַט קרובים און פריינד וואָס האָ־בען זיי געהאָלפען איינאָרדנען זיך

מיט א יאָהר שפּעטער, אין 1937, האָט די וועלפער פעדעראַציע שוין גע־מוזט גרינדען א קאָמיטעט וואָס זאָל העלפען די פּליכטלינגע, אויף פאַרשיידע־נערליי אופנים זיך דאָ צוצופּאַסען. און אין 1938, ווען די פּראָבלעם „ריסעטעל־מענט" איז שוין שאַרף אוועקגעשטעלט געוואָרען, איז געגרינדעט געוואָרען די „ריסעטעלמענט סוירוויס", א קערפּערשאַפט וואָס גיט זיך אָפּ, מיט דער פאַר־שיידענער, אַל־אומפאַסענדער הילפס־אַרבייט פאַר די פּליכטלינגע, מיט א באַ־זונדערער פאַרוואַלטונג און א בודזשעט — וואָס ווערט איינגאַנצען „געדעקט" פון דער פעדעראַציע דורך דעם יעהרליכען פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין — און מיט א באַזונדערען סטעף אונטער דער אויפזיכט און דירעקציע פון דער „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ".

די „ריסעטעלמענט סוירוויס" האָט מעהר ווי איין אויפגאַבע.

זי שטעהט צום דינסט מיט באַזאָרגונג פון פאַרשיידענע נויטווענדיגקייטען סאַי פאַר די פּליכטלינג־פאַמיליעס, סאַי פאַר די יחידים, סאַי פאַר די קינדער־לאַך וואָס זיינען אין פּאַראַויס אוועקגעשיקט געוואָרען קיין אמעריקא, ווען זיי־ערע עלטערען האָבען נאָך געהאַט א געלעגענהייט עס צו טהאָן.

דורך א ספּעציעלען „פעמילי דעפּאַרטמענט" און א ספּעציעלען „טשילדרענס דעפּאַרטמענט", ווערט געשאַפען ארבייט, שטעלעס און באַשעפטיגונג פאַר פּליכטלינגע, מיט דער מיטהילף פון דער „וואָקיישאָן סוירוויס" ביים אידישען צענטער; די קינדערלאַך ווערען באזאָרגט דורך דער „טשיילד פּלעיסמענט ביוראָ" מיט אלעם נויטיגען; פאַרשיידענע לעגאַלע הילף ווערט געגעבען צו די פּליכטלינגע וואָס נויטיגען זיך אין דעם; די פּליכטלינגע ווערען געהאָלפען אינ'ם פּרט פון געזעלשאַפטליכער און גייסטיגער צופּאַסונג צו דער נייער סביבה, צו די נייע באַדינגונגען; און די הויפּט־זאַך איז, די אויסשפּרייטונג פון דער „רי־סעטעלמענט" פּראָגראַם אויפ'ן גאַנצען מישיגען סטייט, וואו דאָס לאָזט זיך נאָר.

די „ריסעטעלמענט סוירוויס" שטעהט אין פאַרבינדונג מיט ענליכע קאָ־מיטעס וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פופצעהן שטעדט און שטעדטלאַך פון מישיגען, וואו עס זיינען שוין געשאַפען געוואָרען עקזיסטענץ־און־פּרנסה מעגליכקייטען פאַר פּליכטלינגע, דאָרט זיך צו באַזעצען.

די „ריסעטעלמענט סוירווים" האָט ביז איצט שוין באַזעצט קנאַפּע זיבע־ציג פּליכטלינגע, אין די שטעדט און שטעדטלאַך פון מישיגען. און דאָ אויפן אָרט, האָט די הילפס־קערפּערשאַפט פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָהר געגעבען פינאַנ־ציעלע שטיצע צו 220 פּליכטלינגע. און אונגעפעהר נאָך אזא צאָהל געהאָלפען אויף פאַרשיידענע אנדערע אופנים, קאָנסטרוקטיוו איינצואָרדנען זייערע לע־בענס אין נייעם לאַנד, אין דער נייער היים זייערער, אין דעטראָיט, און מישיגען סטייט — אין דאָס פרייע דעמאָקראַטישע אמעריקא.

האָט מען אין זינען די באַדינגונגען אונטער וועלכע די פּליכטלינגע קומען אהער, באגרייפט מען ערשט אז די ארבייט זיי צו באַזאָרגען איז ניט נאָר א וויכטיגע, נאָר אויך א דעליקאַטע צו וועלכער עס פאָדערט זיך א באַזונדערער צוגאַנג. אויף אזוי פיל האָט שוין די ריסעטעלמענט סוירווים פאַרצייכענט באַ־דייטענדע דערגרייכונגען.

דער בודזשעט פון „ריסעטעלמענט סוירווים" האָט פאַרן לעצטען יאָהר באַטראָפען איבער פערציג און א האַלב טויזענד דאָלאַר. און די גאַנצע סומע איז ביינגעטראָגען געוואָרען פון דער פעדעראַציע דורכן פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין, וואָס מיינט אז יעדער דעטראָיטער איד, יעדער איינער פון די איבער צוואַנציג טויזענדביישטייערער צום פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין פון 1940, האָט א חלק אין אָט דער רעאַביליטירונג ארבייט פון דער קערפּערשאַפט, וואָס איז אָרגאַניזאַציאָנעל און קאָנסטרוקטיוו פאַרקניפּט און פאַרבונדען מיט דער דירעקציע פון דער „סאָשעל סוירווים ביוראָ".

# די "היברו פריה-לאָאן אסאָסיאיישאָן"—
## דער דעטראָיט גמילות חסדים

נעגרינדעט פון עטליכע געצעהלטע מענשען מיט 45 יאָהר צוריק. — די גע־שיכטע און וואוקס פון דער אינסטיטוציע פאַר קאָנסטרוקטיווע הילף צום אָרעמאַן.

צווישען די פארשיידענע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס אין דעטראָיט, פאַרנעהמט די היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן (גמילות חסדים), א גאנץ איי־גענאַרטיגען פּלאַץ.

עס זיינען פאַרהאַן פארשיידענע סאָרטען פילאַנטראָפּישע טעטיגקייטען. און פּונקט אזוי זיינען פאַרהאַן פאַרשיידענע סאָרטען קבצנים וואָס מוזען אנ־קומען צו פילאַנטראָפּיע. עס ווענדעט זיך אָבער ווי אזוי די „געבער" און די „נעמער" קוקען אויף דעם.

ווען דער אָרימאַן און נויטבאַדערפטיגער קען זיך שוין ניט העלפען און מוז אָנקומען נאָך שטיצע, טהוט ער עס מיט זעהר א שוועהר געמיטה; און מעג מען איהם ווי פיין באהאנדלען, לאָזט עס אויף איהם איבער א שוועהרען איינדרוק וואָס ווירקט צו ענטמוטהיגען און צו דערדריקען זיינע אמביציעס.

— „אָט צו וואָס איך בין געקומען"—טראכט געווים אין אזא מאָמענט דער אָרעמאַן און לאָזט ארונטער דעם קאָפּ אין גרוים פארצווייפלונג.

אנדערש איז אָבער די לאַגע פון די וואָס ווענדען זיך צו דער היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן. אהין קומט מען מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט מוטה און האָפנונג אז: „באַלד באַלד, די צייט וועט בעסער ווערען און איך וועל ווידער שטעהן אויף די פיס".

און אַנדערש קען גאָר ניט פיהלען דער וואָס דאַרף אנקומען צום „גמילות חסדים", ווייל ער ווייס אז דאָ גיט מען ניט קיין שטיצע, נאָר מען העלפט איהם בייקומען א צייטווייליגע געדריקטע לאַגע דורך אן הלואה, פּונקט ווי דאָס וואָלט געטהאָן אן אנדער געשעפט-אינסטיטוציע פון דעם סאָרט. דער אונטערשייד איז נאָר וואָס דאָרט קימערט מען זיך וועגען איהם, און וועגען זיינע עקאָנאָמישע אומשטענדען גאנץ ווייניג: ער מוז צאָהלען פאַר יעדער באדינונג, פּלוס דעם פּראָצענט; און דאָ זענען די באַדינגונגען צוגעפּאסט צו זיינע מעגליכקייטען און יעדע פאָרם פון פּראָצענט איז אינגאנצען אויס־געשלאָסען.

עס איז קיין צווייפעל ניט אז אָהן דער עקזיסטענץ פון דער „היברו פריה

לאָאן אסאָסיאײשאָן" וואָלט די צאָהל פון די וואָס מוזען אָנקומען צו קצבה גע־וועז פיל גרעסער. און אין דעם באשטעהט דער גרויסער פארדינסט פון דער אינסטיטוציע וועלכע האָט שוין א לאנגע געשיכטע הינטער זיך — א געשיכטע וואָס גיט אגב א באגריף ווי אזוי צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון דעטראָיטער אידי־שען ישוב, זענען אויך געוואקסען אלע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר, אין איין פאָרם אָדער א צווייטער, די אידישע פילאנ־טראָפּיע.

* * *

די געשיכטע פון דער „היברו פריה לאָאן אסאָסיאײשאָן", פאנגט זיך אָן מיט 45 יאָהר צוריק, ווען די אידישע באפעלקערונג איז געווען אן אונבאדײ־טענדע, צווישען פינף און זעקס טויזענד נפשות.

און ס'איז גראדע אינטערעסאנט אז שוין דאן האָבען דעטראָיטער אידען, טריי צו דער אידישער טראדיציע און אידישע געוואוינהייטען, ניט געקענט רוהען ביז זיי האָבען ביסלאכווייז, ביסלאכווייז גענומען דאָ, אויפן נייעם באָ־דען, פאַרוואַרצלען די חברות און געזעלשאפטען אָהן וועלכע קיין שטאָדט און שטעדטעל אין דער אלטער היים, האָט זיך ניט געקענט באגעהן.

און אזוי האָבען אין 1895 א גרופּע אידען, פּונקט א מנין, באשלאָסען צו גרינדען א „גמילות חסדים" סאָסייעטי, לויט די דעמאָלסטיגע גאנץ שמאָלע באַ־גריפען, וואָס איז אויסגעוואקסען צו דער איצטיגער אינסטיטוציע וועלכע קען זיכער פארגליכען ווערען צו א באנק, אין מיניאַטור, איידער צו א צדקה־חברה.

דעם 18טען דעצעמבער 1895, איז די „היברו פריה לאָאן אסאָסיאײשאָן" געזעצליך אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אלס אינסטיטוציע, געגרינדעט פון צעהן בעלי בתים מיט'ן צוועק: „צו העלפען אין א נויטפאַל סאַי די מעמבערס און סאַי די אנדערע וואָס נויטיגען זיך אין הילף אויף פארשיידענערליי אופנים".

דער באגריף „אויף פארשיידענערליי אופנים", איז א גאנץ צושוואומע־נער וואָס האָט באלד געמוזט אויסקריסטאליזירט ווערען צו איין באשטימטער פאָרמע פון גיבען אן הלואה צום נויטבאדערפטיגען, אָהן שום פּראָצענט אָדער אנדערע קאָסטען.

און דאָ דאַרף גלייך באמערקט ווערען אז איינער פון די הויפּט יסודות פון „גמילות חסדים", איז דער פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע וואָס באטאָנט אז, ביים ארויסגעבען הלואות זאָל ניט געמאכט ווערען קיין אונטערשייד פון ראַסע, רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט.

דאָס איז שוין א גאַנץ ברייטער, ראַציאָנאַלער פּונקט, וואָס גיט א מעג־ליכקייט אויך דעם ניט־אידען דאָ זיך אַרויסצוהעלפען אין א נויטפאַל מיט אַן הלואה.

אמת, קיין צופיל אַזעלכע זענען ניטאָ. אָבער דאָס וואָס דער דאָזיגער פּונקט איז די גאַנצע צייט געבליבען אין דער קאָנסטיטוציע, דאָס דאַרף אונטערשטראָ־כען ווערען.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ווען דער גמילות חסדים איז געגרינדעט געוואָרען איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אינסטיטוציע געווען אַזאַ, אַז פון גרויסע סומען האָט מען ניט געקענט רעדען.

דער אידישער ישוב איז געווען פאַראָרעמט. די פאַרדינסטען זענען געווען קליינע און די גרינדערס האָבען זיך געשטעלט אלס ציעל צו לייהען צו אָרעמע און נויטבאַדערפטיגע מענשען פון פינף ביז צעהן — און מאַקסימום ביז 25 דאָלאַר, וואָס איז פאַר יענער צייט שוין באַטראַכט געוואָרען פאַר א שטיקעל קאַפּיטאַל.

מר. דזשייקאָב לעווין — דער „לעצטער מאָהיקאַנער" פון די גרינדערס — קען מן הסתם דערצעהלען א סך אינטערעסאַנטע זאַכען, ווי מיט די עטליכע גע־צעהלטע דאָלאַרס, האָט מען דאַן ניט איין פּעדלער געהאָלפען צו קויפען א פערד־און־וועגעלע און אביסעל סחורה; און ניט איין אָרעמע פאַמיליע, האָט מען גע־ראַטעוועט פון אַרויסגעשטעלט צו ווערען אויפען גאַס מיט די בעבעבעס פון דער דירה, ניט האָבענדיג צו באַצאָהלען קיין דירה־געלד.

די גרינדער פון גמילות חסדים, מעהרסטענס אָרטאָדאָקסישע אידען, האָ־בען געוואָלט עפּעס טהאָן; זיי האָט דער גייסט פון דער היימישער צדקה חברה געטריבען דערצו. און באַשליסענדיג צו שאַפען אַזאַ חברה האָט יעדער איינער בייגעטראָגען עטלעכע דאָלאַר און ס'איז געוואָרען א קליינער אומזאַץ קאַפּיטאַל פון ווייניגער ווי הונדערט דאָלאַר.

עס האָבען אנגעהויבען אריינקומען פרישע מעמבערס, אָבער דעם קאַפּיטאַל האָט עס אַלץ גוואַלדיג ניט געהויבען ביז מיט דרייצעהן יאָהר שפּעטער, אין ווינטער פון 1908, האָט די אינסטיטוציע זיך געווענדעט צום אַלגעמיינעם עולם פאַר הילף. עס איז אַראַנזשירט געוואָרען א באַלל, וואָס האָט רעאַליזירט, אין נעטער הכנסה פאַרן גמילות חסדים, די „ק אָ ל אָ ס א ל ע" סומע פון 899 דאָלאַר מיט 62 סענט.

דאַמאָלסט האָט דער „גמילות חסדים" שוין גענומען אויסשפּרייטען זיין טהעטיגקייט און אנגעהויבען אַרויסגעבען אַלץ מעהר און מעהר הלואות. פאַר־

שטעהט זיך ,אז עפּעס א באוואָרעניש האָט געמוזט זיין. א ניט, וואָלט דאָס ביסעל געלד אויסגעדרונגען און ס'וואָלט געוואָרען אויס גמילות חסדים. פון קיין מאָדערנע סיסטעם מיט גוטזאָגערס, האָט מען ניט געוואוסט. איבעריגענס, איז דאָס פארבונדען מיט עקסטרע ארבייט וואָס דאַרף ווידער קאָסטען געלד. און לויט די באַגריפען פון די צדקה־חברות אין דער אַלטער היים, טאָר קיינער ניט פּראָפיטירען פון וואוילטהעטיגער ארבייט. פלעגט מען דארום אויסלייהען די עטליכע דאלאר אויף א משכון: דער וואָס האָט זיך גענויטיגט אין אן הלואה, האָט געבראכט א חפץ, מעהרסטענס א שטיקעל ציהרונג און געקראָגען די עט־ליכע דאלאר, וואָס ער האָט צייט געהאט אויסצוצאָהלען אין משך פון א יאָהר.

קיין שום פּראָצענט, אָדער א קליינעם קאָסט פאר די אויסגאבען פון דער אינסטיטוציע, דאָס האָט מען קיין מאָהל ניט גענומען און מען נעהמט עס ניט עד היום. כאָטש ביי מאנכע פיהרער איז צייטענווייז אזא טענדענץ יאָ געווען, איז זיי אָבער ניט געלונגען דאָס דורכצופיהרען אין לעבען.

אויף וויפיל די אינסטיטוציע איז, שוין מיט אַלע ערפאָלגען, פינאנציעל געוואקסען, ווערט „כאראקטעריסטיש“ באוויזען אין יעהרליכען באַריכט מיט פינף יאָהר שפּעטער. אין 1913, צייגען די ציפערען, האָט דער „גמילות חסדים“ פארמאָגט א קאַפּיטאל פון 1330 דאלאר. און אזוי איז די „היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן“ פאר א משך פון איבער צוויי צעהנדליג יאָהר אנגעפירט געוואָרען אויף א גאָר קליינעם מאסשטאב, באַפרידיגענדיג דאָס געפיהל פון וואוילטעטיג־קייט ביי יענער גרופּע אָרטאָדאָקסישע אידען וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער פיהרערשאפט זייט דער גרינדונג, האָבען פּרובירט אריינקריגען מעמבערס מיט גרעסערע ביישטייערונגען, אָבער אָהן ערפאָלג.

אין 1915־16 איז געקומען דאָס, וואָס מען קען אנרופען אן איבערברוך אין דער אינסטיטוציע. עטליכע רעפאָרמירטע אידען האָבען זיך גענומען פאר־אינטערעסירען אין גמילות חסדים. איינזעהענדיג די נויטיגקייט אין אזא קער־פּערשאפט, איז אונטער זייער איניציאטיווע אנגעפאנגען געוואָרען א קאמפּיין צווישען די פארמעגליכע אידען, זיי זאָלען ווערען מיטגלידער אויפן גאנצען לעבען. דאָס האָט יעדער איינער געקענט טהאָן, צו פאראייביגען זיין אנדענ־קען, איינצאָהלענדיג א סומע פון 250 דאלאר.

דער קאמפּיין איז געווען אויף אזוי פיל אן ערפאָלג, אז אין 1917, איז דער „גמילות חסדים“ פארגרעסערט געוואָרען מיט 67 נייע „חשוב'ע“ מיטגלי־דער און די קאסע איז באַרייכערט געוואָרען מיט איבער אנדערהאַלבען צעהנ־דליג טויזענד דאלאר. דערצו האָט דער פארשטאָרבענער דוד וו. סיימאנס, דאַן שוין אן עהרען־פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע, געגעבען צעהן פּראָצענט אלס

הוספה צו דער גאַנצער איינאַמע און דער קאַפּיטאַל האָט זיך א הויב געטהאָן צו ארום צוואַנציג טויזענד דאָלאַר.

אונטער דער ווירקונג פון אַט די נייע עלעמענטען, האָט מען בּיסלאַכוויז אַלץ מעהר און מעהר מאָדערניזירט די סיסטעם. מען האָט אנגעהויבּען געבּען גרעסערע סומען, ביז צוויי הונדערט דאָלאַר, אין הלואות; מען האָט ענטמוטהיגט די משכנות און ווי ווייט דאָס האָט זיך נאָר געלאָזען האָט מען געווירקט אויפ'ן אַפּליקאַנט פאַר אַן הלואה, ער זאָל בּעסער קריגען צוויי גוט-זאָגערס.

דאָס האָט מען אגב, פון א פּראַקטישען שטאַנדפּונקט געמוזט טהאָן. ווייל ווען דער וואָס לייהט געלד פיהלט אַז מען האָט פאַר איהם גוט געזאָגט, וועט ער פּינקטליכער מאַכען זיינע צאָהלונגען, כדי ניט צו פאַרלירען זיין גוטען נאָמען; ווערענד מיט א משכון, איילט מען זיך ניט איהם אויסצולייזען: „אַ דאגה א גרויסע, וואָס איז דאָ דאָס געפּיילעניש? — זיי האָבּען דאָך אַלץ איינס א באַוואָרעניש, וועל איך צאָהלען שפּעטער" . . .

אזוי איז שוין די געוואוינהייט צו טראַכטען. אָבּער דאָס שטערט אויסצובּרייטען די טהעטיגקייט, ווייל דאָס געלד בּלייבּט אין איינצעלנע הענד. און מיט א באַשרענקטער קאַסע און מיט אַ סך נאכפראַגען אויף לאָאַנס, נעהמט דאָס אוועק די מעגליכקייט פון א צווייטען און אַ דריטען צו קריגען אַן הלואה, ווארים ס'איז פּשוט ניטאָ פון וואַנען צו נעהמען.

לייידער מוז געזאָגט ווערען אַז די סיסטעם פון משכנות, איז נאָך ביז היינט צו טאָג ניט אינגאַנצען אָבּגעשאַפט.

פאַרהאַן אַזעלכע וואָס זענען ניט לאַנג אין שטאָדט, האָבּען ניט קיין באַקאַנטשאַפט און זיי קענען קיין „גוט-זאָגערס" אָדער „אינדאָרסערס" ניט קריגען. בּריינגען זיי אַ משכון און זיי העלפען זיך מיט'ן בּיסעל געלד, דורכצוקומען א שלעכטע שטיקעל צייט, אָדער איינצואָרדנען זיך מיט א שטיקעל פּרנסה. זייער פּראָפּאָרציע איז אָבּער אַן אונבּאַדייטענדע.

פון יענער צייט אָן, איז שוין די טהעטיגקייט אוועק אויף אַן אָרגאַניזירטען פּלאַנמעסיגען אופן. יעדען יאָהר פּלעגט מען דורכפיהרען א קאַמפּיין פאַר פרישע מיטגלידער. דער קאַפּיטאַל איז געוואַקסען. א בּאָארד אָוו דירעקטאָרען פּלעגט בּיים יעהרליכען מיטינג אויסגעקליבען ווערען און אַלע דריי חדשים האָט מען אָבּגעהאַלטען עפענטליכע מיטינגען ביי וועלכע מען האָט אַלץ געזוכט מיטלען ווי אזוי די אינסטיטוציע נאָך מעהר צו פאַרגרעסערען.

איין צייט איז זאָגאַר, א בּאַוואוסטער צייטונגס-מאַן, דזשייקאָב נייטען, געווען דער פּרעזידענט און ער האָט זיך פאַרנומען אויף גאָר א גרויסען מאַס-

שטאב. מען האָט אנגעהויבען אפּעלירען פאר גרעסערע ביישטייערונגען אין דער פאָרמע פון „מעמאָריאַלס" נאָך פארשטאָרבענע, וואָס האָט אריינגעבראכט גרעסערע סומען, צווישען זיי, א סומע פון צוויי טויזענד דאלאר, וואָס דזשייקאָב ב. לאסקי, איינער פון די גרינדער, האָט געגעבען אין אנדענקען פון זיין פרוי. דער קאפּיטאל האָט שוין באטראָפען עטליכע צעהנדליג טויזענד דאלאר. אָבער נאָך אלץ ניט גרויס גענוג נאָכצוקומען אלע נאכפראגען פאר הלוואות וואָס זענען פּראָפּאָרציאָנעל געוואקסען לגבי דעם וואוקס פון דעם אלגעמיינעם אידישען ישוב אין דעטראָיט.

די אינסטיטוציע וואָס האָט איהר ערשטע טהעטיגקייט אנגעפאנגען אין דער סטאָר 289 הייסטינגס סטריט, וואו זעליג קאפּלאָי, איינער פון די גרינדער, האָט געגעבען א שטיקעל פּריי פּלאַץ, האָט זיך איצט נאָך אלץ געפינען אין איהר צווייטער דירה, אין א קליין צימערעל אין אמאָהליגען „האנא שלאָסס" בילדינג, וואו ביים בעסטען ווילען, האָט די טהעטיגקייט געמוזט אנגעפיהרט ווערען אויף א האלב־פּרימיטיווען אופן, ווייל די גאנצע אומגעבונג איז געווען ווייט ניט קיין צוגעפּאסטע.

אין 1923 האָט דער „גמילות חסדים" ענדליך באקומען א פּנים פון א מאָדערנער אינסטיטוציע. ס'איז דאן אויסגעבויט געוואָרען דער קוירבי צענ־טער, וואָס איז ווירקליך, לויט דער דאמאָלסטיגער געאָגראַפישער לאגע פון שטאָדט, געווען א „אידישער צענטער". און דאָרט איז איינגעאָרדענט געוואָרען אן אָפּיס מיט באַשטימטע שטונדען, וואָס האָט שוין געהאט אוים געועהען ווי א באַנק. דאָס זעלבע יאָהר האָט דער „דעטראָיט קאמיוניטי" פאָנד, וועלכער סובסידירט די מעהרסטע פילאנטראָפּישע אגענטורען פון שטאָדט — אונגעאכ־טעט פון ראסע, רעליגיע און נאַציע — דאָס זעלבע יאָהר, האָט דער „דעטראָיט קאמיוניטי פאָנד", באקענענדיג זיך מיט דער ארבייט פון „גמילות חסדים" גוט־געהייסען א יעהרליכע סובסידיע פון צוויי טויזענד דאלאר, אויף צו דעקען די אדמיניסטראטיווע אויסגאבען פון דער „היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן". נעטהאָן איז עס געוואָרען דורך דער איניציאטיווע פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס". דאָס האָט פיל בייגעטראָגען צום ווייטערען וואוקס פון דער אינ־סטיטוציע, ביז דער וועג איז פאר איהר געוואָרען אָפען צו ווערען דאָס וואָס זי איז היינט צו טאָג.

אָבער איידער די אינסטיטוציע איז געוואָרען דאָס וואָס זי איז איצט, איז דער גמילות חסדים דורכגעגאנגען א שוועהרען, גאנץ אונערוואַרטעטען קריזיס.

געווען איז דאָס אין נאָוועמבער 1925, ווען גנבים האָבען איינגעבראָכען אין אָפּיס, אויפגעריסען די קאַסע און זי אויסגעליידיגט פון ציהרונג אין ווערטה צווישען דרייצעהן און פערצעהן טויזענד דאלאר.

דאָס זענען געווען משכנות, פאַר וועלכע די אינסטיטוציע איז געווען פאַר־אַנטוואָרטליך. און כאָטש די קאַסע איז געווען פאַרזיכערט, האָט אָבער די אינ־שורענס קאָמפּאַניע, לויט א געוויסען פּונקט אין דער פּאָליסי, זיך אויסגעדרעהט מיט בלויז 27 הונדערט דאָלאַר אלס שאדען־פאַרגיטיגונג.

יענע גנבה האָט אויפגערודערט די שטאָדט, אַזוי אז דער קריזיס האָט זיך שפּעטער אויסגעלאָזען צום גוטען. ביים נאכפאָלגענדען קאמפּיין צו ערזעצען דעם שאָדען, האָבען א סך אידען און ניט־אידען, זיך אָבגערופען, מיט'ן רעזול־טאַט, דאָס עס האָט דער אינסטיטוציע נאָך מעהר פּאָפּולער געמאכט און דער קאַפּיטאל איז באדייטענד פאַרגרעסערט געוואָרען.

וואָס די געליטענע פון דער גנבה אנבאַלאַנגט, האָבען די פיהרער פון גמילות חסדים, אַראַנזשירט מיט די אידישע דזשולערס פון שטאָדט, אז זיי זאָלען קע־נען קויפען די זעלבע ציהרונג פאַר אזא פּרייז אז זייערע פאַרלוסטען זאָלען זיי אינגאַנצען פאַרגיטיגט ווערען. און אויף וויפיל ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגע־שטעלט, איז קיין איינער פון די וועמענס ציהרונג מען האָט צוגענומען, געבלי־בען אונצופרידען פון די דאָזיגע אַראַנדזשמענטס.

ענדליך איז אין 1926 געגרינדעט געוואָרען די אידישע וועלפעיר פעדעראַ־ציע וועלכע האָט זיך גלייך געווענדעט צו דער היברו פריה לאָאַן אַסאָסיאיישאָן, זי זאָל זיך אנשליסען אלס אויטאָנאָמער טהייל פון דער פאַראייניגטער וואויל־טעטיגקייט קערפּערשאַפט. דער פאָרשלאַג איז אנגענומען געוואָרען און פון דאַן אָן עקזיסטירט דער גמילות חסדים אלס אנערקענטע אינסטיטוציע, וועמענס אַלע אויסגאַבען פאַרן אָפּיס און פאַרן סטעף ווערען געדעקט פון „קאַמיוניטי פאָנד", אַזוי ווי דאָס איז דער פאַל מיט נאָך עטליכע אינסטיטוציעס און אנ־שטאַלטען פון דער פעדעראציע.

עס איז איבעריג צו זאָגען אז מיט'ן אנשליסען זיך אן דער פעדעראַציע זענען אָבגעשאפט געוואָרען די „אינדעפּענדענט" קאמפּיינס פון גמילות חסדים.

די אינסטיטוציע ווערט איינגעשלאָסען אין בודזשעט פון די יעהרליכע פאַראייניגטע אידישע קאמפּיינס זייט 1926, פון וועלכע זי האָט ביז איצט שוין אריינגעקראָגען איבער זעכציג טויזענד דאָלאַר, פאַר'ן אומזאַץ־קאַפּיטאל וואָס באַשטעהט איצט, אין לויפענדען יאָהר פון 1940, פון 86,330 דאָלאַר. אין דעם געהט אַריין א סומע פון 8,450 דאָלאַר וואָס דער פאַרשטאָרבענער אברהם קאַטיסקי האָט געלאָזען אין זיין צוואה פאַר דער אינסטיטוציע.

באוואוסט אלס דער „אברהם קאַטיסקי פאָנד", ווערט אָט די סומע באנוצט אויף עקסטרע הלוואות פון איבער 200 ביז 500 דאָלאַר.

אגב איז דער גמילות חסדים אין 1937 באַרייכערט געוואָרען מיט נאָך 5,000 דאלאר פון דער ירושה וואָס דער פארשטאָרבענער פילאנטראָפּ דוד וו. סיימאָנס האָט געלאָזען. דער דאָזיגער פאָנד ווערט אויך באנוצט פאר ספּעציעלע הלוואות פון 200 ביז 400 דאלאר.

אין 1928 האָט די „פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן" זיך איבערגעצויגען אין א קאָמפּליט־אויסגעשטאַטעטען אָפיס אויף צוועלפטע און קלעירמאונט עוועניו. דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגען, אין הארץ פון דאָס אידישע דעטראָיט. אָבער ברענטש־אָפּיסעס זענען אנגעהאַלטען געוואָרען, נאָך פון עטליכע יאָהר פריער אין פארשיידענע אנדערע געגענדען פאר דער באקוועמליכקייט פון די דאָרטיגע אידישע איינוואוינער וועלכע זענען אנגעוויזען אויפן גמילות חסדים. די ברענטש אָפּיסעס זענען מיט דער צייט אויך אויפגעגעבען געוואָרען און די דאָזיגע העכסט מאָדערנע אידישע לייה־קאַסע האָט זיך געפונען אויף צוועלפטע און קלעירמאונט ביז מיט דריי יאָהר צוריק, אין יולי 1937, ווען די אינסטיטוציע האָט זיך איבערגעצויגען אין איהר איצטיגער היים, אין דער געוועזענער באנק־געביידע, אויף לינוואוד און בלעין עוועניו, וואו מען דאַרף נאָר אריינקומען אויף עטליכע מינוט צו באמערקען אז: וואָס, וואָס, קיין „וואוילטעטיגקייט אינ־סטיטוציע" אין דעם שמאָלען צדקה באַגריף, איז דאָס ניט. גיכער ווי אלץ פיהלט מען זיך דאָרט, ווי אין א מאָדערנער פינאַנס־אינסטיטוציע, ווי אין א באנק. און דאָס גיט צו פיל חשיבות צום גמילות חסדים און נאָך מעהר צו די וואָס קומען נאָך הלוואות, ווייל די פּראָצעדורע מאכט דעם אפּליקאנט פיה־לען אז ער איז א שטאָלצער מענש און ניט קיין אָבגעקומענער קבצן.

אום צו האָבען א באַגריף ווי נויטיג עס איז דער גמילות חסדים, וואָס ער טהוט און ווי אזוי ער איז געוואקסען, דאַרף מען זיך באקענען מיט פאָלגענדע ציפערען:

פאַר די לעצטע צוויי יאָהר זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 4,293 הלוואות אויף א סומע פון 375 טויזענד מיט 850 דאלאר. דאָס מיינט אז דער אומזאַץ קאַפּיטאַל פון איבער 86 טויזענד דאלאר איז קנאַפּע פינף מאָהל אריינגעקומען און ארויסגעגאנגען אין פארלויף פון די צוויי יאָהר. פאר די לעצטע פופצעהן יאָהר איז די צאָהל הלוואות פארגרעסערט געוואָרען אויף אונגעפעהר פערצעהן מאָהל.

די וואָס לייהען געלד שטעלען דורכשניטליך צוזאמען אזא צעטעל:

דעם אויבענאָן פארנעהמען קליינע ביזנעסלייט, פעדלערס און סיילסלייט, וואָס געהן כמעט אלע אריין אין דער זעלבער קאַטעגאָריע. דאַן קומען מענשען פון אלע שטאַנדען, טריידס און פּראָפעסיעס: פון שניידער און שוסטער ביז

סופרים; פון לאָיערס, ביז אינשורענס אגענטען, דראָגיסטען און מלמדים, קלוירקס און מעכאַניקער, און אזוי ווייטער און ווייטער.

טהיילען מיר ווידער איין די הלואות לויט די צוועקען פאר וועלכע זיי זענען גענומען געוואָרען, באַקומט זיך דורכשניטליך אזא פּראָצענט־איינטיילונג:

ארום 36 פּראָצענט פאר קליינע סטאָרקיפּערס, סוחרים, פּעדלערס און דזשאַנק פּעדלערס; ארום 19 פּראָצענט אויף לעבענס מיטלען, רענט, קוילען און אזוי ווייטער; פופצעהן פּראָצענט פאר מעדיצינישע צוועקען, אויף צו באַ־צאָהלען פאר האָספּיטאל און דאָקטאָר בילס; אכט פּראָצענט צו פאַרריכטען טראָקס, צו קויפען פערד און וועגענער און פאר לייסענס אין פאַרבינדונג מיט פּעדלעריי; פינף פּראָצענט אויף צו פאַרריכטען הייזער, צאָהלען אינשורענס און בכלל צו דערראַטעוועך דאָס שטיקעל נחלה, וואָס מען פאַרמאָגט; ארום פינף פּראָצענט אויף צו באַצאָהלען אין קאָלעדזש און אנדערע אויסגאַבען פאר העכערע בילדונג פאר די קינדער; ארום צוויי פּראָצענט אויף צו באַצאָהלען אינ־שורענס פּרעמיומס; ארום דריי פּראָצענט, אויף חתונה צו מאַכען קינדער; צוויי פּראָצענט פאר פאַרשיידענע ניט־קלאַסיפיצירטע צוועקען און פינף פּראָצענט פון די הלואות ווערען גענומען פון מענשען פאַר'ן איינציגען צוועק, די געלד אוועקצושיקען צו אָרעמע קרובים אין אייראָפּע.

דאָס באַווייזט אגב, אז פיל מענשען זענען גרייט צו באָרגען און צו לייהען, אבי אַרויסצוהעלפען זייערע אייגענע אויף יענער זייט ים.

ווען מען האָט אין זינען אז הונדערטער „לאָאַן שאַרקס", געוויסענלאָזע פּראָצענטניקעס לויערען אויף יעדען צייטווייליג געדריקטען מענשען, אריינ־צוכאַפּען איהם אין זיינע נעגעל; ווען מען האָט אין זינען אז אמאָהל, האַנדעלט זיך עס אין בלויז הונדערט אָדער צוויי הונדערט דאָלאַר, זיך צו ראַטעווען פון עקאָנאָמישען אונטערגאַנג, אָדער גאָר פון באַנקראָט; און — אז די „פריה לאָאַן אַסאָסיאיישאָן" שטעהט צום דינסט דעם געדריקטען מענשען אין קריטישען מאָמענט, גיבענדיג איהם אלע מעגליכקייטען זיך צו רעאַבּיליטירען — מוז מען צוגעבען אז דאָס איז אזא אינסטיטוציע אָהן וועלכער דאָס אידישע דעטראָיט קען זיך אבסאָלוט ניט באַגעהן.

# דער נאָרטענד קליניק—
## שיר-ניט אַ אידישער האָספּיטאַל

די פארשיידענע עטאפּען פון מעדיצינישער הילף צום ארעמען עולם. — די געשיכטע פון קליניק זייט זיין גרינדונג מיט פערציג יאָהר צוריק. — אַ וויכטיגע מעדיצינישע אינסטיטוציע אין דעטראָיטער אידישען לעבען.

אַ סך דעטראָיטער אידען זיינען זעהר עמפּפינדליך צום געדאנק פון א אידישען האָספּיטאל. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל אין די רייהען פון די אידישע מעדיצינער, וועלכע פיהלען שטארק די נויטווענדיגקייט אין אזא אינסטיטוציע.

ווייסען מיר דאָך אז שוין פילע, פילע פארזוכען זיינען געמאכט געוואָרען צו בויען א אידישען האָספּיטאל אין דעטראָיט, אָבער אָן ערפאָלג. באַוועגונגען פאַר א האָספּיטאל זיינען אנגעפאנגען געוואָרען מעהר ווי איין מאָהל; און מעהר ווי איין מאָהל האָט זיך געדוכט אז אָט, אָט האלט שוין ביים פארווירקליכט ווערען דער דאָזיגער לאנג יאָהריגער חלום. אָבער פון די אנשטרענגונגען איז גאָר ניט געוואָרען.

די אידעע און די נויטווענדיגקייט פון א אידישען האָספּיטאל, האָט די לעצטע עטליכע יאָהר געקראָגען א באדייטענדען שטויס פאָרווערטס. פארהאַן אפילו היינט צו־טאָג אן אָרגאַניזאציע און א גאנץ אקטיווע דערצו, וואָס קאָנצענטרירט איהר גאנצע טעטיגקייט פאר, און ארום, דער באַוועגונג צו בויען א אידישען האָספּיטאל אין דער נאָהנטער צוקונפט. וואָס פון דעם אַלעמען וועט ארויסקומען, וואָס די אויסזיכטען זיינען — וועגען דעם קען מען קיין באשטימטע שלוסען ביים איצטיגען מאָמענט ניט ציהען.

און דאָך וואגען מיר צו זאָגען אז אין דעם „נאָרטענד קליניק“ איז טהייל־ווייז שוין פארווירקליכט די אידעע פון אַ אידישען האָספּיטאל; דער „נאָרטענד קליניק“, וואָלטען מיר געזאָגט, איז שיעור־ניט א אידישער האָספּיטאל — פאַקטיש א האָספּיטאל, נאָר אָהן בעטען.

ווען מען וואָלט געקענט צום נאָרטענד קליניק צובויען אַ געביידע פאר א צאָהל בעטען; ווען עס וואָלט זיך געפונען א אידישער פילאנטראָפּ וואָס וואָלט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון דער פארשטאָרבענער הענריעטא וויינמאַן וועלכע האָט דורך איהר פילאנטראָפּישער טהאט מעגליך געמאכט אז דער בנין פון נאָרטענד קליניק זאָל געבויט ווערען; ווען אזא פילאנטראָפּ וואָלט געגעבען א באַדייטענדע סומע געלד צוצובויען א געביידע בלויז

פאַר האָספּיטאַל בעטען, וואָלט דאן דאָס פּראָבלעם פון אַ אידישען האָספּיטאַל אין דעטראָיט פאַר אַ קורצער צייט וועניגסטענס, געלעזט געוואָרען.

וואָרים וואָס איז דען אַ האָספּיטאַל, אויב ניט אַ פּלאַץ וואוהין דער קראַנ־קער קומט געהיילט צו ווערען? און דאָס אייגענטליך איז די עובדא פון נאָרטענד קליניק, נאָר מיט איין אונטערשייד: ווערענד אין אַ האָספּיטאַל קריגט מען אי די רפואה, אי די אויפמערקזאַמקייט פון דאָקטאָר, אי דאָס בעט אויף וואָס צו ליגען, איז דער חולה וועלכער קומט אין נאָרטענד קליניק קריגט דאָרט טאַקע יעדע מעדיצינישע באהאנדלונג. אָבער אין פאַל וואו ס'איז נויטיג פאַר'ן קראַנ־קען צו ליגען אין בעט איז, ענטוועדער ער ליגט ביי זיך אין דער היים און ווערט אטענדעט פון די דאָקטוירים פון קליניק, אָדער אין שטאַרק־נויטיגע פאַלען שיקט מען איהם אין איינעם פון די שטאָדטישע האָספּיטאַלס און די זעלבע דאָקטוירים באהאנדלען איהם דאָרט.

דער נאָרטענד קליניק איז אַ אידישער הייל־אנשטאַלט אין פולען זין פון וואָרט, כאָטש אין דעם נאָמען אליין איז דאַרויף ניטאָ קיין שום אנדייטונג.

* * *

די געשיכטע פון קליניק אַן־און־פאַר זיך איז אַ זעהר אינטערעסאַנטע. דאָס איז אַ טהייל פון דער אַלגעמיינער געשיכטע פון אידישער פילאַנטראָפּיע, — ווי אזוי זי האָט זיך אנגעפאַנגען, זיך ענטוויקעלט, און אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון דער אַלגעמיינער אידישער באפעלקערונג אין דעטראָיט.

זי פאַנגט זיך אָן פּונקט מיט פערציג יאָהר צוריק ווען ס'האָבען אנגעהויבען שפּראָצען, און צום לעבען צו קומען, פאַרשיידענע סאָסייעטיס, טשעריטי־קלובען און פאַראיינען פון וועלכע אַ גרויסער טהייל זיינען שוין לאַנג פאַרגעסען געוואָרען.

אין 1900, ווען די אידישע באפעלקערונג האָט געצעהלט וויינינגער ווי צעהן טויזענד נפשות, האָט די דאַמאָלסטיגע „היברו ליידיס עיד סאָסייעטי פאַר ווי־דאָוס ענד אָרפענס" (אידישער פרויען פאַראיין צו שטיצען אלמנות און יתומים), זיך דערטראַכט צום געדאַנק אַז שטיצען דער אלמנה מיט איהרע יתומים, העל־פען דער אָרעמער פרוי מיט איהר קינד, דאַרף מען אויך אויפ'ן מעדיצינישען געביט.

די פאַרשטאָרבענע האַנאַ שלאָסס, די גוט־באוואוסטע אידישע וואוילטעט־טערין אויף וועמענס נאָמען ס'איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרען דער „האַנאַ שלאָסס" צענטער, פאַר אַלע אידישע צדקה טהעטיגקייטען, האָט דאַן, אַלס פּרעזידענטין פון דער סאָסייעטי, פאַראינטערעסירט דאָקטאָר לואיס דזש.

הירשמאן, ער זאָל ביי זיך אין אָפיס באהאנדלען די אָרעמע פאציענטען וואָס וועלען צו איהם פון דער סאָסייעטי געשיקט ווערען. מען האָט אויך פאראינ־טערעסירט א אידישען דראָגיסט ער זאָל מאכען די רעצעפּטען פאר קאָסט־פּרייז און דורך די דעמאָלסטיגע שטאָדטישע „קאָמישאָנערס אָוו דהי פּור“, איז אראַנ־זשירט געוואָרען מיט'ן הארפער האָספּיטאל אַז פּאציענטען וואָס וועלען אהין געשיקט ווערען פון דער סאָסייעטי, זאָלען פאר בלויז פיר דאלאר א וואָך קרי־גען די נויטיגע האָספּיטאל־באהאנדלונג.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער, האָט די דאָזיגע וואוילטעטיגקייט אויפ'ן מעדי־צינישען געביט זיך אזוי צעוואקסען, אַז ס'איז שוין נויטיג געוואָרען אַ ספּעצי־עלער פּלאַץ פאר דעם צוועק. אינ'ם „סעלף העלפּ סוירקעל“ הויז, אויף בראָש און מאָנטקאָלם סטריט, איז דאן געעפענט געוואָרען א קליניק אין איין צימער בלויז, וואוהין די קראנקע פּלעגען קומען אונטערזוכט צו ווערען.

דר. הירשמאן האָט פאראינטערעסירט עטליכע קאָלעגען וואָס האָבען גע־געבען זייערע לייסטונגען פריי. און דאָ, אין דעם באשרענקטען פּלאַץ איז דער קליניק אנגעפיהרט געוואָרען ביז 1905, ווען דער האנא שלאָסס בנין איז פאר־טיג געוואָרען.

אין דעם נייעם „האנא שלאָס צענטער“ זיינען שוין געווען בעסערע מעג־ליכקייטען איינצושטעלען א מעהר־אָדער־ווייניגער סיסטעמאטישע הייל־אינ־סטיטוציע פאר פארשיידענע קראנקהייטען.

אונטער דער אויפזיכט פון דר. ר. ס. ראָלאנד, איז איינגעאָרדענט געוואָרען א ספּעציעלער קליניק פאר קליינע קינדערלאַך און דר. יוגאָ פרוינד האָט אָר־גאניזירט א מעדיצינישען סטעף צו באהאנדלען דערוואקסענע חולאים.

שפּעטער איז דער בייבי־קליניק, איננאנצען איבערגענומען געוואָרען פון שטאָדטישען געזונד־דעפּארטמענט און די אידישע דאָקטוירים האָבען געהאט מעהר צייט פאר די דערוואקסענע מענער און פרויען, וועלכע פּלעגען זיך ווענדען אין קליניק פאר מעדיצינישער באהאנדלונג.

גאַנצע זיבעצעהן יאָהר האָט דער קליניק עקזיסטירט אין „האנא שלאָס“ צענטער און וואָלט נאָך אפשר (ווער וויים), דאָרט פארבליבען ביז היינטיגען טאָג ווען ניט די ענדערונג אין דער געאָגראפישער לאגע פון שטאָדט.

די געגענד אַרום האנא שלאָס בילדינג איז אויסגעשפּילט געוואָרען. די אידישע באפעלקערונג האָט מאסענווייז אנגעהויבען זיך איבערצוציהען ווייטער אַרויף נאָרט, צום צפון פון שטאָדט. און דער צענטער פון דער דעמאָלסטיגער „געטהא“, האָט זיך אריבערגעטראָגען אין אָקלאנד געגענד.

אין 1922 האָט דער קליניק, אום צו זיין מעהר צוגענגליך צו די אידישע חולאים, זיך אויך אריבערגעטראָגען אין אָקלאַנד און פון דאן שטאמט עס דער נאָמען „נאָרטענד קליניק".

אויף וועסטמינסטער עווניו, האָט מען גערונגען צוויי סטאָרס פאר דעם צוועק. מען האָט זיי איבערגעבויט און צוגעפאסט פאר א קליניק און דערביי זיינען שוין, ווי געווענליך, געוויסע פארבעסערונגען געמאכט געוואָרען. אָבער קיין פּנים פון אן אמת־מאָדערנער הייל־אינסטיטוציע, האָט נאָך דער קליניק אלץ ניט געהאט.

ניט דאָס פּלאץ האָט עס דערמעגליכט און ניט זיינען דערצו געווען די נויטיגע פינאַנציעלע מיטלען.

ערשט מיט פיר יאָהר שפּעטער, אין 1926, איז — דורך דער שעהנער האנדלונג פון דער אויבענדערמאנטער פרוי וויינעמאן — דער קליניק פארוואנדעלט געוואָרען אין יענער גרויסער, שעהנער אינסטיטוציע, וואָס האָט באלד געוואונען שם'ן איבערן שטאָדט און וואָס איז היינט צו טאָג דער גרעסטער פון די אכט דעטראָיטער קליניקס וועלכע ווערען סובסידירט און פינאנסירט פון „קאָמיוניטי פאָנד" אלס פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

די וויינעמאנ'ס, דאָס איז א גוט־באוואוסטע אידישע פאמיליע אין דעטראָיט, וועמענס נאָמען איז פאראייביגט דורך פארשיידענע בייטראגען אין „מעמאָריאלס" אין כל־ערליי אינסטיטוציעס און אנשטאלטען.

דער פאָטער פון דער פאמיליע, לעאָפּאָלד וויינעמאן, האָט אין זיין צייט זיך אקטיוו באטייליגט אין פארשיידענע וואוילטעטיגקייטען. ווען ער איז געשטאָרבען און די פרוי האָט געוואָלט פאראייביגען זיין נאָמען דורך א ספּעציעלער שעהנער טהאַט, האָט די — דאמאָלסט נאָר־וואָס געגרינדעטע — אידישע וועלפעיר פעדעראציע איהר פאראינטערעסירט אין דער לאגע פון קליניק. דער רעזולטאט איז געווען אז פרוי וויינעמאן האט געגעבען 75 טויזענד דאלאר אויפצובויען אן אייגענע היים פאר דער אינסטיטוציע וואָס טראָגט דעם נאָמען „לעאָפּאָלד וויינעמאן מעמאָריאל קליניק".

א שטיק לאנד וואָס די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס" האט געהאט אויף האָלברוק עווניו, בלויז עטליכע שפּאן פון אָקלאנד עווניו, איז אָבגעגעבען געוואָרען פאר דער געביידע און דאָס זעלבע יאָהר, דעם 23טען אויגוסט 1926, איז פאַרטיג געוואָרען דער „לעאָפּאָלד וויינעמאן מעמאָריאל" בילדינג, דער נאָרטענד קליניק, וואָס האָט אין די פארגאנגענע פערצעהן יאָהר זיך קאָלאָסאל צעוואקסען.

אויפצובויען די געביידע מיט די פארשיידענע איינריכטונגען, האָט געקאָסט באלד צוויי מאָהל אזוי פיל, אויסער די שטיק לאנד וואָס איז אָבגעשאצט געווארען אין קרוב צו 31 טויזענד דאלאר.

וואו־זשע האָט מען גענומען די איבעריגע געלד?

האָבען עטליכע אידישע פאמיליעס פינאנסירט דאָס איינריכטען ספעציעלע מעדיצינישע צימערען וואָס טראָגען זייערע נעמען — צווישען זיי אויך בייטראגען טאקע פון דער זעלבער וויינעמאן פאמיליע לכבוד דעם 70־טען געבורטסטאָג פון דער מוטער—און צווישען 45 און 50 טויזענד דאלאר, איז מען שולדיג געבליבען אויפ'ן מאָרטגעדזש, וואָס די וועלפעיר פעדעראציע האָט איבערגענומען.

היינט צו טאָג איז מען נאָך שולדיג אויפן בנין אָרום צעהן טויזענד דאלאר — פלוס דעם פראָצענט, וואָס ווערט גוטגעמאכט פון דער פעדעראציע לויט איהרע אונטערנומענע אָבליגאַנציעס. און וואָס די אלגעמיינע אויסגאבען אנבאלאנגט, ווערען די דעפיציטען געדעקט פון „קאמיוניטי פאָנד", זייט 1923, ווען די אלגעמיינע שטאָדטישע פילאנטראָפישע קאסע האָט אנערקענט דעם פאקט אז דער „נאָרטענד קליניק" איז איינער פון די סאמע וויכטיגסטע הייל־אנשטאלטען; כאָטש געבויט, געפלעגט, באפעסטיגט און פארגרעסערט דורכאויס פון אידען, דינט ער אָבער אלע וואָס נויטיגען זיך אן מעדיצינישער הילף. אין נאָרטענד קליניק ווערט ניט געמאכט קיין אונטערשייד צווישען נאציאָן און ראַסע, כאָטש דער אידישער שטעמפעל ליגט אויפ'ן קליניק אזוי אז מען קען קיים שום טעות ניט מאכען.

אנדערש ווי א האָספיטאל, איז דער קליניק געשלאָסען אין די ימים נוראים און אויך אין די מעהרסטע יום־טוב טעג, פסח, שבועות און סוכות. דאָס איז ווערט פארצייכענט צו ווערען.

* * *

ווען מען ווארפט א בליק צוריק אויף די פארגאנגענע 14 יאָהר זייט דער נאָרטענד קליניק עקזיסטירט אין זיין איצטיגער היים, קען מען האָבען א באגריף אויף ווי ווייט די אינסטיטוציע איז געוואקסען סיי אין קוואנטיטעט און סיי אין קוואליטעט.

געבויט מיט א קאפאציטעט פאר אונגעפעהר פערציג טויזענד וויזיטען א יאָהר, איז די צאָהל אין משך פון די נעקסטע עטליכע יאָהר כמעט פארדאָפעלט געוואָרען. דורכשניטליך ווערען פאר די לעצטע זעקס־זיבען יאָהר, זייט דאָס

קריזיס־יאָהר 1933, רעדזשיסטרירט צווישען זעקס און א האלב ביז איבער זיבען טויזענד מעדיצינישע וויזיטען יעדען מאָנאט.

פאַר'ן פארגאנגענעם יאָהר 1939, צום ביישפּיל, זיינען דורכשניטליך 284 חולאים טאג־טעגליך געקומען אין קליניק פאר מעדיצינישער באהאנדלונג. פאַר'ן גאנצען יאָהר זיינען רעדזשיסטרירט געוואָרען 85,254 וויזיטען וואָס מאכט אויס דורכשניטליך 7105 וויזיטען יעדען חודש. און פאר אָט די חולאים זיינען דורכשניטליך ארויסגעגעבען געוואָרען יעדען טאָג צווישען 155 און 160 רעצעפּטען, געמאכט פון פארמאַצעווטען אין אפּטייק ביים קליניק.

פאַרמעל דאַרף דער פּאציענט צאָהלען און די צאָהלונגען זיינען איינגעטהיילט אין צוויי קלאַסען: 25 און 50 סענט, לויט די פינאנציעלע מעגליכקייטען פון'ם פּאציענט. אָבער די ציפערען צייגען אז מעהר ווי דריי פערטעל ווערען איינגאַנצען באהאנדעלט פריי.

פאַר די לעצטע דריי יאָהר 1937, 1938 און 1939, האָט די צאָהל גענצליך פרייע פּאציענטען באטראָפען 76 פּראָצענט.

און דאָ איז אינטערעסאנט, אויך וויכטיג, אנצואווייזען אז אידען שטעלען נאָך אַלץ צוזאמען א מאיאָריטעט פון אַלע פּאציענטען. זייער פּראָפּאָרציע פאר די לעצטע דריי יאָהר איז געווען צווישען 52 און 54 פּראָצענט. און האָט מען דערביי אין זינען אז דער אידישער ישוב איז איצט צושפּרייט ווייט און ברייט איבער אַלע דיסטריקטען אויף דעם ריזיגען שטח פון דער דעטראָיטער מעטראָפּאָליע, באווייזט עס גיט נאָר די פּאָפּולאריטעט פון נאָרטענד קליניק, נאָר אויך די קאָלאָסאל־וויכטיגע פונקציע וואָס די אינסטיטוציע פילט אויס אין דער אידישער פילאנטראָפּיע פון שטאָדט.

פון די 7,581 פּאציענטען וואָס האָבען פארן יאָהר 1939 געמאכט 85,254 וויזיטען אין קליניק, זיינען 3,347 געווען אידען וועלכע האָבען געמאכט 44,877 וויזיטען אין קליניק. די איבעריגע האָבען זיך פארגעשטעלט 23 פארשיידענע נאציאָנאַלע גרופּען און ראַסען.

די גענויע ציפערען פאַר'ן לעצטען יאָהר—וואָס מיר נעהמען אלס אילוסטראַציע, אָבער עס איז בשום אופן ניט קיין אויסנאם יאָהר — זיינען ווי פאָלגט: 55 פּראָצענט אידישע פּאציענטען; עטוואס איבער צוואנציג פּראָצענט, נעגערס. דאָס ערקלעהרט זיך מיט דעם וואָס דער גאנצער ארומיגער געגענד איז איצט שטארק באפעלקערט פון דער נעגער ראסע; און די איבעריגע קנאַפּע 25 פּראָצענט זיינען א געמיש פון 22 נאציאָנאַליטעטען און גרופּען, איינשליסענדיג אויך א באדייטענדע צאָהל הי־געבוירענע אמעריקאנער, פון דעם אזוי גערופענעם, „עכטען יענקי־סטאָק“.

ווען אין א קליניק וואָס האָט די מעגליכקייטען צו אטענדען א באשטימטע צאָהל פאציענטען טעגליך, קומען צוויי מאָהל אזוי פיל, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען די שוועריגקייטען אין וועלכע ס'קומט אוים צו ארבייטען.

אָט די שוועריגקייטען זיינען ענדליך היינטיגס יאָהר אין א גרויסער מאָס פארלייכטערט געוואָרען דורך א נייעם בנין וואָס איז צוגעבויט געוואָרען צו דער אינסטיטוציע.

פון דער ירושה וואָס די פארשטאָרבענע סיטיג־קאָהען פאמיליע, האָט געלאָזען אין רשות פון די „יוניייטעד דזשואיש טשעריטים", פאר וואוילטעטיגע צוועקען, איז צוואנציג טויזענד דאלאר אסיגנירט געוואָרען אויף צוצובויען א געביידע, וואָס איז אין יוני פון היינטיגען יאָהר פארטיג געוואָרען.

אין דער דאָזיגער געביידע וואָס טראָגט דעם נאָמען „דזשאָשוא קאָהען מעמאָריאל בילדינג", זיינען איינגעריכטעט געוואָרען א סך גאָר נייע מעדיצינישע אפאראטען, וואָס איז ווידער מעגליך געוואָרען דורך בייטראגען פונ'ם אהרן מענדעלסאָן פאָנד, און פון דער וויינעמאן פאמיליע.

דער נאָרטענד קליניק האָט היינט צו טאָג 32 ספעציעלע מעדיצינישע דעפארטמענטען אויף צו היילען כל־ערליי קראנקהייטען — איינשליסענדיג אויך קליינע אָפעראציעם — דורך די סאמע מאָדערנעסטע מעדיציניש־וויסענשאפטליכע ערפינדונגען.

ס'איז אודאי ניט קיין ענין דאָ אויסצורעכענען אלע אבטיילונגען פאר פארשיידענער מעדיצינישער באהאנדלונג וואָס פונקציאָנירען ביים קליניק. גענוג איז נאָר צו זאָגען אז 115 דאָקטוירים און 15 דענטיסטען זיינען אויפן סטעף. דאָס מיינט אז 130 מעדיקער, א גרויסע צאָהל פון זיי ספעציאַליסטען, גיבען זיך אָפּ מיט'ן באהאנדלען די קראנקע וואָס קומען אין קליניק. מיט געצעהלטע אויסנאמען זיינען אלע דאָקטוירים אידישע וואָס גיבען אָפּ זייער צייט און לייסטונגען אינגאנצען פריי.

אויסער דעם מעדיצינישען סטעף זיינען באשעפטיגט קרוב צו פערציג נוירסעס, טעכניקער, פארמאציסטען, קלוירקס און אנדערע אנגעשטעלטע, וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט דער באלעבאטישקייט און אָרדנונג אין דער אינסטיטוציע. און זיי, פארשטעהט זיך, זיינען שוין אלע באצאָהלטע. אן דער שפּיץ פונם סטעף שטעהט סעלמא דזש. סאמפּלינער אלס דירעקטאָר.

ביים קליניק איז אויך פארהאן א „סאָשעל סוירוויס דעפארטמענט", א שטאב אנגעשטעלטע וואָס פאָרשען אוים יענע פאלען וואו א פאציענט נויטיגט זיך אין געוויסע מעדיצינישע ארטיקלען, ווי ברילען, ברוך־גארטלען, ספעציעלע

שיך אָדער עפּעס אַן אנדערען מעדיצינישען ארטיקעל און קען פאר דעם ניט באַצאָהלען, ווערט שוין געזאָרגט דערפאר זיי זאָלען עס קריגען. דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל מיט יענע קליניק פּאציענטען וואָס מוזען געשיקט ווערען אין א האָספּיטאַל. דורכשניטליך ווערען צווישען 500 און 600 אזעלכע פּאציענטען געשיקט פון קליניק אין האָספּיטאלס אין פארלויף פון יאָהר, וואו די מעהרסטע ווערען באהאנדעלט פון די דאָקטוירים אויפ'ן קליניק־סטעף. דער פּאציענט, האלט דאָן, הייסט עס, נאָך אַלץ אן זיינע פארבינדונגען מיט'ן קליניק. און דאָס אגב, באשטעטיגט נאָך אמאָהל דאָס אויבענגעזאָגטע אז ווען ביים קליניק וואָלט געוועזן אן אבטיילונג מיט בעטען, וואָלט עס שוין, שיעור־ניט פארענטפערט, כּמעט צייטווייליג, די פראַגע פון א אידישען האָספּיטאַל.

דער „סאָשעל סוירוויס" דעפּאַרטמענט אראנזשירט אַז די וואָס זיינען דער־צו בארעכטיגט, ווערט פאר זייערע מעדיצינישע ארטיקלען אין וועלכע זיי נוי־טיגען זיך געזונד צו ווערען, אָדער פאר זייער האָספּיטאַליזאציע, באַצאָהלט פון סיטי־וועלפעיר אָדער סטייט־וועלפעיר פאָנד. און די וואָס קענען עס ניט קריגען פון אָט די צוויי קוואַלען, ווערען די אויסגאַבען געדעקט פון דער וועלפעיר פעּ־דעראַציע, הויפּטזעכליך, און אויך פון עטליכע אנדערע קוואַלען.

פאר'ן פאַרגאנגענעם יאָהר, צום ביישפּיל, האָט דער קליניק געקראָגען צו־שטייער פאר די דאָזיגע ספּעציעלע אויסגאַבען קלענערע און גרעסערע סומען פון צוויי „מענדעלסאָן מעמאָריאַל" פאָנדס, פון „ניוגארדען סאנשיין קלאָב" און, פארשטעהט זיך, פון דער וועלפעיר פעדעראציע, וועלכע האָט פאר דעם צוועק ביינעטראָגען 2,400 דאָלאַר.

אין דער פאַרגאנגענהייט פלעגט די פעדעראציע אליין דעקען די דאָזיגע ספּעציעלע אויסגאַבען, וואָס געהען ניט אריין אין די פינאנס־אָבליגאציעס פון קאמיוניטי פאָנד פאר'ן „נאָרטענד קליניק".

פאר'ן לעצטען יאָהר, 1939, זיינען די אויסגאַבען געוועזן קנאַפּע 77 טוי־זענד דאָלאַר. אויף דער דאָזיגער סומע, האָט מען פון פּאציענטען און פון אַלע אנדערע קוואַלען אריינגעקראָגען איבער פופצהן טויזענד דאָלאַר און איבער 61 טויזענד דאָלאַר האָט ביינעטראָגען דער קאמיוניטי פאָנד.

דער דורכשניט וואָס פּאציענטען האָבען געצאָהלט פאר יעדען וויזיט איז געוועזן 18 סענט, ווערענד געקאָסט האָט דורכשניטליך יעדער וויזיט 90 סענט. אין אָט די לעצטע צוויי גאַנץ פארשיידענע ציפערען שפּיגעלט זיך אמבעסטען אָפּ, די ארבייט פון דער אינסטיטוציע.

אגב האָט דער נאָרטענד קליניק פאר די לעצטע עטליכע יאָהר אויך איבער־גענומען די פונקציעס פון „מוטערס געזונד קליניק", אן אינסטיטוציע וואָס איז

אין 1927 געשאַפן געוואָרען פון אַ גרופּע אידישע פרויען אין די רייהען פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.

דאָס איז אין פשוט'ע ווערטער אַ „געבורט־קאָנטראָל“ קליניק, צו העלפען יענע פרויען געגען מוטערשאַפט, וואָס ווערען פעסטגעשטעלט פון מעדיצינישען און סאָציאַלען שטאַנדפונקט, זיך צו נויטיגען אין אַזאַ הילף.

געבורט־קאָנטראָל קליניקס עקזיסטירען שוין היינט צו־טאָג אין אַ צאָהל דעטראָיטער שפּיטאָלען. דאָס איז פאָלשטענדיג געזעצליך אין מישיגען סטייט, וואו אַ ספּעציעלע גרעסערע פרויען קערפּערשאַפט גיט זיך אָפּ מיט דעם דאָזיגען צווייג פון פילאַנטראָפּישער אַרבייט; און וואָס דעם אידישען טהייל פון דער דאָזיגער וואוילטעטיגער אַקטיוויטעט אַנבאַלאַנגט, ווערט עס ניט פאַרנאַכלעסינט. אין נאָרטענד קליניק איז פאַרהאַן אַ ספּעציעלער סטעף פאַר דעם צוועק, באַשטימט פון די פאַרוואַלטער פון „מוטער געזונד קליניק“.

נאָך אַ באַזוך אין נאָרטענד קליניק, ווען מען שפּאַצירט דורך די אַלע צימערען, מען זעהט די פאַרשיידענע סאָמע מאָדערנעסטע הייל־אַפּאַראַטען, מען באַזוכט דעם אַפּטייק וואו די פאַרשיידענע רעצעפּטען ווערען געמאַכט, מען קוקט זיך צו, צו די באַהאַנדלונגען פון די פאַרשיידענע קראַנקע מצד די דאָקטוירים און נוירסעס, — בכלל, ווען מען האָט נאָר אָן אָפענעם אויג צו זעהן, און דאָס געפיהל צו באַגרייפען, וואָס אַ האָספּיטאַל איז אייגענטליך אַזוינס — מוז מען קומען צום שלוס אַז דער נאָרטענד קליניק, איז „שיעור־ניט“ אַ האָספּיטאַל, ווייל דאָס איינציגע וואָס עס פעהלט דאָרט זיינען די כאַראַקטעריסטישע האָספּיטאַל בעטען.

דער נאָרטענד קליניק איז אַ פעסט איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע, געבויט פון אידען, מיט אידישע געלד, זייענדיג אַנגעשלאָסען אָן דער וועלפעיר פעדעראַציע פון דעם טאָג אָן וואָס די פעדעראַציע איז געגרינדעט געוואָרען, אַלס צענטראַל־אַפּאַראַט פון אידישער וואוילטעטיגקייט אין דעטראָיט.

מיט צעהן יאָהר צוריק, האָט דער שרייבער ביי אָן אַנדער געלעגענהייט פאַראויסגעזאָגט אַז די פעדעראַציע וועט געווים, ווען די צייט און די געלעגענהייט וועט קומען, געפינען די וועגען און מיטלען דעם נאָרטענד קליניק צו פאַרגרעסערען און פאַרבעסערען. דאָס איז מקוים געוואָרען מיט צעהן יאָהר שפּעטער. טאָ זאָל שוין אויך דאָ „פאַראייביגט“ ווערען יענער עפּיזאָד וואָס האָט דעם נאָרטענד קליניק, מיט צעהן יאָהר צוריק פּאָפּולער געמאַכט איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד, אַלס אַ „אידישער האָספּיטאַל“ וואו קריסטליכע נוירסעס לעהרנען זיך שרייבען און ריידען אידיש . . .

די אידישע טעלעגראַפען אַגענטור (איט"א), האָט דאַן צעטראָגען דאָס

שטיקעל נייעס וואָס די מעהרסטע צייטונגען פון אמעריקא, אין אלע שפּראַכען, האָבען אָבגעדרוקט ווי א קוריאז וועלכער האָט בעדאַרפט אויסגעטייטשט ווערען אַז: טראָץ דער אנגענומענער מיינונג אַז אידיש געהט אונטער אין אמעריקא, געפינען זיך בעלנים צווישען קריסטען צו לערנען די שפּראַך.

איז די אויסטייטשונג געהט אונז דאָ אזוי שטארק ניט אן ווי דער עצם פאקט, וואָס טראָץ די געענדערטע אומשטענדען — מיט'ן אומבייט פון דעם גאנצען געגענד וואו דער קליניק געפינט זיך — וועלכע מאכען אזוי שוועהר פאר א אידישער אינסטיטוציע דאָרט צו עקזיסטירען, איז דער נאָרטענד קליניק היינט צו טאָג דאָמינירענד אידיש און אזוי, שיינט עס, וועט עס בלייבען נאָך אויף לאנגע, לאנגע יאָהרען.

עס איז איינע פון יענע אינסטיטוציעס מיט יענער אידישער סביבה, וואָס לאָזט זיך פיהלען, ווייט און ברייט צווישען דער פארשיידענארטיגער באפעל־קערונג פון אלע נאציאָנאלע גרופּירונגען אין שטאָדט.

# דער אידישער קאמיוניטי צענטער—

## אַ קולטורעל דערציהערישער פאָלקס-אינסטיטוט

די ענדערונגען פונ׳ם שמאָהלען באַגריף איבער „דזשודאאיזם" ביז צו דער פארשטענדנים פון „אידישער אטמאָספערע". — די קוואזי־צענטער אקטיוויטעטען פון אמאָהל און די ברייט פארצווייגטע פראָגראמען היינט צו־טאג. — דרייסיג יאהר געשיכטע פון דער גרעסטער און פאָפולערסטער אינסטיטוציע אין דעטראָיטער אידישען לעבען.

קיין אידישע אינסטיטוציע אין דעטראָיט, ווי אַלט אָדער ווי יונג זי זאָל ניט זיין, איז, דוכט זיך, ניט אזוי פאָפולער אין שטאָדט ווי עס איז דער קאַמיוניטי צענטער.

און דאָס איז ניט קיין צופאַל.

פאר די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען די ווערטער „אידישער צענטער" און „דזשואיש קאמיוניטי סענטער" זיך גאַנץ אָפט דורכגעוואָרפען אין דער אידישער און ענגלישער פרעסע פון שטאָדט. און דאָס האָט געמוזט ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אידען און ניט־אידען צוגלייך.

דער איצטיגער גרויסער בנין פון דער אינסטיטוציע פארנעהמט א בכבוד׳־יגען פלאַץ אויף דער הויפט־גאַס אין סאמע צענטער פון שטאָדט.

טאג־טעגליך שטראָמען דאָרט דורך — און פארביי — מאַסען מענשען. און דאָס אַליין איז שוין א גוטע רעקלאַמע פאָפולער צו ווערען.

ווען מען האָט נאָך דערביי אין זינען אז ערשט מיט צעהן יאָהר צוריק האָט מען געטראכט פון פלענער און געזוכט מיטלען ווי אזוי צו בויען א צענטער און די פראָגראַם פון צענטער־אַקטיוויטעט איז נאָך אויך געווען אין די וויקעלאך — ווייל א אידישער צענטער פאר דעטראָיט אין מאָדערנעם זין פון וואָרט איז דעמאָלסט ערשט געווען אין פראָצעס פון ווערען — מוז מען באטראכטען דעם פראָגרעס פון אידישען צענטער, אין משך פון דער פארהעלטניסמעסיג קורצער צייט, אלס קאָלאָסאַלע דערגרייכונג. די פאָפולאריטעט וואָס די אינסטיטוציע האָט געקראָגען איז דארום א כשר פארדינטע.

און דאָך קען מען זאָגען אז היינט צו־טאָג, פונקט ווי מיט צעהן יאָהר צוריק — ווען די וועלפעיר פעדעראציע האָט אין דער „קוואָטא" פארן קאמפיין פון 1930 איינגעשלאָסען א ספעציעלע סומע פון הונדערט טויזענד דאָלאר אויף צו בויען א צענטער־בנין — זיינען נאָך א סך דעטראָיטער אידען ניט איינגאנ־

צען קלאָהר איבער דעם ענין. ווייל אידישע צענטערס זיינען נאָך עד היום פאַר־האַן פאַרשיידענע, מיט פאַרשיידענאַרטיגע טענדענצען וואָס זיינען אין א סך פּרטים זיך פּשוט סותר איינע די אַנדערע.

טראָץ דעם וואָס די אידישע צענטער באַוועגונג (אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקען), איז מעהר אָדער ווייניגער פאַראייניגט אין א נאַציאָנאַלען פאַר־באַנד וואָס האַלט אָפּ יעהרליכע צוזאַמענפאָהרען, ארבייט אויס איינהייטליכע פּראָגראַמען פון טעטיגקייט און די סיסטעמען פון פיהרערשאַפט, דאָך גע־פינט מען נאָך היינט צו־טאָג „צענטער" און „צענטערס", פון צוויי שאַרף געגענזעצליכע באַגריפען, לאָמיר זאָגען לגבי אידיש.

פאַרהאַן צענטערס וואו דאָס אידישע וואָרט איז „טאַבו"; מען טאָר עס דאָרט ניט דערמאָהנען. און פאַרהאַן ווידער צענטערס וואו אידיש פאַרנעהמט דעם אויבענאַן.

נעהמען מיר אַלס ביישפּיל אַזאַ שטאָדט ווי ניו יאָרק (און זי איז געוויס ניט דער איינציגער עקזעמפּלאַר אויף דעם דאָזיגען געביט), זיינען דאָרט פאַרהאַן אולטראַ־אסימיליאַטאָרישע און פּונקט אַזוי אולטראַ־אָרטאָדאָקסישע צענטערס. אין די ערשטע הערט מען זעלטען פאַלען א אידיש וואָרט. און אין די צווייטע, איז די אידישע שפּראַך, מיט אַלע איהרע אטריבוטען, דאָמינירענד.

און מערקווירדיג איז דערביי וואָס דורך א היסטאָרישער פּערספּעקטיווע, וואָלט מען געקענט די דאָזיגע צוויי סתירות'דיגע באַגריפען אנווענדען אויף דעם דעטראָיטער אידישען צענטער.

אין די פּראָטאָקאָל־ביכער פון אמאָליגען „אידישען אינסטיטוט", וואו ס'האָבען זיך אייגענטליך אנגעהויבען די שפּראַצונגען פון דער צענטער־טהעטיגקייט, איז פאַרצייכענט דער אויסטערלישער פאַקט פון א ספּעציעלער זיצונג וואָס איז גערופען געוואָרען פון די דירעקטאָרען, אָדער „משגיחים" איבער'ן „אינסטיטוט" צו לעזען די שוועהרע פּראָבלעמע פון: יאָ, אָדער ניט פאַרדינגען דעם אינסטיטוט אַדיטאָריום פאַר א פאַרזאַמלונג פון א אידיש־שפּרעכענדער אָרגאַניזאַציע . . .

דער באַשלוס, וואָס איז נאָך א לענגערער אמפּערניש ענדליך אנגענומען געוואָרען, איז ניט אַזוי וויכטיג ווי דער פאַקט אליין וואָס מען האָט געמוזט רופען א „ספּעציעלע אסיפה" ווען ס'האָט זיך געהאַנדעלט אין אַזאַ ענין ווי „פאַרשוועכען" דעם אינסטיטוט מיט דער אידישער שפּראַך . . . דאַגעגען, האָט דער אידישער צענטער מיט יאָהרען שפּעטער, ווי שוין אן אנגעשלאָסענע אינסטיטוציע אן דער וועלפעיר פעדעראַציע, פאַר עטליכע סעזאָנען אסיגנירט באַדייטענדע סומען פאַר דורכאויס אידישע פּראָגראַם־טהעטיגקייטען אין ברייטסטען „אידישיסטישסטען" זין פון וואָרט.

ווייל מען אלזא אנווענדען איינעם פון אָט די צוויי פארמולירטע באגריפען אויפ'ן אידישען צענטער, כאָטש מען קען דארויף געפינען היסטאָרישע פאר־גלייכונגען, וועט עס זיין ניט ריכטיג.

דער אידישער צענטער, לויט זיין איצטיגען באשטאנד איז: — א אי־דישער פאָלקס אינסטיטוט מיט'ן טראָפ אויפן וואָרט „פאָלק", ווייל זיין אקטיוויטעט איז א פאָלקסטימליכע.

די הויפט אויפגאבע פון צענטער איז צו געבען דער גאנ־צער אידישער באפעלקערונג פון דעטראָיט די מעגליכקייט פאר געזעלשאפטליכער, קולטורע־לער, פיזישער און פערזענליכער ענטוויקלונג און אויסבילדונג אין א אידישער אטמאָספערע.

און די ווערטער „אידישע אטמאָספערע" ווערען דאָ אנגעווענדעט אין דעם גייסט ווי זיי פאסען זיך־צו, צו דער אידישער יוגענד וועלכע דארף, און מוז, צו־גלייך מיט איהר אמעריקאנישקייט באגרייפען איהר אידישע אנגעהעריג־קייט און פארוואָרצעלטקייט, ניט אינ'ם שמאָלען, נאָר אינ'ם ברייטען, ראַ־ציאָנאלען זין פון וואָרט.

גענויער גערעדט מיינט עס: אידישער גייסט, אידישע געזעלשאַפטליכקייט און אידישע אטמאָספערע אין אלע לעבנס־פאָרמען, פאר די אידישע מאסען פון דע־טראָיט. אָט דאָס איז די אויסטייטשונג וואָס דארף געמאכט ווערען צו דער אקטיוויטעט און טעטיגקייטען אין צענטער — אן אויסטייטשונג אונטער וועל־כער יעדער פראָגרעסיווער איד, און מענש, קען זיך אונטערשרייבען.

* * *

די געשיכטע פון אידישען צענטער, פאנגט זיך אָן מיט איבער דרייסיג יאָהר צוריק, כאָטש אונטער אַן אנדער נאָמען. און אין דער דאָזיגער געשיכטע ווערט ווידער באשטעטיגט דער כלל אַז אַלע אינסטיטוציעס אינ'ם דעטראָיטער אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען וואָס זיינען געוואקסען, אויסגעשפרייט און פארגרעסערט זייער טהעטיגקייט־באזע, זיינען דערצו ערמוטהיגט געוואָרען דורך דער וועלפעיר פעדעראציע און איהר פיה־רערשאפט.

אין 1908, ווען צו דעם היסטאָריש־באוואוסטען „האנא שלאָס" בילדינג, איז צוגעבויט געוואָרען די צווייטע געביידע אלס „אידישער אינסטיטוט" פאר דער, אזוי גערופענער „כאראקטער אויסבילדונג" פון דער אידישער יוגענד, האָט

מען די דאָזיגע כאראקטער־אויסבילדונג, אָדער דערציהונג, צוזאמען מיט דער אידישער צדקה געקאָכט אין איין טאָפּ . . . ס'האָט זיך באקומען, אז אלץ וואָס דער אמעריקאנער איד פון יענער עפּאָכע אין דעטראָיטער אידישען לעבען דארף טהאָן, איז העלפען „דהי פור ברעדערין פראָם דהי אָלד קאָנטרי" און זעהן אז די אידישע יוגענד זאָל ניט אבגעפרעמדט ווערען פון „דזשודאאיזם" וואָס האָט זיך לויט זייערע באגריפען אויספאָרמירט אין דעם באוואוסטזיין אז מען באַלאנגט צו דער „דזשואיש רעלידזשאָן" . . . און אום דאָס צו דערגרייכען, האָט מען אין „אידישען אינסטיטוט" געמאכט פּלאַץ פאר יענע גרופּען אידישע אינגלאך און מיידלאך, וועלכע האָבען געוואָלט קומען אהין, דאָרט פארברייננגען זייער פרייע צייט. פון קיין פּראָגראם, פון קיין סיסטעם און פון א דעפיניטיווען, באַשטימטען ציעל און צוועק איז, פארשטעהט זיך, קיין רייד ניט געווען.

אין די פּראַקטאָקאָלען פון דעם אמאָליגען „אידישען אינסטיטוט" געפינט מען גאנץ אָפט פארצייכענט אזעלכע „וואזשנע" באשלוסען ווי א שטייגער: „די באָיעס „אזוי־און־אזוי" מוזען פארטיג ווערען מיט זייער באָל־שפּיל צו „אזא־און־אזא" צייט, ווייל מען מוז דאן האָבען דאָס פּלאַץ פאר אן אנדער צוועק . . . אין דעם האָט זיך קאָנצענטרירט די מעהרסטע אקטיוויטעט פאר דער יוגענד. און אויך די דערוואקסענע האָט מען פּרובירט פאראינטערעסירען אין אינסטיטוט דורך ענליכער „געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט", וואָס האָט ניט געהאט, ניט קיין באַשטימטען פּנים און ניט קיין פיזיאנאמיע. אָבער מען מוז צוגעבען אז אין דער דאָזיגער פּנים'לאָזער טעטיגקייט זיינען שוין געלעגען באַהאלטען די זאָמען פאר דער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג פון א באַשטימטער פּראָגראם פאר'ן אידישען צענטער, וואָס איז פון יענער קאָמבינאציע פון „האנא שלאָם" און „אידישען אינסטיטוט" ארויסגעוואקסען.

אין משך פון איבער אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר — אמאָהל בעסער, אמאָהל ערגער — איז אָט די פּראָגראם פון „דזשודאאיזם" און „כאראקטער־אויסבילדונג" אנגעפיהרט געוואָרען אין אידישען אינסטיטוט ביז די נייע ווינטען וואָס האָבען אנגעהויבען בלאָזען אין אידישען לעבען פון אמעריקא, האָבען אויך דערגרייכט דעטראָיט.

די שטילע רעוואָלוציע וואָס איז געמאכט געוואָרען אין דער אידישער פילאַנטראָפּיע פון שטאָדט, האָט אויך אויסקריסטאליזירט נייע מיינונגען און נייע באגריפען וועגען דער געזעלשאפטליכער דערציהונג און ענטוויקלונג פאר דער אידישער יוגענד. אזוי איז אין אנפאנג 1926 געגרינדעט געוואָרען די „דזשואיש סענטער אסאָסיאיישאָן" וועלכע האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו שאפען א צענטער, א היים פאר אידיש־געזעלשאפטליכער אקטיוויטעט לויט דער פאָלגענדער, אנגעצייכענטער פּראָגראם:

ערשטענס — צו געבען דער יוגענד א פלאץ זיך צוזאמענצוקומען און צו פארברייינגען אין א געזעלשאפטליכער אטמאספערע.

צווייטענס — געבען דער יוגענד א מעגליכקייט אויסצולעבען זיך אויף א אינטערעסאנטען קולטורעלען און פרוכטבארען אופן.

דריטענס — אוועקרייסען די יוגענד פון דער גאס, וואו די אטמאספערע ווירקט צום שלעכטען.

פערטענס — אנטוויקלען ביי דער יוגענד דעם גייסט און די נויגונגען פאר אזעלכע פראגען וואס זיינען פארבונדען מיט אידיש לעבען און אידישע פראבלעמען.

און פינפטענס — העלפען די דערוואקסענע, זיי אנקעגען קומען מיט די אנגעבאטענע מעגליכקייטען אין אידישען צענטער פאר זייערע פארשיידענארטיגע אקטיוויטעטען אויף אלע געביטען פון אידיש-געזעלשאפטליכען לעבען.

מיט דער דאזיגער אנגעצייכענטער פראגראם און מיט'ן משנה השם זיין פון „אידישען אינסטיטוט“ אויף „אידישען צענטער“, האט מען גענומען פארווירקליכען די אנגעצייכענטע פראגראם אויף וויפיל דאס האט זיך געלאזען.

פונ'ם „האנא שלאס“ בילדינג, וואס איז שוין געאגראפיש סאי ווי געווען אויסגעשפילט, האט מען ביסלאכווייז איבערגעטראגען די טהעטיגקייט אין מעהר צונעפאסטע געגענדען, אין צוויי גערונגענע הייזער אויף מעלבארן און אויף פענקעל עוועניו. דערצו האט מען נאך פאר דער אזוי גערופענער, פיזיש-קולטורעלער טהעטיגקייט זיך באנוצט מיט א דריטען פלאץ.

סוף 1926, ווען די „אידישע צענטערס אסאסיאיישאן“ איז געווארען אן אינטעגראלער טהייל פון דער ניי-געגרינדעטער אידישער וועלפעיר פעדעראציע, האט מען גענומען אנשטעלען אלץ מעהר און מעהר פאסענדע מענשען אויפ'ן סטעף.

דאס זיינען געווען פראדוקטען פון דער נייער שולע פון אידיש-געזעלשאפטליכער ארבייט („סאשעל ווארק“), וואס לעהרנט אז יעדע אידיש-געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט, אונגעאכטעט פון שפראך-אויסדרוק איז א בייטראג צו דער ענטוויקלונג פון דער אידישער קולטור; און פון יענער עפאכע אן, איז עס א פעסטגעשטעלטער פרינציפ אז אין דער טהעטיגקייט פון אידישען צענ-

טער, זיינען אַלע דריי שפּראַכען — ענגליש, אידיש און העברעאיש — גלייכ־באַרעכטיגט. *)

אונטער דער נייער פיהרערשאַפט, מיט איהרע נייע באַגריפען וואָס זיינען אזוי ווייט אוועק פון דער אמאָליגער „דזשואיש עדיוקיישאָן“ ווי ס'איז מזרח פון מערב, איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרען דער לאָזונג אז: דער צענטער דאַרף זיין די היים פאַר אַלע עלעמענטען פון דער אידישער באַפעלקערונג וואָס האָבען אַ פּאָזיטיווע באַציהונג צום אידיש געזעלשאַפט־ליכען לעבען פון דעטראָיט.

און אין דעם דאָזיגען גייסט האָט די אקטיוויטעט זיך אויסגעשפּרייט, פאַרגרעסערט און געוואַקסען אויף פאַרשיידענע געביטען.

אַלץ מעהר און מעהר געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען פון דער, אזוי גערופּע־נער, „אידישער גאַס“, האָבען געמאַכט זייער היים אין צענטער. די מוזיק־שולע און די קונסט־שולע ביים צענטער זיינען פאַרגרעסערט געוואָרען; די טהעטיג־קייט פון די מוטערס קלובען, פון די פאַרשיידענע יוגענד־קלובען איז אַלץ מעהר און מעהר אויסגעשפּרייט געוואָרען. און אַ גאָר גרויסען אָרט אין דער אַלגע־מיינער ארבייט פון צענטער, האָט פאַר די נעקסטע עטליכע יאָהר פאַרנומען די פּראָגראַם פון „אידישער“ אקטיוויטעט מיט'ן טראָפּ אויפ'ן וואָרט „אידישער“, דורך לעקציעס און קאָנצערטען פאַר די אידיש־ריידענדיגע מאַסען מיט די בעס־טע און פּראָמינענטסטע אידישע לעקטאָרס און קינסטלער וואָס זיינען פאַר דעם צוועק געבראַכט געוואָרען קיין דעטראָיט.

אָבער מיט'ן וואוקס פון דער טהעטיגקייט איז אַלץ שאַרפער געוואָרען די הויפּט־פּראָבלעם: אַ היים פאַרן צענטער, אַ בנין פאַר די אַלע אונצעהליגע קלו־בען, גרופּען און אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען דאָרט אנגעפיהרט זייער אקטיווי־טעט.

די דאָזיגע פּראָבלעם איז ענדליך געלעזט געוואָרען, ווען אין 1930, האָט די וועלפעיר פעדעראַציע באַשטימט אַ סומע פון הונדערט טויזענד דאָלאַר פאַר

*) דאָס וואָס היינט צו־טאָג איז די צענטער־טעטיגקייט אונפאַרגלייכליך גרעסער אין ענגליש ווי אין אידיש אָדער אין העברעאיש, דאָס באַווייזט בלויז אז די נאָכפראַגע פאַר ספּעציפישער אַקטיוויטעט דורכאוים אין אידיש אָדער העברעאיש, איז איצט פיל, פיל קלענער.

וואָלט די נאָכפראָגע היינט צו־טאָג געווען גרעסער, וואָלטען אַלע מעגליכקייטען פאַר דעם אין צענטער, געגעבען געוואָרען.

כאָטש דאָס רעפלעקטירט בשום אופן נים אויף דער פאַרקלענערונג פון אידישער אַקטי־וויטעט — לויט דער אידישיסטישער אויסטייטשונג — דאַרף דער דאָזיגער פאַקט דאָ, פאַר־בייגעהענדיג, באַטאָנט ווערען.

א צענטער בנין, וואס איז איינגעשלאסען געווארען אין דער „קוואטא“ פון פאר־איינינטען אידישען קאמפיין פאר יענעם יאהר.

די סומע איז רעאליזירט געווארען, נאך מיט א קליינעם איבערשוס. אבער צוליב טעכנישע און אנדערע שוועריגקייטען, וואס קיינער האט ניט געקענט פאראויסזעהן, איז ערשט מיט דריי יאהר שפעטער, סוף 1933, פארטיג געווא־רען דער דעטראיטער אידישער קאמיוניטי צענטער אויף זיין איצטיגען פלאץ, אויף וואודווארד און האלברוק עוועניו.

דריי קלענערע הייזער, רחבות'דיגע היימען וואס אן אמאהליגער באוואוסטער יחסן, דזשאדזש פרעיזער, האט געבויט אלס „אימעניע“ פאר זיין פאמיליע, האט מען אבגעקויפט פון די יורשים. די דאזיגע הייזער זיינען איבערגעבויט, רעמאנטירט און פאראייניגט געווארען אין איין בנין וואס איז אפיציעל גע־עפענט געווארען דעם דריטען דעצעמבער 1933, אלס די פערמאנענטע היים פון אידישען קאמיוניטי צענטער אן וועלכען ס'האט זיך דאן אויך אנגעשלאסען, די „יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן“, א קערפערשאפט וואס האט פאר א משך פון פופצעהן יאהר, אנגעפיהרט א גאנץ אייגנארטיגע טהעטיגקייט.

די „יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן“ איז געגרינדעט געווארען אין 1918 און א גרויסער טהייל פון איהר ארבייט האט זיך קאנצענטרירט אין א „פערסאנאל סוירוויס ביורא“, וועמענס אויפגאבע איז געווען צו העלפען אי־דישע מיידלאך, אויך יונגע לייט — ספעציעל אין די, אזוי־גערופענע, ווייסע קאלנער פראפעסיעס — צו קריגען ארבייט. די דאזיגע אויפגאבע, האט דער צענטער איבערגענומען דורך דער עטאבלירונג פון דער „וואקיישאנאל סוירוויס ביורא“ וואס איז היינט צו טאג איינער פון די סאמע וויכטיגסטע דעפארטמענ־טען אינ'ם גאנצען סכום טהעטיגקייט פון צענטער. *)

מיט דער ערעפענונג פונ'ם צענטער בנין האט מען זיך ערשט ארומגעזעהן וואס פאר א דרינגענדע, נויטווענדיגקייט עס איז געווען פאר אזא אינסטיטוציע אין דעטראיטער אידישען לעבען.

די מיטגלידערשאפט איז כסדר געוואקסען און די טהעטיגקייט איז כסדר פארגרעסערט געווארען. דער אידישער צענטער איז ענדליך געווארען דאס וואס ער דארף זיין. און ס'איז אפשר ניט קיין צופאל וואס אין די יאהרביכער פון דער וועלפעיר פעדעראציע ווערט די דאטע פאר דער גרינדונג פון אידישען צענטער אנגעגעבען פאר'ן יאהר 1933.

*) מעהר איינצעלהייטען איבער דער געשיכטע פון דער „יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן“, וועט דער לעזער געפינען אינם קאפיטעל „דער קאונסיל קעמפ“, אן אינסטיטוציע וואס איז ארויסגעוואקסען פון דער יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן, און עקזיסטירט ביז היינט צו טאג.

כאָטש, ווי מען קען זעהן איז דער צענטער פיל עלטער ווי זיבען יאָהר, און זיין אורשפרונג ציהט זיך נאָך פון „האנא שלאָס" און פון „אידישען אינסטיטוט" מיט איבער דרייסיג יאָהר צוריק, איז ער אָבער ווי א צענטער לויט'ן ברייטען פארנעהם און שוואונג, ערשט צום לעבען געקומען אין 1933.

מיט זעקס יאָהר שפעטער נאָך דעם דאָזיגען היסטאָרישען דאטום, איז אין 1939, ווי באוואוסט, צוגעקומען דער נייער „אהרן דעראָי מעמאָריאל בילדינג", צום צענטער בנין.

אין משך פון די זעקס יאָהר, האָט זיך געפיהלט א שטארקער מאנגעל אין נאָך אן עקסטרע געביידע, הויפטזעכליך פאר דער ספעציפישער פיזיש־קול־טורעלער (העלטה עדיוקיישאָן) טהעטיגקייט אין צענטער.

האָט די אלמנה פון פארשטאָרבענעם אהרן דעראָי, פאראייביגט זיין נאָמען דורך א בייטראג פון דעם גרעסטען טהייל פון דער נויטיגער סומע פאר דעם דאָזיגען צוועק. נאָך א טהייל האָט די „יונייטעד דזשוּאיש טשעריטים" ביי־געטראגען פון דער ירושה פון דזשאָשוא (יהושע) און קעריע סיטיג־קאָהען, וועלכע האָבען כמעט זייער גאנצען פארמעגען איבערגעלאָזן פאר פילאנטראָ־פישע צוועקען. צוזאמען האָט עס באטראָפען א קיילעכדיגע סומע פון 260 טויזענד דאלאר פאר יענע ענדערונגען, פארבעסערונגען און איבערבוי ארבייט אין אידישען צענטער, וואָס איז היינט צו טאָג סאַי די גרעסטע, סאַי די פּאָפּולער־סטע אידישע אינסטיטוציע אין דעטראָיט.

דער נייער פארגרעסערטער צענטער־בנין וואָס ווערט אָבגעשאצט אין ווערטה פון א קנאפּען האלבען מיליאָן (450,000) דאלאר, איז אָפיציעל גע־עפענט געוואָרען דעם 6טען דעצעמבער, 1939.

* * *

אין וואָס באשטעהט, און ווי אזוי ווערט אנגעפיהרט די טהעטיגקייט אין צנטער?

לאָמיר קודם כל נעהמען די באזע, די מיטגלידערשאפט.

פון א דורכשניט פון קנאפּע צוויי און א האלב טויזענד מיטגלידער פאר די ערשטע זעקס יאָהר ביז 1939 — ווען צוליב'ן איבערבויען דעם צענטער איז די טהעטיגקייט באשרענקט געוואָרען און די מיטגלידערשאפט איז געפאלען ביז וועניגער ווי צוויי טויזענד—האָט דאָס היינטיגע יאָהר, מיט'ן צוקומען פון דעם אהרן דעראָי מעמאָריאל בילדינג, די מיטגלידערשאפט זיך א הויב געטהאָן מיט ארום דרייצעהן הונדערט. די צאָהל גרייכט איצט צו דרייאון־דרייסיג הונדערט

(3,300) מיטגלידער — יונגע באַיעס און מיידלאַך, דערוואַקסענע יונגע לייט און מיידלאַך און עלטערע מענער און פרויען פון אלע שטאַנדען, פּראָפעסיעס און אנגעהעריגקייטען.

דאָס באווייזט אגב אז מיט דער פארגרעסערטער קאפּאציטעט אין צענטער, וואקסט אויך די מיטגלידערשאפט וואָס האָט זיך זיכער נאָך ניט אָבגעשטעלט ביי דער צאָהל פון 3,300 און זי וועט נאָך געוויס ווייטער וואקסען.

די צאָהלונגען פון די מיטגלידער זיינען פארשיידענארטיגע — פון איין דאלאר ביז זעכציג דאלאר א יאָהר, פאר די וואָס נעהמען אויף די פולע פיזיש-קולטורעלע פּראָגראַם.

כאָטש דאָס צאָהלען איז אָבליגאַטאָריש, כדי די מיטגלידער זאָלען פיהלען פאראנטוואָרטליכקייט צו דער קלוב-ארבייט וואָס זיי אונטערנעהמען, זיינען אָבער פארהאַן ארום 250 מיטגלידער פון אלע קאטעגאָריעס וועלכע צאָהלען גאָר ניט.

די טהעטיגקייט אין צענטער צוטהיילט און קלאַסיפיצירט אין 150 קלובען, נעהמט ארום אלע פאָרמען פון געזעלשאפטליכער, קולטורעלער, דערציהערישער און פארוויילערישער אקטיוויטעט פאר יונגע און דערוואַקסענע — פון, א שטייגער, מוזיק, קונסט און זשורנאַליזם ביז פאָטאָגראפישער ארבייט, זיך לעהרנען נעהען און שטריקען, אָדער גאָר אָבקאָכען א טעפּעל שפּייז . . .

די קלובען פאר'ן יונגוואַרג זיינען צוטהיילט אין דריי קאטעגאָריעס: „דזשוניאָרס“ פאר קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאָהר; „אינטערמידיאייטס“, פאר באַיעס און מיידלאַך אין עלטער פון 14 ביז 18 יאָהר און „סיניאָרס“, פאר יונגע לייט און יונגע פרויען אין עלטער פון 18 ביז 25 יאָהר.

אין אָט די קלובען געפינט די יוגענד אלץ אין וואָס זי קען, און דאַרף, זיין פאראינטערעסירט; אלץ וואָס דערהויבט צו אַן העכערען ניוואָ, ווי: קונסט און פאכמאַנשאפט, לייכטע דערציהערישע פּראָפעסיעס, דראַמאַטיקס, געשיכטע, צייט-פראַגען, דעבאַטען איבער אקטועלע פּראָבלעמען, ראַדיאָ, מאָהלען, צייכנען, שניצען, קלעפּען, מאַריאָנעטען שפּיל, פיזישע קולטור, זשורנאַליזם, פיהרערשאפט און אנדערע געגענשטאַנדען.

אלס ביישפּיל לאָמיר נעהמען איינעם אָדער צוויי פון די קלובען, א קוק טהון וואָס דאָרט קומט פאָר.

אין דעם זשורנאַליזם קלוב, שטודירען די מיטגלידער דורך פּראקטישע מעטהאָדען די פּראָפעסיע פון זשורנאַליזם. זיי גיבען ארויס א וואָכענצייטונג די

„סענטער ניוס", וואָס ווערט רעדאַקטירט און צוזאַמענגעשטעלט לויט'ן מוסטער און די מעטהאָדען פון מאָדערנעם זשורנאַליזם.

אין קלוב פיהרערשאַפט („לידערשיפ"), שטודירען די מיטגלידער יענע קונסט וואָס מאַכט מענשען פעהיג פאַר פיהרערשאַפט, פּאַסט זיי צו און ענט־וויקעלט ביי זיי די באַהאַלטענע פעהיגקייטען, זיך צו שטעלען אָן דער שפּיץ פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט געשאַפען פאַר אַ באַשטימטען צוועק און מאַכען די מיטגלידער אָרגאַניזאַציאָנס־פעהיג.

דאָס ווערט געטהאָן דורך ספּעציעלע לעקציעס און אויף פאַרשיידענערליי פּראַקטישע אופנים, וואָס האָבען שוין געבראַכט זעהר גוטע רעזולטאַטען.

דער פאַקט איז אַז אין דער שפּיץ פון דער „דזשוניאָר סוירוויס גרופּ", אָט די יוגענטליכע אָרגאַניזאַציע וואָס פיהרט אָן די יעהרליכע פאַראייניגטע אי־דישע קאַמפּיינס צווישען דער יוגענד און מאַכט זיי באַוואוסטזיניג פאַר אידישע נויטען און אידישע פּראָבלעמען, שטעהן געוועזענע מיטגלידער פון קלוב „לי־דערשיפּ", פּראָדוקטען פון דער דאָזיגער טהעטיגקייט אין אידישען צענטער.

דאָ האָבען די יונגע לייט און פרויען געקראָגען די טעאָרעטישע און אויך פּראַקטישע קוואַליפיקאַציעס פאַר דער פיהרערשאַפט פון דער סאַמע באַדיי־טענדסטער יוגענד־אָרגאַניזאַציע אין די רייהען פון דער פעדעראַציע.

די ספּעציפישע קולטור־פּראָגראַמען אין צענטער, סיי פאַר דער יוגענד, סיי פאַר דערוואַקסענע, געפינען זייער אויסדרוק אין די פאַרשיידענע קורסען פון באַלעהרענדע געגענשטאַנדען; אין די קלאַסען פאַר אידיש און העברעאיש; אין די לעקציע־און־קאָנצערטען סעריעס; אין די מוזיקאַלישע גרופּירונגען; אין דער קונסט־שולע און אין די אַנדערע קלוב טהעטיגקייטען פון דעם סאָרט; אין פייערען אידישע יום־טובים, סיי אויף אַ טראַדיציאָנעלען און סיי אויף אַ מאָ־דערנעם אופן. און בכלל, געבען אויסדרוק צו אַלץ וואָס קען בייטראָגען צו דער קולטורעלער באַרייכערונג, זעלבסטבילדונג און פאַרוויילונג פון די מיטגלידער.

אָט איז אַלס ביישפּיל אַ גאַנץ טשיקאַווער, אָבער זעהר אינטערעסאַנטער און גאַנץ אייגענאַרטיגער, קלוב פון דעם סאָרט.

אַ גרופּע יונגע פּראָפעסיאָנעלע און געשעפטס פרויען פיהרט אָן אַ שפּילעד־ריי־קלוב פאַר קינדער. דער קלוב באַזיצט אַ קאָלעקציע פון ספּעציעלע קינדער־צאַצקעס, געמאַכט פון די פרויען און פאַרזאַמעלט אין זייער קלוב־צימער, וואו טאָג־טעגליך קומען אָרעמע אידישע קינדערלאַך זיך שפּילען און פאַרברייינגען צווישען די צאַצקעס, אַזוי ווי דערוואַקסענע אין אַ ביבליאָטעק; שפּילענדיג זיך אויפ'ן אָרט און נעהמענדיג אהיים די צאַצקעס, דינט דער דאָזיגער קלוב אַ באַ־

שטימטען פעדאגאגישען צוועק וואס ווערט שוין נאכגעקאפירט פון אנדערע פעדאגאגישע און ערציהערישע געזעלשאפטען אין שטאדט, ווייל ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז די דאזיגע מערקווירדיגע ערציהונגס־מעטהאדע ברענגט זעהר גוטע רעזולטאטען.

פון ניט ווייניג וויכטיגקייט איז דער, אזוי גערופענער „הבונים"־היים־קעמפ, פאר קינדער אין עלטער פון 6 ביז 15 יאהר, וואס ווערט זומער אנגע־פיהרט אין, און ארום, צענטער, פאר יענע קינדער וועלכע האבען ניט די מעג־ליכקייטען פאר א וואקאציע ארויס פון שטאדט.

צוויי הונדערט אינגלאך און מיידלאך פארברייינגען די זומער חדשים ווי אין א קעמפ־אטמאספערע מיט פאסענדע פראגראמען, אויספלוגען און פאר־שיידענע שטאדטישע פארקס און אנדערע אינטערעסאנטע פלעצער פאר זומער פארוויילונגען אונטער דער אויפזיכט פון ערפאהרענע קאנסילארס.

א גאנץ באזונדערען פלאץ אין צענטער פארנעהמען די אידישע מוטערס־קלובען וועלכע ציהען זייער אורשפרונג נאך פון יענעם ערשטען קלוב פון אי־דישע מאמעס אין דעם אמאליגען אידישען אינסטיטוט.

איבער פינף הונדערט פרויען, מאמעס, און אזעלכע וואס גרייטען זיך צו ווערען מאמעס, זיינען ארגאניזירט אין אכט קלובען אין פארשידענע געגענדען פון שטאדט.

זייער טהעטיגקייט באשטעהט אין וועכענטליכע, אדער צוויי־וועכענטליכע מיטינגען, פארבונדען מיט לעקציעס, ליטעראַרישע פראגראמען, דראמאטיקס, געזאנג, דיסקוסיעס, טענץ און פארוויילונגען וואס ענטוויקלען דעם געזעל־שאפטליכען גייסט ביי דער אידישער באלעבאסטע און הויבט איהר אינטעלעק־טועלען מצב, וואס איז אן־און־פאר זיך א באדייטענדער אויפטו.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אקטיוויטעט פון די מוטערס קלובען, ווערען אויך געגעבען קלאסען און קורסען, מאנכע פון זיי — ווי א שטייגער, מוטער־שאפט, קינדער היגיעניע און דעסטגלייכען — וואס זיינען פון באזונדערען ווערטה פאר יונגע מוטערס. איין קלוב אזא האט שוין אפילו געגרינדעט א ספעציעלע נוירסערי־סקוהל וואס ווערט אנגעפיהרט פון פאראנטוואָרטליכע לעהרער, צוגעשטעלט פון דער באארד אוו עדיוקיישאן.

די מוטערס קלובען באטייליגען זיך אויך ווי א רעפרעזענטאטיווע אידישע פרויען געזעלשאפט, אין גרעסערע פראיעקטען און אונטערנעהמונגען — סאי שטאדטישע, סאי נאציאנאלע — צוזאמען מיט די אנדערע פרויען גרופירונגען אין אלגעמיין געזעלשאפטליכען לעבען פון שטאדט.

דאָ דאַרף אויך דערמאהנט ווערען דער „גינזבורג קעמפּ“ פאַר אידישע מאַמעס מיט זייערע קינדערלאַך וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך דער איניציאטיווע פון די מוטערס קלובען.

דער דאָזיגער אינסטיטוציע ווערט געווידמעט א ספּעציעלער קאַפּיטעל אין בוך. אָבער דאָ מוז זי פאַרצייכענט ווערען אין שייכות מיט׳ן צענטער אונטער וועמענס אויפזיכט דער קעמפּ ווערט אנגעפיהרט און פאַרוואַלטעט.

אין סכום קולטור ארבייט פון צענטער, טאָר מען אודאי ניט אונטערשאַצען די ליטעראַרישע אָוועגדען, די מוזיקאַלישע אָווענדען, די קונסט־שולע, די מוזיק־פּראָיעקטען און די גאַנץ אייגענאַרטיגע אנדערע טעטיגקייטען פון דעם סאָרט, צוגעפּאַסט פאַר דער יוגענד און פאַר דערוואַקסענע.

די קונסט שולע פון צענטער האָט שוין צו איהר קרעדיט עטליכע באַדייטענדע אידישע קינסטלער, מאַהלער און צייכנער, וואָס האָבען פונדאַנען גראַדואירט דורך „סקאָלערשיפּס“ פאַר העכערע קונסט־אַקאַדעמיעס פון לאַנד.

די מוזיק שולע פון עטליכע יאָהר צוריק, האָט לעצטענס געקראָגען אן אַנדער פּנים. אנשטאָט בלויז א סקוהל ווערען אנגעפיהרט כאָרען פאַר יוגענדליכע און דערוואַקסענע, א סימפּאָנישער אָרקעסטער, ספּעציעלע מוזיקאַלישע זעלבסט־בילדונג קורסען, ווי אזוי צו פאַרשטעהן און אָבצושאַצען מוזיק און אזוי ווייטער און ווייטער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון א מוזיק דירעקטאָר אזוי ווי דאָס איז דער פאַל מיט די ליטעראַריש־דערציהערישע פּראָגראַמען אונטער דער אויפזיכט פון א ספּעציעלען „עדיוקיישאָן־דירעקטאָר“.

אויפ׳ן ליטעראַרישען געביט, ווערען דורכגעפיהרט ספּעציעלע פּראָגראַמען, מיט איינלייטונגען פון ליטעראַטור־קענער איבער די נייסטע און וויכטיגסטע ליטעראַרישע ווערק וואָס ערשיינען.

און, פאַרשטעהט זיך, אז צום ליטעראַרישען געביט דאַרף מען צורעכענען די ביבליאָטעק מיט א קאָלעקציע פון פינף טויזענד ביכער אין ענגליש, אידיש און העברעאיש פאַר די מיטגלידער און פאַר אלע וואָס זיינען ווילקאָמען אין צענטער, מיט זיי זיך צו באַנוצען.

דער פּלאַן איז מיט דער צייט צו האָבען אין דער ביבליאָטעק, א פאָלשטענדיגע קאָלעקציע ביכער אין „יודאַאיקאַ“ אין אלע דריי שפּראַכען, מען זאָל וויסען אז אין אידישען צענטער ביבליאָטעק קען מען געפינען אלץ וואָס איז געשריבען געוואָרען אין שייכות צו אידישע פראַגען און פּראָבלעמען — אין ענגליש, אידיש און העברעאיש.

מיר קומען איצט צו איינער פון די סאמע וויכטיגסטע אפטיילונגען, אדער דעפארטמענטען אין צענטער. דאס איז די „וואקיישאנאל סוירוויס“, אדער פשוט'ער גערעדט, די „ארבייטס־ביורא“, וואס גיט זיך אפ מיט שאפען ארבייט און באשעפטיגונג און מיט צופאסען אידישע ארבייטס־מענשען, הויפטזעכליך יונגע לייט און מיידלאך, פאר יענע שטעלעס ביי וועלכע מען קען זיך בעסער איינארדנען.

א ספעציעלער „וואקיישאנאל סוירוויס דירעקטאר“ פיהרט אן מיט דעם דאזיגען וויכטיגען דעפארטמענט וועמענס ממשות'דיגע אויפטואונגען, נוצען און הילף פאר מאסען יונגע ארבייטס־מענשען אין פאכען און אין פראפעסיעס, איז גאר ניט אבצושאצען.

די ארבייטס־ביורא גיט זיך אפ, ניט בלויז מיט שאפען א שטעלע פאר'ן אפליקאנט — זי פיהרט אן דאס, וואס מען רופט, „וואקיישאנאל גאידענס“. זי מאכט פון צייט צו צייט אויספארשונגען איבער דער אלגעמיינער עקאנאמישער לאגע אין שטאדט און זי באנוצט זיך מיט די פאקטען פון די אויספארשונגען לטובת די אפליקאנטען.

דער דירעקטאר פון דער ארבייטס־ביורא, אן אטאריטעט אויף דעם דאזיגען געביט, האלט אפ באראטונגען מיט עלטערען און זייערע קינדער וואס גרייטען זיך צו פיזישער באשעפטיגונג און וויסען ניט צו וועלכער מלאכה אדער פראפעסיע זיך צו נעהמען. ער גיט אויך אפטע לעקציעס פאר די וואס זוכען זיך צוצופאסען צו א טרייד אדער פראפעסיע. און בכלל, איז די אויפגאבע פון דער „וואקיישאנאל סוירוויס“, צו דינען דעם ארבייטס־מענש וואס ווענדעט זיך אין דער ביורא, מיט אלץ וואס נאר מעגליך.

אין דער דאזיגער פראגראם, שטעהט אויך שארף דאס פראבלעם פון דיס־קרימינאציעס, אויף וועלכע די „וואקיישאנאל סוירוויס“ דארף רעאגירען. אלעס מוז געטהאן ווערען מיט טאקט, מיט פארשטענדניס, זיך שטיצענדיג אויף די אויספארשונגען, אויף די פאקטען וואס די ארבייטס־ביורא האט צום האנד וועגען דעם גאנצען קאמפלעקס פראגען ארום דער דאזיגער פראבלעם, וואס איז ניט בלויז א לאקאלע, נאר א נאציאנאלע ערשיינונג.

די „וואקיישאנאל סוירוויס“, אדער די ארבייטס־ביורא, — דאס האט דער צענטער איבערגענומען פון דער „יאנג ווימענס היברו אסאסיאיישאן“, ווען די לעצטע איז אין 1933, געווארען א טהייל פון דער אינסטיטוציע.

און אויף וויפיל די ארבייטס־ביורא, פיעלט אויס א גאר וויכטיגע פונקציע, באווייזען די ציפערען פון איהרע דערגרייכונגען אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אויך אפ די גאנצע עקאנאמישע פעריפעריע פון דעטראיט וואו אידישע אר־

בייטס־מענשען געניסען אָדער ליידען, לויט דעם אַלגעמיינעם מצב פון דער שטאָדטישער עקאָנאָמיק. און דאָס דאַרף דאָ שטאַרק באַטאָנט ווערען.

אָט זיינען די ציפערען וואָס רעדען פאַר זיך אַליין:

אין 1934, האָבען 214 פּערזאָן געקראָגען ארבייט שטעלעס דורך דער אר־בייטס ביוראָ: אין 1935, שוין איבער צוויי מאָהל אזוי פיל — 508; אין 1936, גיט זיך די צאָהל א הויב ביז 1,036; און אין 1937, ווען די באַנייטע שפּע, האָט זיך שוין שטארק געפיהלט אין שטאָדט — ביז 1,146; אין 1938, צוגלייך מיט דער ירידה פון דער אזוי גערופענער „פּראָספּעריטי", פאַלט זי אראָפּ ביז 680. און דאָס לעצטע יאָהר 1939, הויבט זי זיך ווידער ביז 934. פאַר'ן איצטיגען יאָהר זיינען נאָך אַלע ציפערען ניטאָ. אָבער אין זיי וועט זיך זיכער אָבשפּיגלען די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע אין שטאָדט.

אלס אילוסטראַציע פאַר די אויפטהואונגען און טהעטיגקייט־ספערע פון דער „וואָקיישאַנאַל סוירוויס", דאַרף מען צו די ציפערען גאָר ניט צוגעבען.

---

וויפיל מען זאָל ניט שרייבען וועגען דעם אידישען קאָמיוניטי צענטער, קען מען דעם גאַנצען מאַטעריאַל ניט אויסשעפּען. דער צענטער מיט'ן גרויסען אָדיטאָריום, מיט'ן קלענערען באַנקעט־אַסעמבלי האָל, און מיט די אונצעהלי־גע גרעסערע און קלענערע קלוב־צימערען; מיט'ן אהרן דעראָי מעמאָריאַל ביל־דינג פאַר פיזישער קולטור, מיט'ן „דזשימנעזיום" און „סווימינג פּול"; די ביבליאָטעק, די ביהנע פאַר דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און די אַלע אנדערע באַקוועהמליכקייטען פאַר געזעלשאַפטליכער אקטיוויטעט, איז די היים, דער צענטער פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, פון אַלע געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען, וואָס קענען דאָרט אנפיהרען זייערע טהעטיגקייטען אין אַן אמת אידישער אַטמאָספערע.

אויסער אַלעמען איז דער צענטער דאָס שטענדיגע פאַרזאַמלונג פּלאַץ פאַר די מעהרסטע צענטראַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָדט און פאַר די לאָ־קאַלע אבטיילונגען פון צעהנדליגער נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען צופיל דאָ אויסגערעכענט צו ווערען.

מיט א בודזשעט פון איבער הונדערט טויזענד דאָלאַר א יאָהר, ווערען די אויסגאַבען געדעקט פון מיטגלידערשאַפט צאָהלונגען, פון ספּעציעלע דירעקטע איינקונפטען, פון דעם פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין און פון „קאָמיוניטי פאָנד" וועלכער סובסידירט דעם צענטער ניט צו בלייבען אין דעפיציט.

פאר׳ן פארגאנגענעם יאָהר, איידער ס׳איז צוגעקומען דער אהרן דרעאָי מעמאָריאַל בילדינג, האָט דער קאמיוניטי פאָנד בייגעטראָגען איבער 36 טויזענד דאלאר. פאר׳ן איצטיגען יאָהר 1940, ווען דער בודזשעט איז פיל גרעסער, באטרעפט שוין די סובסידיע פון „קאמיוניטי פאָנד“ 44 טויזענד דאלאר און אין פאראייניגטען אידישען קאמפיין איז די „קוואָטא“ פאר׳ן צענטער שוין געווען דרייצעהן טויזענד דאלאר אין פארגלייך מיט בלויז פינף טויזענד פאר׳ן פריערדיגען יאָהר.

דער סטעף פון צענטער באשטעהט פון 58 מענער און פרויען, איינגעטהיילט לויט פאָלגענדע קלאסיפיקאציעס: עלף פראָפעסיאָנאלען; 32 קלוירקס און אנדערע אָפיס און בילדינג אנגעשטעלטע און 15 וואָס זיינען דאָרט נאָר טהייל־ווייז באשעפטיגט. ווי אן אגענטור פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע, ווערט דער צענטער פארוואלטעט פון א פאָלשטענדיג אָטאָנאמער דירעקטאָרען באָארד, מיט הערמאן דזשייקאָבס אלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר.

פאר דער צייט, זינט די אידישע צענטערס אסאָסיאיישאָן האָט אנגענומען א פראָגראם ארויסצופיהרען דעם צענטער פון זיין פרימיטיווען צושטאנד און איהם מאַכען פאר דאָס וואָס ער איז היינט צו־טאָג, איז די דירעקציע געפיהרט געוואָרען פון: סעמועל לעווין, 1929־1933; עלא ווערא פעלדמאן, 34־1933; לויאיס סאבעל, 36־1934, און הערמאן דזשייקאָבס וועלכער שטעהט ביים רודער פון דער פיהרערשאפט זינט 1936.

האָט מען אין זינען אז אין פארלויף פון יאָהר ווערט דער צענטער באזוכט פון עטליכע הונדערט טויזענד אידען — דורכשניטליך צווישען פיר און פינף טויזענד מענשען א וואָך — ביי די לעקציעס, קורסען, דעבאטען, מיטינגען, פארוויילונגען, פיזישע קולטור־פראָגראמען, אלגעמיינע פארזאמלונגען און אזוי ווייטער און ווייטער—דאן ווערט קלאָהרער דער באגריף איבערן פארנעם פון דער גרעסטער און פאָפולערסטער אינסטיטוציע אין אידיש־געזעלשאפטליכען לעבען פון אונזער שטאָדט.

# דער ״פרעש-עיר״ קעמפ—

## אַ זומער-צענטער פאַר אידישע קינדער

פון אַ „פיקניק" פאַר אָרעמע קינדער, ביז דער איצטיגער מוסטערהאַפטער אינסטיטוציע. — די גרינדונג פון דער „פרעש-עיר" סאָסייעטי מיט 38 יאָהר צוריק און די געשיכטע פון „פרעש-עיר" קעמפ.

מאַנכע דעטראָיטער אידישע אינסטיטוציעס האָבען צו פאַרדאַנקען זייער עקזיסטענץ, וואוקס און באַפעסטיגונג צו דעם פאַקט וואָס מיט אַ סך יאָהרען צוריק האָבען עטליכע מענשען אַ טראַכט געטהאָן וועגען גרינדען עפּעס אַ סאָ־סייעטי, ניט זייענדיג אַליין גאַנץ קלאָהר וואָס זיי ווילען און ניט האָבענדיג די מינדסטע אַנונג אַז פון זייער פאַרזוך וועט אַרויסוואַקסען, און זיך ענטוויקלען, אַ באַדייטענדע שטאָדטישע אינסטיטוציע.

דאָס איז אויך דער פאַל מיט'ן „פרעש עיר" קעמפ, וואָס איז אַרויסגע־וואַקסען פון דער „פרעש עיר" סאָסייעטי, וואָס עטליכע דעטראָיטער אידישע פרויען האָבען געגרינדעט מיט 38 יאָהר צוריק.

און ווירקליך — ווער האָט זיך עס געקענט חלום'ן אַז פון יענער קליי־נער סאָסייעטי, וועט אויסוואַקסען איינער פון די שענסטע און מוסטערהאַפט־סטע קעמפּס?

דער פאַקט איז, אַז דער „פרעש עיר" קעמפ ווערט אַנערקענט פון אַלע עקספערטען אַלס אַ מאָדעל קעמפ. און די וואָס זיינען באַקענט מיט אַלעם וואָס עס טהוט זיך אין פאַרשיידענע אַנדערע קעמפּס אַנגעפיהרט פון פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס — ווי דער „קאָמיוניטי פאָנד" און דער סיטי רעקריאיישאָן דעפּאַרט־מענט, גיבען צו אַז דער „פרעש עיר" קעמפ איז די לויבענסווערטסטע אינסטיטו־ציע פון דעם מין, צווישען די פילע אַנדערע ענליכע אינסטיטוציעס אין דער אַלגעמיינער פילאַנטראָפּיע פון די פאַרשיידענאַרטיגע גרופּירונגען אין דעטראָיט.

דאָס רעדט פאַר זיך אַליין און קיין פירושים זיינען, דוכט זיך, ניט נויטיג. ס'איז אָבער יאָ נויטיג צו געדענקען, און צו באַטאָנען, אַז ווען ניט יענע קליינע סאָסייעטי פון 38 יאָהר צוריק, וואָלט אפשר דאָס אידישע דע־טראָיט נאָך עד היום אזא אַנשטאַלט ניט געהאַט.

זאָל דעריבער דאָ פאַרצייכענט ווערען אַז קרעדיט פאַר דעם וואָס קרוב צו טויזענד ניט־פאַרמעגליכע, און גאַנץ אָרעמע, אידישע קינדער האָבען יעדען זו־מער אַ געלעגענהייט צו פאַרברייננגען עטליכע וואָכען אויפ'ן לאַנד, ווייט אוועק

פון שטאָטישען טומעל און פון שלעכטען איינפלוס פון דער גאַס — אַז קרעדיט דערפאר קומט יענע עטליכע פרויען (פון וועלכע די מעהרסטע זיינען שוין אויפ'ן עולם האמת), וועלכע האָבען געגרינדעט די פרעש עיר סאָסייעטי.

* * *

די געשיכטע פון „פרעש עיר" קעמפ, ווי געזאָגט, פאנגט זיך אָן מיט 38 יאָהר צוריק. דעמאָלסט, אין 1902, ווען דער אידישער ישוב איז געווען קליין, קיין צופיל געזעלשאפטליכע גרופירונגען פאר איין צוועק אָדער א צווייטען, האָט דאָס אידישע דעטראָיט ניט פארמאָגט און דער דראנג צו וואוילטעטיגער ארבייט ביים מעהר „וואוילהאָבענדען" עולם איז געווען שטארק, האָבען עטליכע פרויען זיך דערטראכט צום געדאנק אז ס'וואָלט געווען זעהר א גוטע זאך מען זאָל די אָרעמע אידישע קינדער וואָס וואלגערען זיך אין די היצען אויפ'ן גאַס, ארום די ווייט ניט צו־זויבערע וואוינונגען פון זייערע עלטערען, ארויסנעהמען פאר א „פיקניק" פאר'ן טאָג ערגעץ אין א וועלדעל אָדער אין א פארק ארום שטאָדט.

היינט צו טאָג, מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם אויטאָמאָביל, די פארבעסערונ־גען און אויסשפרייטונג פון דער שטאָדטישער טראנספּאָרטאציע סיסטעם, און דעם גוואלדיגען וואוקס פון דעטראָיט, איז ארויספאָהרען ערגעץ אין א פארק, א קלייניגקייט.

דעמאָלסט אָבער, ווען אפילו דער אָקלאנד געגענד (דער צווייטער אידישער קווארטאל אין דער געאָגראפישער געשיכטע פון דעטראָיט), שוין אָבגערעדט פון, לאָמיר זאָגען, פּאַלמער פארק אָדער „בעל אייל", איז געווען „ערגעץ ווייט אין קאַנטרי", האָט א טאָג פאר די קינדער ארויס פון שטאָדט געמיינט א גאנ־צער יום־טוב.

דאָס איז, צו יענער צייט, געווען א געשעהניש, אינ'ם לעבען פון די אָרע־מע משה'לאך און שלמה'לאך. און דאָס צושטאנד צו ברייננגען, האָט זיך גע־נויטיגט א סך ארבייט. מען האָט בעדאַרפט באַזאָרגען די וועגענער, אנגרייטען די שפּייז און נאַשערייען, געהן פריער פון הויז צו הויז אָנזאָגען די עלטערען זיי זאָלען אויספּוצען די קינדערלאך פאר'ן פיקניק און אזוי ווייטער און ווייטער.

די עטליכע פרויען־וואוילטעטערינס האָבען גלייך נאָך די ערשטע עטליכע „ארויספאָהרען" מיט די קינדער, באשלאָסען צו גרינדען א סאָסייעטי וואָס זאָל זיך סיסטעמאטיש אָפּגעבען מיט דער דאָזיגער ארבייט. און וואָס פאר א נאָמען פּאַסט נאָך בעסער פאר אזא קערפּערשאפט ווי „פרעש עיר" (פרישע לופט) סאָסייעטי?

אַט אזוי איז עס צום לעבען געקומען א פרויען פאראיין, וועמענס נאָמען עס טראָגט דער איינציגער קעמפּ פאר ווייניגער פארמעגליכע און גאַנץ אָרעמע אידישע קינדער, א נאָמען וואָס וועט לעבען אזוי לאנג ווי דאָס אידיש־געזעל־שאפטליכע דעטראָיט וועט זיך נויטיגען אין אזא אינסטיטוציע.

פאר צוויי־דריי יאָהר צייט איז יענע סאָסייעטי אנגעגאנגען מיט די „פּיק־ניקס", ביז מען האָט שוין גענומען טראכטען פון א פּלאַץ, וואו מען זאָל די אידישע אָרעמע קינדער קענען געבען מעהר ווי איין טאָג, אָדער צוויי, פרישע לופט אין „קאָנטרי" אין משך פון עטליכע וואָכען.

מען איז געקומען צום באשלוס אז איין פולע וואָך אין „קאָנטרי" איז מעהר ווערטה פאר'ן קינד ווי צעהן־צוועלף באזונדערע טעג אין פארלויף פון די זומער חדשים. און א קליינער „קאטעדזש" איז פאר דעם צוועק געקויפט געוואָרען אויף דער אנדערער זייט פון דעטראָיט ריווער, אין וואָקערוויל, קענעדע, וואוהין עס איז, פאר יענער צייט, געווען פיל לייכטער צוצוקומען ווי ערגעץ ווייט ארויס פון שטאָדט אינ'ם דעטראָיטער שטח.

דאָרט, אין דעם קאטעדזש, איז שוין געווען פּלאַץ פאר אכצעהן־צוואנציג קינדער וואָס פלעגען געבראכט ווערען פאר א וואָך צייט אין קאָנטרי. איין גרופּע פלעגט קומען, און די צווייטע אהיים פאָהרען, אזוי אז אין פארלויף פון זומער פלעגען וואסערע צוויי־דריי הונדערט קינדער האָבען אמת'ע זומער־רוה, אמת'ע וואקיישאָן אין קאָנטרי.

זעלבסטפארשטענדליך אז מיט דער פארגרעסערטער אקטיוויטעט, איז אויך געוואקסען די מיטגלידערשאפט. מיט דער צייט האָט די פרעש עיר סאָסיי־טי זיך אנגעשלאָסען אן די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס". און האָבענדיג די שטיצע פון דער „פאראייניגטער צדקה", האָט מען זיך שוין ניט באנוגענט מיט'ן קליינעם פּלאַץ אין וואָקערוויל. מען האָט שוין געזוכט א גרעסערען. אגב איז די אידישע באפעלקערונג אויך געוואקסען און מיט איהר, די פּראָפּאָרציע פון אידישער אָרעמקייט, וואָס האָט ארויפגעלעגט גרעסערע פליכטען אויף דער „פרעש עיר" סאָסייעטי. די צאָהל קינדער איז געווען גרעסער ווי דער קליינער „קאָטעדזש" האָט געקענט אריינעהמען און מען האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען ביז אין 1908, זעקס יאָהר נאכדעם ווי די ערשטע פּראָבע איז געמאכט געוואָרען מיט געבען קינדער א טאָג זומער־רוה ארויס פון שטאָדט, האָט מען פאר דעם צוועק אָבגעקויפט אן אלטע גרויסע פארם מיט א היבשער שטיק לאַנד ביים לייק „סעינט קלעיר" ניט ווייט פון מאונט קלעמענס.

דאָרט איז שוין געווען פּלאַץ פאר הונדערט קינדער, אָבער די פארם האָט מען געמוזט אינגאנצען רעמאָנטירען. מען האָט געמוזט בויען א גרויסען, פּאַ־

סענדען עס־זאַל, מיט דער נויטיגער קיך און אנדערע קלענערע געביידען.

דאָס אלעס איז ביי דער ענערגישער ארבייט פון די פרויען, מיט דער הילף פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטים“ דערגרייכט געוואָרען. דאָס פּלאַץ האָט באַקומען א פּנים פון א „קעמפּ“ און דער אנשטאַלט האָט ביסלאַכווייז, ביס־לאַכווייז געוואונען אלץ מעהר פּאָפּולאַריטעט אין שטאָדט, סאַי צווישען אידען און סאַי צווישען די ניט־אידישע, פילאנטראָפּישע געזעלשאַפטען.

שפּעטער ווען די צאָהל קינדער־אַפּליקאַנטען איז נאָך גרעסער געוואָרען, האָט מען אויפגעבויט צוויי גרויסע „דאָרמיטאָרים“ (שלאָף־הייזער) מיט פּלאַץ אין יעדער, פאַר הונדערט קינדער. דערצו האָט פרוי שאַרלאָט בראַון, די אַלטע מוטער פון דעם שפּעטער פּאָפּולערען כלל־טהוער דייוויד בראַון, אויפגעבויט א „בראַון מעמאָריאַל סאָשעל האָל“, א גרויסע געביידע פאַר די אונטערהאַלטונגען און געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפטען פון די קינדער. דאָס האָט די פאַרשטאָר־וואוילטעטערין געטהאָן צו פאַראייביגען דעם אַנדענקען פון איהרע אייגענע פאַרשטאָרבענע קינדער.

גאַנצע זיבעצעהן יאָהר, האָט דער „פּרעש־עיר“ קעמפּ זיך דאָרט געפונען. די אינסטיטוציע איז פאַרפּונדעוועט געוואָרען. מען האָט אלץ מעהר און מעהר פאַרבעסערונגען געמאַכט. און פילע, איצט חשוב׳ע באַליבאַטים, קענען זיך געוויס עראינערען אָן די אינגעלשע יאָהרען ווען זיי פלעגען יעדען זומער פאָה־רען אויף א וואָך אָדער צוויי, אין „פּרעש עיר“ קעמפּ ביים לעיק סעינט קלעיר.

די צייט האָט אָבער געטהאָן דאָס איהריגע. פּונקט אזוי ווי דעטראָיט גופא, איז אויך געוואַקסען די באַפעלקערונג אין די ארומיגע שטעדטלאַך, איבערהויפּט אין, און ארום, מאַונט קלעמענס. דער „פּרעש עיר“ קעמפּ וואָס דאַרף זיך געפינען ארויס פון שטאָדט, אלץ ווייטער פון שטאָדט אין דער באמת פרישער לופט, האָט זיך כסדר אלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט צום שטאָדט. די נייע „האַיוועס“, וואָס זיינען אויף די וועגען פּאַזע דעם קעמפּ אויסגעלעגט געוואָרען, דער שטענדיגער גערעש פון די אָטאָמאָבילען ארום קעמפּ און די הייזער אין קאָטעדזשעס וואָס זיינען דערנעבען געבויט געוואָרען, האָבען דאָס פּלאַץ שוין געמאַכט אומפּאַסיג פאַר׳ן צוועק.

מען האָט געמוזט פון דאָרט אוועק. דאָס איז געווען די פּראָבלעם פאַר עטליכע יאָהר צייט, וואָס איז מיט 14 יאָהר צוריק, אין 1926, געלעזט געוואָ־רען דורך דער שעהנער טהאַט פון א אידישען פילאַנטראָפּ.

מר. און מרס. עדווין ראָזענטהאַל, באַקאַנטע טהוער (ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען זיי האָבען זיך באַזעצט אין פלאָרידא) אין דער אידישער וועל־

פעיר פעדעראציע, האָבען אוועקגעשאָנקען 55 אַקער לאַנד פאַר'ן קעמפּ, ביים „בלעין לעיק“, נעבען בריטאָן, מישיגען, 48 מייל ארויס פון דעטראָיט.

די שטיק לאַנד האָט די גרויסע מעלה וואָס זי ליגט אין איינער פון די שעהנסטע נאַטור־לאַנדשאַפטען ארויס פון שטאָדט, ארומגעצוימט מיט א וואַלד וואָס ציהט זיך ארום און אַרום דעם שטח; מיט א קלאָהרען, שפּיגעלדיגען טייך וואָס פליסט דערנעבען אזוי אז ווען מען קומט צו צום קעמפּ, איז דער ערשטער איינדרוק ווי די שטיק לאַנד מיט דער ארומיגער לאַנדשאַפט וואָלט פון דער נאַטור אַליין, בכיוון אזוי אויסגעפּלאַנט געוואָרען, כדי די דעטראָיטער אידישע קינדער זאָלען האָבען דאָס אידעאַלע פּלאַץ פאַר זייער וואַקאַציע.

דאָ איז די געאָגראַפישע לאַגע אזא, וואָס שטעלט אויסער געפאַהר די מעגליכקייט אז דאָס פּלאַץ זאָל אריינגענומען ווערען אין שטאָדטישען שטח. און דאָ האָט מען שוין געקענט אלעס איינאָרדנען אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען.

די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“, די אייגענטום באזיצערין (פּראָפּערטי האָלדינג) אגענטור פון דער וועלפעיר פעדעראציע, האָט אויסגעגעבען איבער הונדערט טויזענד דאָלאַר אויף זעקס מאָדערנע געביידען וואָס זיינען אין משך פון יאָהר אויסגעבויט געוואָרען. א זיבענטע געביידע, א „בראַון מעמאָריאַל האָל“, לויט'ן מוסטער פון פריערדיגען קעמפּ, האָט די אַלטע מרס. בראַון אויך דאָ געלאָזען בויען.

די געביידעס זיינען אזוי צושטעלט געוואָרען אז פון דער וויטענס זעהט עס אויס ווי אן „אָוואַלנער“ קרייז פון הייזער און אין הינטערגרונד זעהט זיך דער וואַלד וואָס פארכאַפּט דאָס אויג גלייך ביים אָנקומען אין קעמפּ. איהר שטעלט זיך אוועק פון דער וויטענס און איהר באוואונדערט די שעהנקייט פון דער קהלי'שער אימעניע וואו אין פארלויף פון זומער הערשט די רעפּובליק פון דעטראָיטער אידישע קינדער.

מיט א יאָהר שפּעטער, אין זומער פון 1927, איז דער נייער (דער איצטיגער) „פרעש עיר“ קעמפּ אָפיציעל געעפענט געוואָרען און ער איז באַלד געוואָרען אזא צוציהונגס פּלאַץ אז פילע טאַטעס און מאַמעס זיינען גערען געווען צו צאָהלען וויפיל מען זאָל נאָר פארלאַנגען, אבי זייערע קינדער זאָלען דאָרט קענען פארברענגען עטליכע וואָכען.

אָבער דאָס איז, ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק, געווען אינגאַנצען אויסגעשלאָסען. דער קעמפּ, א דורכאויס פילאַנטראָפּישער, ווערענדיג סובסידירט פון דעטראָיט „קאַמיוניטי פאָנד“, האָט ער געמוזט געבען דעם פאָרצוג צו יענע קינדער וועמענס עלטערען זיינען ניט אומשטאַנד צו צאָהלען די פולע סומע.

די וואָס קענען עס „אפאָרדען", וועלען שוין געפינען דאָס פּאַסענדסטע פּלאַץ פאר זייערע קינדער ערגעץ אַנדערש. און דאָ, האָט מען געוואוסט, איז די היים פאר יענע קינדערלאַך, וואָס וואָלטען זאָנסט, מוזען בלייבען אין שטאָדט.

פאר די נעקסטע פיר יאָהר, זייענדיג אנגעשלאָסען אָן „קאמיוניטי פאָנד" ווי אן אגענטור פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע, האָט דער „קאמיוניטי פאָנד" געדעקט אלע אויסגאבען און דעפיציטען. אום דאָס קלאָהרער צו מאכען, לאָמיר נעהמען אלס ביישפיל דאָס יאָהר 1930, דאָס לעצטע יאָהר איידער ס'איז געקומען דער איבערברוך אין די פינאנסירונגען פון „פרעש עיר" קעמפּ.

מיט דעם נאָמינעלען פרייז פון פופצעהן דאָלאר פאר די צוויי וואָכען, וואָס יעדעס קינד איז בארעכטיגט צו זיין אין קעמפּ, האָט מען יענעם יאָהר פון די צאָהלונגען פאר איבער טויזענד קעמפּ־וואָכען אריינגעקראָגען עטוואס איבער פיר טויזענד דאָלאר. דאָס איז געווען דערפאר, וואָס צווישען 35 און 40 פּראָ־צענט פון די קינדער האָבען געצאָהלט בלויז א קליינינגקייט און פאר מאנכע האָט מען גאָר ניט געצאָהלט.

פון פארשיידענע בײשטייערונגען דירעקט צום קעמפּ איז אריינגעקומען נאָך צוויי טויזענד דאָלאר. אָבער די אויסגאבען פאר'ן יאָהר זיינען געווען איבער 22 טויזענד דאָלאר, האָט דער „קאמיוניטי פאָנד" דאָס געדעקט. ס'איז אלזא, ווי מען קען זעהן, גאָר ניט געווען קיין פינאנץ פּראָבלעמע. און די פיהרערשאפט און פארוואלטונג פון קעמפּ, האָט דאן פּרובירט אויך אויסשפּרייטען די קעמפּ טהעטיגקייט אויף אַנדערע געביטען אין פארבינדונג מיט'ן וואוילזיין פון די קינדער.

די זיבען גרויסע געביידען וואָס מען האָט אויפגעבויט צו דער ערעפענונג פון קעמפּ, דינען עד היום פאר פאָלגענדע צוועקען: פיר, אלס „דאָרמיטאָרים" מיט פופציג בעטען אין יעדע, צוויי פאר באָיעס און צוויי פאר מיידלאַך; א גרויסער עס־זאַל מיט פּלאַץ פאר איבער 200 קינדער; דער „בראַון סאָשעל האָל" אָדער „רעקריאיישאָן בילדינג" און די אָפיס געביידע מיט א קליניק, א קליינער האָספּיטאַל, פאר די „קעמפּערס".

מען האָט, באַלד אויך צוגעבויט א צאָהל קלענערע געביידען, צוויי ביים טייך — פאר דער באקוועהמליכקייט פון די באָיעס און מיידלאַך; א הויז וואו עס קאָנצענטרירט זיך די גאנצע מאשינערי פאר די מאָדערנע איינריכטונגען ווי וואסער־לייטונג און עלעקטריציטעט און עטליכע „ליטאַניעס" צעוואָרפען אין וואלד — אלץ פאר דער באקוועהמליכקייט פונ'ם יונגוואַרג אין עלטער פון זעקס ביז 16 יאָהר, וואָס ווערען אריינגענומען אין קעמפּ.

דער „רעקריאיישאָן בילדינג", דאָס איז ביז היינט צו טאָג דער גייסטיגער

צענטער פון קעמפּ. דאָס איז דאָס פּלאַץ וואו די קינדער פארברייננגען זייער פרייע צייט ביי פארשיידענע אונטערהאלטונגען; דאָ ווערען געגעבען קאָנצערטען, און דראמאטישע פאָרשטעלונגען; דאָ ווערען דורכגעפיהרט פּאסענדע אידישע צערעמאָניאלען; און דאָ געפינט זיך א גאנץ נשקשה'דיגע ביבליאָטעק.

פארשטעהט זיך, אַז די כאראקטעריסטישע „קעמפּ פייערס" מיט די אנדערע באגלייטס-ערשיינונגען וואָס געהן אריין אין די סקאָרבאָווע קעמפּ פּראָגראַמען, פעהלען אויך ניט.

ווי פריער געזאָגט, האָט די פארוואלטונג, ניט האָבענדיג קיין פינאנץ פּראָבלעמע, פּרובירט אויך אויסשפּרייטען איהר טעטיגקייט אויף אנדערע געביטען.

מען האָט, צום ביישפּיל, אריינגענומען אויך אַזעלכע קינדער, וואָס זיינען אהין געשיקט געוואָרען אויף דער רעקאָמענדאציע פון א דאָקטאָר, הויפּטזעכליך „קארדיאַקס", ליידענדע פון הארץ קראַנקהייטען, וואָס האָבען גמוזט האָבען ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט די גאנצע צייט אין קעמפּ. אויך אַזעלכע פאר וועמענס ספּעציעלע „דיעטע" מען האָט געמוזט זאָרגען. און דערצו האָט מען זיך פארנומען אַז דער „פרעש עיר" קעמפּ זאָל ניט זיין בלויז א סעזאָן-אינסטיטוציע.

זאָרגענדיג פאר'ן געזונד פון קינד אין קעמפּ, האָט מען אויך גענומען נאָכפּאָלגען ווי אַזוי דאָס קינד געהט אן דאָס גאנצע יאָהר. מען האָט אנגעהאלטען דעם קאָנטאקט מיט די עלטערען און געזעהן דערצו אַז אַלע רעקאָמענדאציעס פון דאָקטאָר אין קעמפּ פאר'ן וואוילזיין פונ'ם באָי אָדער מיידעל, זאָלען דורכגעפיהרט ווערען.

וואָס די „קארדיאַקס", אנבאלאנגט, האָט מען פאר צוויי-דריי יאָהר געשיקט אזעלכע הארץ-ליידענדע קינדער פון פארשיידענע שטאָדטישע האָספּיטאלס און אנשטאלטען אין קעמפּ אריין פאר'ן גאנצען זומער.

געהאָפּט האָט מען אַז דאָס וועט פיהרען דערצו אַז דער „טשילדרענס פאָנד", וואָס דער פארשטאָרבענער סענאַטאָר קאָזינס האָט געשאפען דורך א סטיפּענדיע פון צעהן מיליאָן דאלאר, וועט בויען א ספּעציעלען קעמפּ פאר אזעלכע קינדער, האָבענדיג פאר דעם צוועק אויסגענוצט דעם „פרעש עיר" קעמפּ ווי א לאַבאָראַטאָריע.

וואָלט דאָס צושטאַנד געקומען, וואָלט דער קרעדיט דערפאר אינגאנצען צוגעשריבען געוואָרען צו דער „פרעש עיר" סאָסייעטי. ליידער איז אָבער געקומען אן איבערברוך, וואָס האָט געמאכט א סוף צו אַלע פּלענער און וואָס האָט

געפֿיהרט צו אַן ענדערונג אין דער גאַנצער פּאַרוואַלטונג און פינאַנסירונג־סיס־טעם פון „פרעש עיר" קעמפּ.

אין 1931, אלס רעזולטאַט פון דעם, שוין פון פריער, שטאַרק פיהלענדען קריזיס, האָט דער „קאָמיוניטי פאָנד" אָבגעשניטען די סובסידיעס אויף צו פי־נאַנסירען אלע פילאַנטראָפּישע קעמפּס פון דעטראָיט און דער פרעש עיר קעמפּ האָט זיך געמוזט צופּאַסען צו די ניי־געשאַפענע אומשטענדען. אנשטאַט די צעהנדליגער טויזענדער דאָלאַרס אויף צו דעקען די דעפיציטען פון קעמפּ און די פריערדיגע יאָהרען, האָט דער „קאָמיוניטי פאָנד" פון איצט אָן און ווייטער בייגעטראָגען בלויז 2,500 דאָלאַר א יאָהר, ווי ס'האָט געהייסען, אכטונג צו געבען אויפ'ן פאַרמעגען אין קעמפּ, ביז בעסערע צייטען וועלען קומען. די דאָזיגע „בעסערע צייטען", וואָס דעם קאָמיוניטי פאָנד אנבאַלאַנגט, זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג ניט אנגעקומען . . . אָבער די אידישע וועלפעיר פעדעראַציע, האָט זיך ניט אוועקגעזעצט וואַרטען, ביז מען וועט, ווי פריער, פינאַנסירען דעם „פרעש עיר" קעמפּ פון דער אלגעמיינער פילאַנטראָפּישער קאַסע אין שטאָדט.

אום זיך צוצופּאַסען צו די נייע אומשטענדען, האָט די וועלפעיר פעדע־ראַציע איבערגענומען אלע אָבליגאַציעס פון פרעש־עיר קעמפּ. דאַריבער האָט מען געוויסע איינריכטונגען געמוזט אָבשאַפען.

מען האָט אויפגעגעבען דאָס נאָכפאָלגען דעם געזונד־צושטאַנד פון די קינ־דער דאָס גאַנצע יאָהר און מען האָט געמוזט אויך אויפגעבען די ספּעציעלע אָב־טיילונג פאַר די „קאַרדיאַקס", וואָס זיינען אלץ געווען פאַרבונדען מיט עקסטרא אויסגאַבען.

און די הויפּט זאַך, מען האָט געמוזט העכערען די צאָהלונגען פאַר די קינדער און אויך צולאָזען די מעגליכקייט פאַר יענע קינדער וואָס קענען זיין אין קעמפּ מעהר ווי די באַשטימטע צוויי וואָכען, אום צו דעקען דעם בודזשעט.

צוליב די דאָזיגע איינפיהרונגען זיינען די צאָהלונגען ביסלאכווייז געהע־כערט געוואָרען צו אַכט, ניין און איצט צו צעהן דאָלאַר א וואָך. דעסטגלייכען גיט מען א פּריווילעגיע יענע עלטערען וואָס ווילען שיקען זייערע קינדער פאַר א לענגערער צייט אין קעמפּ, כאָטש דאָס מיינט א באַשרענקונג פאַר אַנדערע קינדער, וועמענס עלטערען קענען זיך קוים ערלויבען זיי צו שיקען אויף די באַ־שטימטע צוויי וואָכען.

אין לעצטען סך הכל, מיינט עס, אַז די אלגעמיינע צאָהל קינדער איז איצט אביסעל קלענער פאַר'ן גאַנצען סעזאָן, כאָטש דער קעמפּ אליין איז פאַרגרעסערט געוואָרען. קיין גאָר גרויסען אונטערשייד מאַכט עס אָבער פאָרט ניט — אין די

הויפּט פּרינציפּען פון קעמפּ, נעמליך: צו דינען די ווייניגער פּאַרמעגליכע און אָרעמע דעטראָיטער אידישע קינדער.

פאַר׳ן פאַרגאַנגענעם סעזאָן פון 1940 צוםביישפּיל, זיינען געוועז 1162 רעדזשיסטריישאָנס פאַר 786 קינדער, וועלכע האָבען פאַרבראַכט 2,324 וואָכען אין קעמפּ. און צווישען דער דאָזיגער צאָהל זיינען געוועז בלויז 21 קינדער פאַר׳ן גאַנצען סעזאָן.

דער בודזשעט פאַר׳ן קעמפּ איז איצט דורכשניטליך כמעט דער זעלבער, צווישען 20 און 21 טויזענד דאָלאַר א יאָהר, לויט די אויסגאַבען וואָס זיינען אַרום צעהן דאָלאַר ($9.80) א וואָך פאַר א קינד. אָבער פאַר׳ן סעזאָן 1940, וואָס איז דער דורכשניט אויך פון די פריערדיגע יאָהרען, האָבען בלויז 43 פּראָצענט פון די קינדער געצאָהלט די פולע סומע פון צעהן דאָלאַר א וואָך.

די איבעריגע 57 פּראָצענט האָבען געצאָהלט פיל ווייניגער, אָדער גאָרניט, לויט יעדען מעגליכען פאַל באַזונדער. און די רעדוצירטע צאָהלונגען זיינען פון איין דאָלאַר ביז מאַקסימום זעקס דאָלאַר א וואָך.

די אויסגאַבען פאַר׳ן קעמפּ ווערען פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר געדעקט אויף פאָלגענדען אופן:

פון פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין, 4,000 דאָלאַר; דער „קאַמיוניטי פאָנד“ גיט נאָך אַלץ 2,500 דאָלאַר א יאָהר; אַרום טויזענד דאָלאַר קריגט דער קעמפּ א יעהרליכען ביטראַג פון דעם „אהרן מענדעלסאָן פאָנד“, וואָס דער פאַרשטאָרבענער פילאַנטראָפּ האָט געלאָזען אין רשות פון פרעד מ. באַטצעל פאַר וואוילטעטיגע צוועקען; פון 500 ביז 800 דאָלאַר א יאָהר קומט אַריין פון קלענערע ביישטייערונגען. און דאָס איבעריגע ווערט „געדעקט“ פון די צאָהלונגען פאַר די קינדער.

ווילען מיר ווייטער וויסען ווי אזוי די קינדער־באַפעלקערונג אין פרעש עיר קעמפּ צוטהיילט זיך, זעהן מיר אַז אַרום 36 פּראָצענט ווערען אהין רעקאָמענדירט פון פינף אנדערע אידישע אינסטיטוציעס: פון דער דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ; פון דער טשאילד פּלייסמענט ביוראָ; פון די פאַראייניגטע תלמוד תורות; פון דער קינדער־היים און פון גאָרטענד קליניק.

נאָך א צאָהל קומען אין קעמפּ דורך די רעקאָמענדאַציעס פון פּאָבליק וועלפעיר דעפּאַרטמענט; פון דער סטייט ביוראָ אָוו סאָשעל עיד; פון „קאָזענס טשילדרענס פאָנד“ און דורך דירעקטע אַפּליקאַציעס פון אָרעמע עלטערען. און

פאר אַט די אַלע קינדער זיינען די צאָהלונגען אומבאדייטענדע, ווען מען האָט אין זינען דעם דורכשניט פון בלויז $2.80 א וואָך פאר א קינד.

---

ווען מען אנאליזירט די פארשיידענע קלאַסיפיקאציעס און ציפערען אין די רעקאָרדס פון דער פרעש עיר סאָסייעטי, זעהט מען אז דער טראָפּ ווערט שטארק געשטעלט אויף דער הויפּט אויפגאבע פון קעמפּ: צו דינען אַלץ מעהר און מעהר די ווייניגער־פּריווילעגירטע קינדער. דאָס מיינט אז מען מאכט ניט קיין טוּנענד פון ארייננקריגען קינדער וואָס קענען באצאָהלען דעם פולען פרייז, נאָר מען שטרעבט זיך אדרבא אָן, צו קריגען וואָס מעהר ביישטייערונגען און סובסידיעס פאר'ן קעמפּ, כדי אַלץ מעהר און מעהר אָרעמע קינדער זאָלען קענען געניסען פון קעמפּ, וואָס איז פאר זייער וואוילזיין געגרינדעט געוואָרען און ווערט אלס אזא אינסטיטוציע אויפגעהאַלטען.

אין 1937 און אין 1938, איז דורך ספּעציעלע ביישטייערונגען, הויפּט־זעכליך פון די ירושות פון דער פארשטאָרבענער קאָהען פאמיליע — יהושע, סיימאָן און קערי־סיטיג קאָהען — צוגעבויט געוואָרען נאָך עטליכע געביידען ביים קעמפּ.

עס איז עטאַבלירט געוואָרען דער, אזוי גערופענער, „סיניאָר יוניט", א באַ־זונדערע אבטהיילונג פאר עלטערע באָיעס (14 ביז 16 יאָהר אַלט), פון פינף געביידען: דריי „דאָרמיטאָריס", אָן עס־זאַל און נאָך א געביידע מיט פּלאַץ און באקוועהמליכקייט פאר 36 דערוואקסענע אינגלאָך.

עס איז צוגעקומען א ספּעציעלע האָספּיטאַל געביידע מיט 12 בעטען; א הויז פאר'ן אויפזעהער (קערטעיקער) וועלכער וואוינט דאָרט דאָס גאנצע יאָהר; אָן „ארטס ענד קרעפטס" בילדינג, וואו די קינדער פארברייינגען זייער צייט אין נוצליכע באשעפטיגונגען; און נאָך עטליכע הייזער אזוי, אז די אינסטי־טוציע האָט פאר די לעצטע עטליכע יאָהר אויך באדייטענד פארגרעסערט איהר פארמעגען צוגלייך מיט דער פארגרעסערונג פון איהרע מעגליכקייטען פאר מעהר קינדער — פון צוויי הונדערט, אויף 236 אינגלאָך און מיידלאָך וואָס ווערען דאָרט באקוועהם איינגעאָרדענט יעדע וואָך אין פארלויף פון זומער.

באדינט, באשיצט און באזאָרגט ווערט אַט די קליינע אידישע רעפּובליק פון א סטעף פון איבער פופציג אנגעשטעלטע: קאונסילאָרס, א דאָקטאָר, א נוירס, א לייבערעריען, א סעקרעטאר, א הויז פארוואַלטערין, וועיטערס, א קעיר־טעיקער, דזשעניטאָרס, קוכערס און אנדערע אָן וועמענס שפּיץ עס שטעהט דער קעמפּ דירעקטאָר א ו י ר ו ו י ן ש א ו, אַליין א פּראָדוקט פון דער אינ־

סטיטוציע, וואו ער האָט מיט יאָהרען צוריק געקראָגען זיין ערשטע ערפאהרונג אין קעמפּ־אקטיוויטעט אלס קאנסילאָר.

איבעריג צו זאָגען אז דער „פרעש עיר“ קעמפּ איז שטענדיג פול. קיין מאנגעל אין „קעמפּערס“ איז ניטאָ. און הלואי וואָלט געווען נאָך מעהר פּלאַץ און מעגליכקייט, וואָלט אלץ קיין זאָרג ניט געווען עס אויסצופילען אין פארלויף פון זומער.

מיינען מיינט עס אלזאָ, אז דער „פרעש עיר“ קעמפּ פארנעהמט זעהר א וויכטיגען און חשוב׳ן אָרט אין דעם גאנצען סכום פון פילאנטראָפּיע און וואויל־טעטיגקייט פון דאָס אידיש־געזעלשאפטליכע דעטראָיט.

# דער "קאָונסיל-קעמפּ"—
## אַ זומער היים פאַר פּראָפעסיאָנעלע און ארבייטס-פרויען

די געשיכטע פון קעמפּ וואָס איז ארויסגעוואקסען פון דער אמאָליגער „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן". — אַ פּראַקטישע, נויטווענדיגע אינסטיטוציע, אנגע־פיהרט פון „קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען".

די געשיכטע פון „קאונסיל קעמפּ" — א נייער נאָמען פאר אַן אַלטער אינ־סטיטוציע — איז ענג פארבונדען מיט דער געשיכטע פון די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן" וואָס עקזיסטירט שוין אויך ניט אין נאָמען, אָבער איהר טהעטיגקייט ווערט פאָרטגעזעצט אין דעם גאנצען סכום פון פארשיידענארטיגער אקטיוויטעט אין אידישען קאמיוניטי צענטער.

ווען ניט די אמאָליגע „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן", וואָס איז גע־ווען — אין איהר צייט — די איינציגע פּראקטישע אינסטיטוציע פאר דער דע־טראָיטער אידישער יוגענד, וואָלט קיין „קעמפּ" ניט געווען. און רעדענדיג ווע־גען דער „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן", איז עס א פאקט, אז איידער נאָך דעטראָיט האָט באוויזען צו האָבען אן אייגענעם גרויסען אידישען צענטער, אָדער א „יאנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן" — אינסטיטוציעס פון דעם מין וואָס אנ־דערע, קלענערע שטעדט האָבען יאָ שוין געהאט — אין דער צייט וואָס די מענער זיינען געבליבען הינטערשטעליג אויף דעם דאָזיגען געביט, איז די פרויען יאָ געלונגען צו שאפען אזא אינסטיטוציע.

און דאָ איז אינטערעסאנט צו פארצייכנען אויך דעם פאקט, וואָס צוליב'ן מאנגעל אין אזא אינסטיטוציע פאר מענער, האָבען צו דער „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן" באלאנגט עטליכע הונדערט יונגע-לייט אזוי, אז כאָטש דער נאָמען איז געווען א באשטימטער, איז אָבער די מיטגלידערשאפט געווען א געמישטע, וואָס באווייזט אגב, אז ניט אַלע מאָהל דריקט אויס א נאָמען דעם באַשטימטען צוועק פון אן אינסטיטוציע.

די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן" האָט פאר קנאָפּע אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר אנגעפיהרט איהר פארשיידענארטיגע טהעטיגקייט — אין איהר אייגענער היים — פאר'ן וואוילזיין פון דער אידישער מיידעל, וועלכע ארבייט דעם טאָג אין אָפיס, אין שאָפּ אָדער אין סטאָר און נויטיגט זיך ניט בלויז אין אביסעל צעשטרייאונג און פארוויילונג אין די אָוועגטען, נאָר צייטענווייז נוי־טיגט זי זיך אויך אין אן עצה, אין אַ ראַט און אין דירעקטער הילף צו קריגען ארבייט און זיך צוצופּאסען צו נייע אומשטענדען ארום איהר פּראָפעסיע, ארום איהר באַשעפטיגונג פאר אן אונאבהענגיגע, עקאָנאָמישע עקזיסטענץ.

און צום לעבען געקומען איז די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן" אונ־טער גאַנץ אייגענארטיגע אומשטענדען, אַ דאַנק דעם וואָס א גרופּע וואויל־האבענדע אידישע פרויען, האָט זיך פארוואָלט אויך עפּעס טהאָן פאר דער אָרע־מער, עלענדער מיידעל.

* * *

דאָס איז געווען אין 1918, ווען דער דעמאָלסט עקזיסטירענדער „אידישער פרויען קלוב" — איצט באוואוסט אלס די דעטראָיטער אבטהיילונג פון „נעשאָ־נאַל קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען" — האָט זיך דערטראכט צום געדאנק צו עפענען אַ היים, א וואוינונג־פּלאַץ פאר אידישע מיידלאך וואָס מוזען צוליב איין אורזאך, אָדער א צווייטער, וואוינען אין דער פרעמד, אָבער זייערע פאר־דינסטען זיינען לײדער ניט גרויס גענוג, זיי זאָלען קענען וואוינען אין א באַ־קוועהמער, פּריוואטער דירה.

אזעלכע היימען, „רעזידענצען" פאר אידישע מיידלאך, וואו אויסער די נויטיגע באקוועהמליכקייט פאר א פארהעלטניסמעסיג קליינער צאָהלונג געפינען דאָרט די „איינוואוינער" די פּאסענדע, געזעלשאפטליכע אטמאָספערע, זיינען צו יענער צייט געווען אין א סך שטעדט פון לאַנד. און דער דעטראָיטער „אי־דישער פרויען קלוב", האָט געוואָלט נאָכטהאָן דעם ביישפּיל.

א גרויסע פערצעהן־רומיגע הויז אין 89 ראָאינאָ סטריט, איז פאר דעם צוועק געדונגען געוואָרען. און אין פארלויף פון די נעקסטע עטליכע יאָהר ביז 1921, האָט די הויז געדינט דעם צוועק.

מיידלאך פון אנדערע שטעדט וואָס זיינען געקומען קיין דעטראָיט זוכען באשעפטיגונג און היגע אידישע טעכטער וועלכע האָבען צוליב פארשיידענע אומשטענדען ניט געקענט זיין מיט די עלטערען, אָדער גאָר פאר'יתומ'טע אי־דישע מיידלאך, האָבען דאָרט געהאט א היים.

אין 1921, ארונטערציהענדיג דעם סך הכל פון דער היים'ס עקזיסטענץ פאר די עטליכע יאָהר, האָט מען געזעהן אז דער מאנגעל אין אזא אינסטיטוציע איז ניט גרויס גענוג.

און וואָס ס'האָט זיך יאָ געפיהלט א נויטווענדיגקייט איז, אין א געזעל־שאפטליכע היים, א פארוויילונגס־צענטער צוזאמען מיט א באשטימטער הילפס־אַגענטור פאר הונדערטער אידישע מיידלאך, וועלכע זיינען אומבאהאָלפען ווען זיי קומען פנים אל פנים מיט'ן הארטען, פּראַזאאישען לעבען, ווען זיי זוכען ארבייט, ווען זיי נויטיגען זיך אין אן עצה, אין א ראטה, אין דעם באשטימטען נויטיגען מאָמענט.

און אזוי ווי די הויז איז שוין געווען, האָט דער „אידישער פרויען קלוב“ באשלאָסען זי צו פארוואנדלען אין אזא צענטער און — די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“ איז אָרגאניזירט געוואָרען.

אַלס אינסטיטוציע אונטער דעם דאָזיגען נאָמען, האָט דער „קאמיוניטי פאָנד“ געגעבען די נויטיגע געלד די הויז צו קויפען. און מיט די אנדערע פינאנץ־מיטלען וואָס זיינען געשאפען געוואָרען האָט מען זי צוגעפאסט פאר די נייע אויפגאבען און אויך אויסגעבויט א קליינעם אָדיטאָריום פאר פארשיידענע פארווייל־ונג פראָגראמען.

אין משך פון די נעקסטע צוועלף־דרייצעהן יאָהר, האָט די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“, אנגעפיהרט א פארצווייגטע, פארשיידענארטיגע טהעטיגקייט — אין איינקלאַנג מיט׳ן גייסט און אויפגאבען ענליכע אינסטיטוציעס אין אידישען לעבען פון אנדערע שטעדט — ביז 1933 ווען דער אידישער צענטער האָט זיך געעפענט און די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“ האָט זיך אויפגעלעזט אָדער בעסער געזאָגט, זי איז פארשמאָלצען געוואָרען אין צענטער, וואָס האָט איבערגענומען איהר ארבייט.

עס דארף פעסטגעשטעלט ווערען פאר דער געשיכטע אז, איינע פון די וויכטיגסטע דערגרייכונגען פון דער „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“, איז געווען די עטאבלירונג פון דער „ביוראָ אָוו פּוירסאָנאַל סוירוויס“, א דעפּארטמענט צו דינען די מיטגלידער אין זייערע פערזענליכע נויטען, ווי קריגען ארבייט, זיך מעהר פארפאָלקאָמענען אין א באשטימטער באשעפטיגונג, העלפען דער אידישער מיידעל איבערצוגעהן פון איין פאך אין א צווייטען ווען די אומשטענדען צווינגען איהר דערצו און טאקע איהר אויך העלפען אין אזעלכע פאַלען ווען די הילף איז פון אזא סאָרט וואָס נאָר אַן אָרגאניזאציע מיט באשטימטע צוועקען, קען עס איהר געבען.

די „ביוראָ אָוו פּוירסאָנאַל סוירוויס“ האָט אין משך פון איהר עקזיסטענץ, אזוי ווי איצט די „וואָקיישאָנאַל סוירוויס“ביים אידישען צענטער, זעהר פיל געהאָלפען אידישע מיידלאך — און אויך יונגע לייט — אויף פארשיידענערליי אופנים.

קודם כל קריגען ארבייט — וואָס איז שוין יאָהרען לאנג א פּראָבלעמע, ספּעציעל פאר די אידישע „ווייסע קאָלנער“ ארבייטער — פאר סטענאָגראפיסטקעס, אָפיס אנגעשטעלטע, סיילס־ליידיס און אזוי ווייטער און ווייטער.

אָט די גאנצע סיסטעם פון קאָאָרדינירען, צופאסען און רעאגירען אויף די פּראָבלעמען פון ארבייט און באשעפטיגונג פאר אידישע יונגע לייט און מיידלאך אין די, אזוי גערופענע, אינטעליגענטע פּראָפעסיעס — ז אָ ל ד אָ נ אָ ך

א מ אָ ה ל  ב א ט אָ נ ט  ו ו ע ר ע ן — איז אנגעפאנגען געוואָרען פון דער „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“, דורך אָט יענער „פּוירסאָנאל סוירווים ביוראָ“.

דאָס פּראָבלעם פון דיסקרימינאציע, פון ניט באהאווענטקייט אין באַשטימטען פאך, פון ניט צוגעפּאסטקייט, פון רעגולירען אן אונאָרמאלע לאגע וואָס שאפט זיך מעהר ווי איין מאָהל, און מעהר ווי אויף איין אופן — די איניציאטיווע צו לעזען אָט די אלע פּראָבלעמען דורך א ספּעציעלען דעפּארטמענט, וואָס איז איצט איינער פון די גרעסטע און וויכטיגסטע אין אידישען צענטער, געהער צו דער אמאָליגער „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“, וועלכע איז פּונקט אזוי פאראנטוואָרטליך פאר דער גרינדונג און עקזיסטענץ פון „קאונסיל קעמפּ“, ווי די פאקטען צייגען עס.

---

אין 1922, שוין נאכדעם ווי די „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן“ איז געגרינדעט געוואָרען, האָבען די פיהרערינס, דער נאָך אלץ עקזיסטירענדער „אידישער פרויען קלוב“, זיך ארומגעזעהן אז צוגלייך מיט דער פארשיידענארטיגער טעטיגקייט דורך די קלובען, קלאסען, קאָנצערטען און פארוויילונגען, אין פארלויף פון ווינטער אין שטאָדט, איז נויטיג א זומער־פּלאץ פאר יענע אידישע ארבייטס־מיידלאך, וואָס קענען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען זיך ניט פארגונען, א וואָך־צוויי זומער וואקיישאָן, ארויס פון שטאָדט אין דער — פאר זיי — צוגעפּאסטער אטמאָספּערע.

דאָס זעלבע יאָהר איז שוין צושטאנד געקומען א מין סאָרט מיניאטור קעמפּ, אין א געדונגענער הויז אין „קאָנטרי“, ביים לעיק סעינט קלעיר אין ניו באלטימאָר, לעבען מאונט קלעמענס.

מען האָט דאָרט געדונגען א גרעסערע הויז וואָס מען האָט א נאָמען געגעבען „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן קעמפּ“. און איבעריג צו זאָגען אז דער אנפאנג וואָס איז געמאכט געוואָרען האָט זיך באלד ארויסגעשטעלט צו זיין אן ערפאָלג.

מיט א יאָהר שפּעטער האָט מען שוין געדונגען א פיל גרעסערע הויז לעבען דעטראָיט ריווער געגענאיבער „בעל איילענד“ ביים קאנאדישען ברעג פון טייך. דאָ איז שוין געווען פּלאץ פאר צוואנציג מיידלאך און ארבייטס־פרויען וואָס נויטיגען זיך אין זומער־רוה, אָבער זיי זיינען עס ניט אומשטאנד צו דערגרייכען, צוליב זייער עקאָנאָמישער לאגע.

דאָס צווייטע יאָהר קעמפּ, האָט נאָך מעהר פארשארפט די נויטווענדיגקייט אין אזא אינסטיטוציע. עס זיינען געווען מעהר נאָכפראגען, ווי מעגליכקייטען די אלע מיידלאך און פרויען צו באזאָרגען מיט א וואָך אָדער צוויי זומער־רוה

אין קעמפּ. אָבער דער ענין קעמפּ איז נאָך אַלץ געווען אין צושטאַנד פון „עקס־פּעריימענטירען“ צו ס'איז פאַרהאַן גענוג נאַכפראַגען פאַר אַזאַ פּערמאַנענטער אינסטיטוציע אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב.

דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אָהן שום צווייפעל, אין פאַרלויף פון דריטען יאָהר, אין זומער פון 1924, ווען צו דער גרויסער הויז אויפן זעלבען אָרט ביים ברעג דעטראָיט ריווער אין קענעדע האָט מען צוגעבויט נאָך אַ צייט־ווייליגע פּאַלאַטקע. און יעדעס שטיקעל פּלאַץ אין דעם צייטווייליגען, געדונגענעם „יאַנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאָן קעמפּ“ איז געווען פאַרנומען אין משך פון די ניין זומער וואָכען.

איבער הונדערט און פופציג מיידלאַך און יונגע פרויען — פון אָפיס, פון שאַפּ און פון סטאָר — האָבען דאָרט פאַרבראַכט, גערוהט און זיך אַנגעשעפּט מיט כחות, פאַר דעם מינימאַלסטען פּרייז פון צעהן דאָלאַר אַ וואָך, צווישען זיי אַ צאָהל מיידלאַך וואָס זיינען געווען, אַזוי גערופענע, „סקאָלערשיפּ“ געסט. דאָס מיינט פּשוט, אַזעלכע וואָס קענען אַליין גאָר ניט צאָהלען און דער „אידי־שער פרויען קלוב“ וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַנגעשלאָסען אַן דעם „נעשאָנאַל קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען“, האָט פאַר זיי געצאָהלט אין דער פאָרמע פון „סקאָלערשיפּס“.

מיט'ן פאַרענדיגען דעם דריטען סעזאָן, סוף זומער 1924, האָט די פאַר־וואַלטונג פון די „יאַנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאָן“ באַשלאָסען גלייך אַנצו־פאַנגען אַ באַוועגונג פאַר אַ פּערמאַנענטען, אייגענעם קעמפּ, וואָס מוז ווערען אַ טהייל פון דער אינסטיטוציע.

אין יאַנואַר 1925 האָט די „יאַנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאָן“ זיך אַנ־געשלאָסען אַן דעם דעמאָלסטיגען „עמוירדזשענסי קאַמפּיין“ פאַר אידיש וואוילטהעטיגע צוועקען, מיט דער פאַרשטענדניס אַז איהר חלק וועט געהן אויסשליסליך פאַר'ן צוועק פון אַ קעמפּ. דער „קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען“ אַלס די איי־גענטהימערין פון דעם פאַרמעגען פון דער אינסטיטוציע, האָט ניט נאָר געגע־בען דאַרויף איהר הסכמה, נאָר דער „קאונסיל“ אָדער דער „אידישער פרויען קלוב“, האָט געגעבען די ערשטע טויזענד דאָלאַר פאַר דער ערשטער איינצאָה־לונג אויף דער שטיק לאַנד וואָס איז דאַן געקויפט געוואָרען און וואו דער פּערמאַנענטער קעמפּ איז איינגעאָרדענט געוואָרען.

דאָס איז די שטיק לאַנד פון איבער פופצעהן אַקער, האַרט ביים „לעיק יור־ראָן“, נעבען שטעדטעל דזשעדראָ, אַרום 75 מייל אַרויס פון דעטראָיט, וואו דער קעמפּ געפינט זיך ביז היינט צו טאָג.

דעמזעלבען זומער פון 1925 איז דער קעמפּ געעפענט געוואָרען און מיט יעדעס יאָהר, זיינען אַלץ מעהר און מעהר פּארבעסערונגען געמאכט געוואָרען; נייע געביידעס זיינען אויפגעבויט געוואָרען צו דינען דעם צוועק פאר וועלכען די אינסטיטוציע איז געשאַפען געוואָרען — צו זיין א זומער היים, אן אַפּרוה־פּלאַץ פאר מיידלאך און פרויען, אין גייסט און לויט דער פּראָגראַם פון דער „יאַנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאָן".

אין משך פון די עטליכע נאָכפאָלגענדע יאָהרען האָט דער דעטראָיטער צווייג פון „נעשאָנאַל קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען" אויסגעגעבען 56 טויזענד דאָלאר אויף דער בוי־ארבייט און אויף די נויטיגע איינריכטונגען אין קעמפּ, וואָס האָט שוין געדינט פאר א דאָפּעלטען צוועק: אלס אָברוה־פּלאַץ פאר דער ארבייטס־מיידעל און גלייכצייטיג פאר דער קראנקער פרוי אָדער מיידעל וועלכע מוז האָבען ערהאָלונג און פרישע לופט אין „קאָנטרי".

די איינפיהרונג איז געווען אזא:

סוף מאי פלעגט דער קעמפּ זיך עפענען אלס ערהאָלונגס פּלאַץ פאר פרויען און מיידלאך וואָס זיינען דורכגעגאנגען א קראנקהייט, נויטיגען זיך אין רוה אָבער זיי קענען דערפאר ניט באצאָהלען.

די צאָהלונגען פון די דאָזיגע „געסט" וועמען דער קעמפּ פלעגט דינען ביז דעם פערטען דזשולי, זיינען געווען אומבאדייטענד מינימאַלע, בלויז זיבען דאָלאר א וואָך. און אויך אין אזעלכע פאַלען האָט מען, ווען נויטיג, אנגעווענדעט די „סקאָלערשיפּ" סיסטעם.

פאר עטליכע יאָהר צייט, פלעגט אויך דער מאָנאט דזשון אָבגעגעבען ווערען פאר מוטערס אין קעמפּ. דאַן מיט'ן אָנקומען פון פערטען דזשולי ביז איבער „לייבאָר דעי", איז דער קעמפּ „אַלע יאָהרען" פון זיין עקזיסטענץ די היים פון דער ארבייטס־פרוי, וועלכע געפינט דאָרט אן אמת'ע וואקאציע, אין דער בעסטער אַטמאָספערע, אין א פּלאַץ וואו זי פיהלט ווי אין אן אייגענער זומער היים.

די אויבענדערמאנטע ווערטער „אַלע יאָהרען" זיינען בכיוון אונטערשטראָכען געוואָרען, ווייל אויך אין דער געשיכטע פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע, איז לײדער פאָרגעקומען א שטיקעל איבעררייס.

געווען איז דאָס אין זומער פון 1933, ווען צוליב דער שווערינקייט פון קריזיס, וואָס האָט זיך געפיהלט אין מעהר ווי איין אינסטיטוציע פון דעטראָיט, האָט דער קעמפּ זיך ניט געעפענט. אָבער מיט א יאָהר שפּעטער, האָט דער קעמפּ ווידער אנגעהויבען פונקציאָנירען. און דעמאָלסט — אין 1934, ווען די

„יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן" האָט זיך שוין געהאַט אויפגעלעזט, געוואָרען א טהייל פון אידישען צענטער, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט געעפענט אין און א י י ג ע נ ע ר ג ר ו י ס ע ר ה י י ם — איז דער נאָמען פון קעמפּ אויך געענדערט געוואָרען: פון „יאנג ווימענס היברו אסאָסיאיישאָן קעמפּ" אויף „קאונסיל קעמפּ" — דער קעמפּ, אנגעפיהרט און פארוואַלטעט פון „קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען" ווי איינע פון די אינסטיטוציעס פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע.

די שטיק לאַנד פון קעמפּ געפינט זיך אויף א בארג ארומגערינגעלט מיט בוימער, אזוי ווי דאָס וואַלט פון דער נאַטור אליין אויספאָרמירט געוואָרען פאר דעם צוועק. אונטען פליסט דער „לעיק יוראָן" וואָס ציהט זיך אין דער אונענדליכקייט אזוי ווי דער ים. און דער גערויש פון זיינע כוואַליעס ווירקט ווי אנגענעהמע מוזיק פאר'ן אויער.

ווען דער צופעליגער באזוכער אין קעמפּ, קוקט זיך צו, צו דער ארומיגער פּאַנאָראַמע וואָס פארכאפּט דאָס אויג, ווען מען באטראַכט די פארשיידענע געביידען, די זאָרגפעליגקייט מיט וועלכער אלעס איז איינגעאָרדענט, די „טעניס קאָורטס", די פארשיידענע איינריכטונגען פאר „ספּאָרטס", אַטלעטיקס און אזוי ווייטער און ווייטער, איז מען פּשוט מקנה די „קעמפּערס". און אויב דער בעאָבאַכטער איז א מאַן, קען מען זיך פאָרשטעלען אז עס פארגנב'עט זיך ביי איהם א געדאַנק פון קנאה — הלמאי ס'איז ניטאָ אזאַ געזעלשאַפטליכער קעמפּ אויך פאר מענער . . .

פיר געביידען געפינען זיך אויף דער שטיק לאַנד מיט פּלאַץ פאר 75 קעמפּערס: צוויי „דאָרמיטאָריס" — ספּעציעל געבויטע גרויסע שלאָף הייזער; א ריזיגע „רעקריאיישאָן" בילדינג וואָס נעהמט אריין א שעהנעם אָדיטאָריום, א דיינינג האָלל, אָפּיסעס און א קיך, וואָס ווערט געפיהרט אויף א שטרענג כשר'ן אופן; און נאָך א „פּליגעל" ביי דער הויפּט געביידע, וואָס איז געבויט געוואָרען אין אנדענקען פון באַבעט קראַליק. די דאָזיגע געביידע איז צוגעבויט געוואָרען אום צו מאַכען מעהר פּלאַץ פאר געסט און פאר די אנגעשטעלטע.

א פּערזאָנאַל באשטעהענד פון ארום צוואנציג פּערזאָן, יעדע איינע צוגעפּאַסט צו איהר אויפגאַבע, מיט א דירעקטאָר און הויפּט פארוואַלטערין, פיהרט אן מיט דער פארוואַלטונג פון דער אינסטיטוציע. זיי זאָרגען אז די „דאַמשניצעס" זאָלען פון דער צייט אין קעמפּ געניסען אין א פולער מאָס.

קומט אן דער ליבער זומער ווען דער קעמפּ איז אין פולען גאַנג, שווינבעלט עס און גריבעלט מיט פארשיידענע אקטיוויטעטען. פּראָגראַמען ווערען צונויפגעשטעלט, וואָס זאָלען זיך אמבעסטען צופּאַסען צו די „קעמפּערס", צו די יונגע

מיידלאך און פרויען לויט זייער עלטער און לויט זייער אקטיוויטעט אין שטאָדט.

אזוי שליסען איין די פּראָגראַמען: אַלע סאָרטען ספּאָרטס, דראמאטיקס, מוזיק, טענץ, צייכנען, פאָטאָגראפיע און ענליכע פארוויילונגען פון א פיזישען, קולטורעלען און דערציהערישען כאראקטער.

דער קאונסיל קעמפּ ווערט אנגעפיהרט פאר'ן וואוילזיין פון די יונגע פרויען און מיידלאך אין טריידס און פּראָפעסיעס, אויך פאר סטודענטקעס, וואָס וואָלטען זאָנסט ניט אומשטאַנד געווען צו האָבען יענע וואקאציע אין וועלכער זיי נויטיגען זיך און צו וועלכער זיי זיינען געזעלשאפטליך צוגעפּאסט.

די צאָהלונגען זיינען עלף דאלאר א וואָך פאר די וואָס קענען צאָהלען און, ווי שוין אויבען באמערקט, זיינען שטענדיג פארהאן „סקאָלארשיפּ" געסט, וואָס קיינער וויים, זעלבסטפארשטענדליך, ניט ווער זיי זיינען.

צו האָבען א באגריף ווי גרויס ס'איז די פּראָפּאָרציע פון „סקאלארשיפּס" איז גענוג א בליק צו טהאָן אויף די ציפערען פון די פארגאנגענע דריי יאָהר וואָס 'מאכען עס קלאָהר גענוג.

אין 1938—פון 341 געסט אין קעמפּ זיינען 250 געווען באַצאָהלטע און 91 פרייע; אין 1939—פון 203 „קעמפּערס" זיינען 130 געווען באַצאָהלטע און 73 פרייע; און דאָס היינטיגע יאָהר 1940, וואָס האָט צוליב פארשיידענע סיבות זיך אנגעפאנגען שפּעטער ווי געוועהנליך איז פון 210 „קעמפּערס" 138 געווען באַצאָהלטע און 63 פרייע.

די אינסטיטוציע, ווי אַן אבטיילונג פון דער וועלפעיר פעדעראציע, ווערט געשטיצט דורך די יעהרליכע פאראייניגטע אידישע קאמפּיינס, צו דעקען א טהייל פון איהרע אויסגאבען — ווי די צאָהלונגען אויף די חובות וואָס מען איז נאָך שולדיג אויפ'ן אינוועטאָר, אויפ'ן מאָרטגעדזש און אזוי ווייטער.

דער „קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען" קריגט אריין ביישטייערונגען פאר'ן צוועק פון די „סקאלערשיפּס". און אזוי ווערען די יעהרליכע בודזשעטען אויסגעאַרבייט אז עלף דאלאר א וואָך איז גענוג צו געבען די „קעמפּערס", ווי מען זאָגט, אַן אמת'ע „גוד־טיים". און דאָס קריגען זיי אין א פולער מאָס.

ס'איז ניט נויטיג צו ברייננגען סטאטיסטישע ציפערען. אָבער דער פאקט איז, אז פאר די אכצעהן יאָהר זייט דער ערעפענונג פון די ערשטע, קליינע זו־מער־היים; שפּעטער אין די עטליכע יאָהר פון עקספּערימענטירען און זייט 1925, ווען דער קעמפּ איז באפעסטיגט געוואָרען ווי אַ נויטווענדיגע, פּערמאַ־נענטע אינסטיטוציע, קען מען אנצעהלען עטליכע טויזענד קעמפּ־וואָכען פון פרייע ערהאָלונג, פרייע וואקיישאָנס, פאר אידישע ארבייטס־פרויען, פאר מייד־

לאך און סטודענטקעס, וואָס וואָלט זאָנסט דערפון אפילו ניט געקענט טראכטען.

די נעמען פון צוויי פראָמינענטע פיהרער פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע, ווערען אָפט דערמאהנט אין דער געשיכטע פון קאונסיל קעמפ.

דאָס זיינען פרעד מ. באָטצעל און הענרי וויינעמאן, וועלכע האָבען פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען מען האָט געקויפט די שטיק לאנד פאר'ן קעמפ, גענומען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכקייט, פאר דער פראקטישער דורכפיהרונג פון אלע פלענער און האָבען ערמוטהיגט דעם „אידישען פרויען קלוב" אנצוגעהן מיט'ן פראָיעקט ביז דאָס איז שוין געוואָרען א זעלבסטפארשטענדליכע זאך דורך דער וועלפעיר פעדעראציע, ווי דער צענטראל אפאראט פון אלע אידישע וואוילטהעטיגקייטען אין שטאָדט.

זאָל דער דאָזיגער פאקט אָט־אָ־דאָ, פארצייכענט ווערען.

# דער "גינזבורג קעמפ"—
## אַן אַברוה פּלאַץ פאַר אידישע מאַמעס
## מיט זייערע קינדערלאַך

פון א קליינער פּראָבע פון עטליכע פרויען ביז א באַדייטענדער אידישער אינסטיטוציע. — די מוטערס קלובען אַלס פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון קעמפּ.

ווען אימיצער וואָלט מיט וואָסערע אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר צוריק געקומען צו די עטליכע אידישע פרויען וואָס האָבען דאַן א טראַכט געטהאָן וועגען דער מעגליכקייט צו פאַרברענגען צוזאַמען עטליכע וואָכען אויף דער פרייער לופט, ערגעץ ארויס פון שטאָדט — און זיי געזאָגט אַז פון זייער געדאַנק וועט אויסוואַקסען א זומער קעמפּ פאַר דער אידישער מוטער מיט איהרע קינדערלאַך, וואָלטען זיי עס זיכער ניט געגלויבט און נאָך אפשר אָנגעבייזערט זיך אויף דעם מענשען וואָס מאַכט פון זיי חוזק . . .

און דאָך איז עס א פאַקט אַז א דאַנק יענעם קליינעם פאַרזוך איז דעטראָיט באַרייכערט געוואָרען מיט נאָך אַן אינסטיטוציע וואָס פילט אויס א באַדייטענדען פּלאַץ אין אידישען לעבען.

די קעמפּ־אידעע איז שוין ניט קיין נייע. פאַרהאַן קעמפּס וואָס זיינען שוין אַלט דריי און אפילו פיר צעהנדליג יאָהר. אָבער דאָס זיינען אַלץ קעמפּס פאַר קינדער, פאַר'ן יונגוואַרג, מעהרסטענס אויסגעהאַלטען פון וואוילטעטיגע קערפּערשאַפטען, פאַר דער באַזאָרגונג פון אָרעמע אידישע קינדערלאַך, מיט אביסעל פרישע לופט, מיט אַן אַברוה־פּלאַץ אין פאַרלויף פון זומער ווען די סקוהלס זיינען געשלאָסען, און הויפּטזעכליך — זיי אוועקצונעהמען פון דער פאַרדאַרבענדער אטמאָספערע אויף'ן גאַס, פונ'ם טומעל און הו־הא ארום שטאָדטישען לעבען.

אָבער קעמפּס פאַר דערוואַקסענע, ספּעציעל פאַר דער שטענדיגער פאַרהאָרעוועטער אידישער מאַמען—דאָס איז א פּיל יונגערע אידעע אין אידישען לעבען פון אַמעריקא. אַזעלכע קעמפּס זיינען ביז היינט צו־טאָג פאַרהאַן נאָר עטליכע אין געצעהלטע שטעדט פון אַמעריקא, וואו די קעמפּ־אידעע איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א פאַקט.

איינע פון די דאָזיגע געצעהלטע שטעדט איז דעטראָיט, וואו א דאַנק דער איניציאַטיווע פון אַ אידישען מוטערס־קלוב, האָט זיך געשאַפען פאַר דער אידישער פרוי, פאַר דער שטענדיג פאַריאָגטער און פאַרהאָרוועטער מאַמע און

באַלעבאַסטע, א געלעגנהייט אָבצורייסען זיך אויף עטליכע וואָכען פון דער קיך, פון וואַשען און ראַמען, פון באַקען און קאָכען, פון די כל'ערליי אנדערע שטוב ארבייט און ארויספאָהרען אין דאָרף, ביים טייך, וואו די לופט איז ריין און מחיה'דיג, וואו מ'קען זיך באָקען אויף דער זון, לויפען אין פעלד, ווערען געקיהלט פון א לייכט ווינטעל, זיך באָדען און שיפען, עסען צו דער צייט א מאָהלצייט וואָס אימיצער אנדערש האָט געקאָכט און, די הויפּט זאך — פארגעסען אָן די שטענדיגע היימישע זאָרגען אויף א שטיקעל צייט.

ביז דער „גינזבורג מוטערס און בייבים קעמפּ" איז געשאַפען געוואָרען, האָבען פילע אידישע פרויען זיכער ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט א זומער וואַקיישאָן, פּשוט דערפאר וואָס „אוועקצופאָהרען אין קאַנטרי" אין דעם געוועהנליכען זין פון וואָרט, האָבען זיי ניט געקענט באַווייזען, ווייל דאָס קאָסט צו טהייער און אָן אָרעמע אידישע פאַמיליע קען זיך עס ניט פארגונען.

אויסער א „פּיקניק" אָדער ארויסכאַפּען זיך פאר'ן טאָג אין א שטאָדטישען פּארק, האָבען א סך אידישע מאַמעס קיין זומער־רוה ניט געהאַט, ביז ס'איז געשאַפען געוואָרען דער „גינזבורג קעמפּ" — געבענדיג א מעגליכקייט דער מוטער מיט איהרע קינדערלאך ארויסצופאָהרען אויף עטליכע וואָכען פון שטאָדט און טאַקע באמת זיך אָברוהען, אָנשעפּען פרישע כחות און דאָס אַלץ אונטער אזעלכע אומשטענדען וואָס שאַפען גענצליך אָפּ דעם איינדרוק אז זי קומט אָן צו פילאַנטראָפּיע, צו „טשאַריטי" . . .

פון דעם ערשטען מאָמענט אָן וואָס דער „מוטערס און בייבים קעמפּ" איז געעפענט געוואָרען, איז די פארוואַלטונג אָנגעפיהרט געוואָרען אויף אזא אופן אז קיינער זאָל ניט קענען זאָגען אז דאָס איז א פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע. און דאָך איז אַלעס איינגעאָרדענט געוואָרען לויט אזא סיסטעם, אז דער פּרייז איז פאַרהעלטניסמעסיג קליין און צוגענגליך צו דער מאַמען מיט איהרע קינדער וואָס וואָלטען זאָנסט קיין מעגליכקייט ניט געהאַט פאר די עטליכע וואָכען אָברוהע אין „קאַנטרי".

דער דאָזיגער פאַקט איז שטענדיג גענומען געוואָרען אין אָנבאַטראַכט סיי ביי דער וועלפעיר פעדעראַציע און סיי ביים אידישען קאָמיוניטי צענטער, אונטער וועמענס פארוואַלטונג דער קעמפּ ווערט אָנגעפיהרט.

* * *

די געשיכטע, אָדער דער געדאַנק צו שאַפען אזא קעמפּ איז, ווי שוין אין אָנפאַנג באַמערקט, איצט אַלט וואָסערע אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר.

דאס איז געווען סוף ווינטער פון 1924, ווען ביי איינעם פון די צוויי דעמאלסטיגע מוטערס קלובען פון „אידישען אינסטיטוט“, איז ארויפגעשוואומען די פראגע ווי אזוי פארטצוזעצען די טעטיגקייט אויך אין פארלויף פון זומער.

היינט זיינען די אידישע מוטערס קלובען שוין גוט באוואוסט אין דעטראיט. אכט אזעלכע קלובען מיט איבער 500 מיטגלידער עקזיסטירען אין פארשיידענע געגענדען פון שטאדט, וואו אידישע מוטערס קומען זיך צוזאמען פאר געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג. מען רעדט ארום פארשיידענע פראגען, מען הערט לעקציעס, פון צייט צו צייט ווערען אראנזשירט קאנצערטען, טענץ, פארוויילונגען און אזוי ווייטער און ווייטער. קיינער וועט שוין היינט צו־טאג ניט באשטרייטען די וויכטיגקייט פון אזעלכע קלובען וואס גיבען דער אידישער מוטער א געלעגענהייט זיך גייסטיג צו ענטוויקלען און געזעלשאפטליך צו פארברייגגען אין א, פאר איהר, צוגעפאסטער אטמאספערע.

די אידישע מוטערס קלובען דורך א „קאונסיל“ אדער צענטראל־ראטה, לאזען אויך הערען זייער געמיינזאמע שטימע אין ענינים וואס ריהרען אן דער אידישער פרוי בכלל, ווי א טייל פון דער אלגעמיינער פרויען באפעלקערונג פון שטאדט.

דעמאלסט אבער, מיט פופצעהן־זעכצעהן יאהר צוריק, האט מען אויף די מוטערס קלובען געקוקט פון אויבען אראפ און קיין גרויסע אויפטהואונגען האט מען פון זיי ניט ערווארטעט.

די עטליכע צעהנדליג אידישע פרויען, האבען אבער זייער קלוב גענומען גאנץ ערנסט. אזוי ערנסט, אז זיי האבען אפילו ניט געוואלט דורכלאזען דעם זומער אן טעטיגקייט טראץ דעם וואס אין די מעהרסטע אידישע ארגאניזאציעס הערשט א שטילשטאנד אין פארלויף פון די זומער חדשים.

די פראגע איז דאן גאנץ ערנסט באשפראכען געווארען און מען איז געקומען צום באשלוס אז דאס בעסטע וואלט געווען ווען די פרויען קענען קריגען עפעס א שטיקעל לאנד אויסען שטאדט, נעבען א טייך, וואוהין מען זאל אין פארלויף פון זומער ארויספאהרען גרופענווייז און דארט צוזאמען פארברייגגען עטליכע וואכען.

דער באשלוס איז געווען א גוטער און א פראקטישער. אבער וואו נעהמט מען אזא פלאץ? און וואו וועט מען נעהמען די אויסגאבען?

האט מען ווייטער געטראכט און געקומען צום באשלוס אז אויב נאר דאס פלאץ וועט זיין, קען מען עס פארוואלטען אויף קאאפעראטיווע יסודות. דאס וועט קאסטען ביליג געגוג און אגב, וועלען מיט דעם די פרויען באווייזען אז

זיי זיינען פונקט אזוי מסוגל צו געזעלשאפטליכען צוזאמענלעבען און קאָאָפּע־ראַציע ווי די מענער . . .

מיס מערי קאפלאן, די דעמאָלסטיגע דירעקטאָרשע פון „אידישען אינסטי־טוט" און אנפיהרערין פון די מוטערס קלובען ביז היינט צו־טאָג, האָט זיך ארויסגעלאָזען זוכען אזא פלאץ און זי האָט עס געפונען.

די „יאָנג ווימענס קריסטשען אסאָסיאיישאָן" האָט געהאט א שטיק לאנד וואָס א קריסטליכער פילאנטראָפּ האָט געגעבען אלס קעמפּ פאר דער אסאָסי־איישאָן. האָט מיס קאפלאן געקראָגען די ערלויבניש צו באנוצען א שטיקל פלאץ אין קעמפּ פאר די אידישע מוטערס.

דאָס פלאץ איז שוין אלזאָ געווען און מען האָט זיך גענומען צו דער אר־בייט. יעדע פרוי האָט געגעבען עטליכע דאלאר, אויף איינצוקויפען דעם נוי־טיגען „אינווענטאר" ווי די לייווענטענעביידלאך, געשיר, אנדערע באלדיגע נויטווענדיגקייטען און — די ערשטע גרופע פרויען איז אהין ארויסגעפאָהרען.

דאָס איז, ווי מען קען זיך פאָרשטעלען, געווען א גאנץ פרימיטיווע סיסטעם פון א קעמפּ. אָבער די פרויען ענטוזיאסטקעס, האָבען זיך דערפאר ניט אָבגע־שראָקען. זיי האָבען זיך פארקעהרט, געפיהלט דערהויבען פון זייער אויפטוה. לײדער אָבער, האָט באלד פאסירט א זעהר אונאנגענעהמער פאל.

דער „פילאנטראָפּ" וואָס האָט די שטיק לאנד געגעבען צו דער „יאנג ווי־מען קריסטשען אסאָסיאיישאָן" האָט זיך דערוואוסט אז דאָרט איז אויך א „אידישער" קעמפּ און דאָס האָט זיין „קריסטליכע" הארץ ניט געקענט דער־לאָזען . . .

אויף זיין פארלאנג האָט מען די אידישע פרויען געהייסען מוחל זיין, אָפּ־טראָגען זיך פון דער „קריסטליכער טעריטאָריע" און — ס'איז געוואָרען אויס קעמפּ. אָבער אנשטאָט אָפּצושלאָגען דעם מוטה, האָט דער דאָזיגער כאראק־טעריסטיש־טרויעריגער אינצידענט, נאָך מעהר באגייסטערט די מוטערס־קלו־בען פאר דער קעמפּ אידעע.

און דאָס האָט געווירקט אז די פיהרער פון אידישען אינסטיטוט (שפּעטער די אידישע צענטערס אסאָסיאיישאָן), זאָלען עפּעס טהאָן וועגען דעם.

פאר'ן קומענדען זומער האָט די נאָר־וואָס געגרינדעטע „דזשואיש סענ־טערס אסאָסיאיישאָן", שוין באשלאָסען צו דינגען ערגעץ א פאסענדען פלאץ פאר דעם צוועק און — זאָלען די פרויען עס אליין פארוואלטען, ווי זיי פאר־שטעהן און באגרייפען. דאָס איז געווען א מין סאָרט פּראָבע, פעסטצושטע־

לען אויף וויפיל ס'איז טאקע פאראן א נויטווענדיגקייט פאר א מוטערס־קעמפּ און אויף וויפיל זיינען די מאַמעס פון די אידישע מוטערס קלובען פעהיג, אָהן אימיצענס מיטהילף, אנצופיהרען אזא אונטערנעהמונג.

א פּאסענד פּלאַץ איז געדונגען געוואָרען ביים „לייק סעינט קלעיר", היבשע עטליכע צעהנדליג מייל ארויס פון דעטראָיט אַרום פּאָרט יוראָן, וואו די פרויען האָבען איבערגענומען די באַליבאַטישקייט.

אויף א קאָאָפּעראַטיווען אופן, מיט א סיסטעם און אָרדנונג, איז דער ער־שטער זומער אין קעמפּ אנגעפיהרט געוואָרען צו אַלעמענס צופרידענהייט. דער קעמפּ איז פּאָפּולער געוואָרען אין שטאָדט. אידישע מוטערס מיט זייערע קינ־דערלאך, האָבען גערען אויסגענוצט די געלעגענהייט און דער קעמפּ האָט שוין באַקומען א פנים פון אַן אינסטיטוציע.

פון דעם ערשטען זומער ערפאַהרונג האָט מען געלעהרענט אויפ'ן צווייטען. און ווען דער נעקסטער סעזאָן איז אנגעקומען, איז די אָרדנונג און באַליבאַטיש־קייט שוין פארבעסערט געוואָרען. אנשטאָט וואָס די פרויען אליין זאָלען קאָ־כען, וואַשען און טהאָן די הויז־ארבייט, וואָס אויסער דאָס ביסעל פרישע לופט האָט עס פאר דער „קעמפּערין" גאָר ניט געענדערט, האָט מען שוין אנגעשטעלט ספּעציעלע מענשען צו טהאָן די ארבייט און די אידישע מאַמע מיט איהרע קינ־דערלאך, קומענדיג אין קעמפּ האָט שוין געפיהלט אז דאָ איז זי באמת אויף א „דאַטשע" . . .

נאָך יענעם צווייטען קעמפּ־סעזאָן ביים לעיק סעינט קלעיר, איז די פראַגע פון שאַפען א פּערמאַנענטע היים פאר א מוטערס קעמפּ מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, שוין געשטאַנען שאַרף און בולט פאר'ן אידישען צענטער.

די מוטערס־קלובען פון אידישען צענטער, האָבען די זאַך אנגעפאַנגען און די פיהרער פון צענטער האָבען זיך געפיהלט פארפליכטעט די אנגעלעגענהייט צו דערפיהרען צו א פּראַקטישען שלום. די פראַגע איז אוועק צו דער וועלפעיר פעדעראַציע, און א ספּעציעלער קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון מילטאָן אַלעקסאַנ־דער, מאָרים וואַלדמאַן און דעם פארשטאָרבענעם מילפאָרד סטוירן האָט די זאַך גענומען אין די הענד אריין.

מען האָט גענומען זוכען מיטלען. און אז מען זוכט, געפינט מען.

פון דער ירושה פון דער גינזבורג פאַמיליע, וועלכע האָט געבויט דעם אמאָליגען אידישען אינסטיטוט, איז געבליבען א סומע געלד אין רשות פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס", אויף צו פאַראייביגען דעם נאָמען דורך א

פאסענדער וואוילטהאט. האט מען פאראינטערעסירט די יורשים און זיי האָ־בען איינגעשטימט אויפ'ן פלאן, צו באנוצען די געלד אויף צו קויפען א פלאץ פאר'ן מוטערס קעמפ. א שטיק לאנד פון קנאפע 28 אקער איז געפונען גע־וואָרען ביים „ליהמען לעיק", נעבען טשעלסי, מישיגען, ארום זעכציג מייל ארויס פון שטאָדט, וואָס איז געווען אקוראט צוגעפּאסט פאר'ן צוועק. די שטיק לאנד, צווישען בערגלאך, ארומגערינגעלט מיט שעהנע נאטור־לאנדשאפטען, און דער קלאָהרער, זילבערנער טייך מיט א גוטען, זאמדיגען באָדען דערנעבען, האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט געמאכט געוואָרען „צו־אָרדער" פאר די פרויען און קינדערלאך.

די 28 אקער לאנד, האָט מען א נאָמען געגעבען „גינזבורג מוטערס און ביייבים קעמפ", א נאָמען וואָס פאראייביגט א שעהנע טהאט פון א פילאנטראָ־פישער פאמיליע. אָבער ס'האָט זיך ערשט גענויטיגט די פארשיידענע אנדערע, מאָדערנע איינריכטונגען — די געביידען, שפּיל־פּלעצער פאר די קינדער און אזוי ווייטער און ווייטער, וואָס די וועלפעיר פעדעראציע האָט ביסלאכווייז איינגעאָרדענט אין קעמפ.

פון פארשיידענע קוואלען, הויפּטזעכליך פון די פאָנדען וואָס די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס" האָט געהאט אין איהר באזיץ, האָט די וועלפעיר פעדע־ראציע געקראָגען די נויטיגע געלד, וואָס איז אויסגעגעבען געוואָרען אויף צו מאכען דעם קעמפ אזוי מאָדערן ווי מעגליך.

דריי גאנץ גרויסע געביידען זיינען דאָרט אויפגעבויט געוואָרען: איינע די גרעסטע, ענטהאלט א גרויסען עס־זאל גענוג פאר הונדערט מענשען, אן אָפיס, א קליינעם האָספּיטאל, א שפּיל־צימער פאר קינדערלאך, א רעסעפּשאָן האָל, עטליכע פּריוואטע צימערען פאר די פארוואלטער און א גרויסע „סטריקט־לי" כשר'ע קיך. די אנדערע צוויי געביידען ענטהאלטען 28 שלאָף־צימערען, גרויסע און קלענערע „דאָרמיטאָריס" פאר עלטערע קינדערלאך, צימערען פאר איינער און פאר צוויי פאמיליעס, לויט די פארלאנגען פון די „דאטשניצעס".

אין די געביידען מיט די שלאָף־צימערען האָט מען איינגעאָרדענט לויפענ־דע קוואל־וואסער, עלעקטריציטעט און מאָדערנע וואסער־לייטונג מיט באדע־צימערען, אזוי אז די מאמע מיט איהרע קינדערלאך זאָלען האָבען די זעלבע באקוועהמליכקייטען ווי ביי זיך אין דער היים.

שוין אָבגערעדט פון די סאמע לעצטע מאָדערנע איינריכטונגען וואָס זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען אין דער הויפּט געביידע, האָט מען מיט יעדען יאָהר אלץ נייע פארבעסערונגען געמאכט, האָבענדיג אין זינען סאי דער מאמען סאי איהר קינד, אזוי אז קומענדיג אין קעמפ האָט זיך געשאפען דער איינדרוק אז

דאָס איז גיכער אן „אימעניע" פון וואוילהאבענדע מענשען איידער א האלב־פילאנטראָפישע אינסטיטוציע. און אפשר דארף מען דאָ איבערהויפט דאָס ווארט פילאנטראָפיע ניט דערמאנען. וואָרים אויב דער קעמפ איז געקויפט און געבויט געוואָרען דורך וואוילטעטיגקייט, ווי אַן אינסטיטוציע, האָט אָבער אויסער דעם דאָזיגען אינוועסטירטען פארמעגען, דער קעמפ שטענדיג געצאָהלט פאר זיך אליין.

קיין פּראָפיטען דארף מען ניט מאכען. אלעס וואָס מען דארף יאָ, איז דע־קען די אויסגאבען פאר'ן זומער. און דאָס איז שטענדיג „געקאָווערט" געוואָרען פון די צאָהלונגען פון די דאטשניצעס, כאָטש די צאָהלונגען זיינען פארהעלט־ניסמעסיג שטענדיג געווען גאנץ קליינע.

אין די בעסערע צייטען איז דער פּרייז געווען צוועלף דאלאר א וואָך פאר אַ פרוי און פאר קינדער פון דריי ביז אכט דאלאר א וואָך, לויט'ן עלטער פון קינד.

שפּעטער זיינען געמאכט געוואָרען ענדערונגען צוצופּאסען די צאָהלונגען צום בודזשעט פון דער אינסטיטוציע, זי זאָל אויסקומען גלייך אויף גלייך און ניט דארפען מאכען קיין דעפיציטען. אָבער קיינמאָהל איז דאָס ניט געטהאָן געוואָרען אויפ'ן רעכענונג פון די „קעמפּערס".

פארשטעהט זיך אז דער עלטער פון די קינדער איז באשרענקט. מען נעהמט נאָר אריין קינדער ביז א באשטימטען עלטער, ווען זיי קענען שוין אריינגענומען ווערען אין „פרעש־עיר" קעמפּ, א גאנץ אנדערע אינסטיטוציע, אויסגעהאלטען און פארוואלטעט פון דער פרעש עיר סאָסייעטי.

פאר די נעקסטע פינף יאָהר זייט דער ערעפענונג פון'ם „גינזבורג קעמפּ" אין 1927, איז די אינסטיטוציע רחבות'דיג געוואַקסען.

מיט יעדען יאָהר פלעגען אלץ מעהר און מעהר מוטערס מיט קינדער קומען אין קעמפּ, וואו די באליבאטישקייט און די זאָרגפעליגקייט איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון ערפאהרענע באלעבאָסטעס, פון געשולטע קאונסילאָרס, מיט נוירסעס, א דאָקטאָר, מיט ספּעציעלע פארוויילונגס־פּראָגראמען, שפּילערייען פאר די קינדערלאך און אונטערהאלטונגען פאר די גרויסע אין גייסט פון די פּראָגראמען וואָס ווערען דורכגעפיהרט אין די מוטערס־קלובען.

מיט יעדען יאָהר זיינען אלץ מעהר און מעהר פארבעסערונגען געמאכט געוואָרען. מען האָט אויסגעלעגט נייע וועגען און סטעזשקעס, מען האָט פאר־פלאַנצט אלץ מעהר בלומען און בוימער און מען האָט איינגעאָרדענט שפּיל־פּלעצער אויפ'ן לאנד, ענליך צו די וואָס מען געפינט אין די שטאָדטישע פּארקס, פאר דער באקוועהמליכקייט פון די קינדערלאך.

און צוזאמען מיט דעם אלעמען, האט מען אויך געשאפען די מעגליכקייט פאר יענע מוטערס מיט זייערע קינדער וואס זיינען ניט אומשטאנד צו באַצאָהלען, זיי זאָלען קענען פארברייננגען א וואך אָדער צוויי אין קעמפ אין פארלויף פון זומער.

דאָס האָט אָבער גאָר ניט געהאט וואָס צו טהאָן, ניט מיט דער וועלפעיר פעדעראַציע און ניט מיט'ן אידישען צענטער, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער קעמפ־פארוואלטונג.

דאָס איז דערגרייכט געוואָרען דורך א ספּעציעלען „סקאָלארשיפּ וואקיישאָן פאָנד", וואָס ס'האָט געשאפען די וואוילטעטעריין מיס עמא באָטצעל. דער דאָזיגער פאָנד פלעגט בייטראגען צווישען 500 און 800 דאלאר א יאָהר צום בודזשעט אין דער פאָרמע פון צאָהלונגען פאר יענע וואָס קענען עס אליין ניט טהאָן. אָבער צווישען די פיר־פינף הונדערט פרויען און קינדער אין קעמפּ, אין פארלויף פון סעזאָן, האָט קיינער ניט געוואוסט, ווער עס זיינען די יעניגע וואָס ווערען אויסגעהאלטען פונ'ם „סקאלערשיפּ פאָנד"; און אודאי האָבען עס ניט געוואוסט די קעמפּ־פארוואלטער, אום צו פארמיידען אירגענד וועלכע אונאנגענעהמליכקייט וואָס דאָס האָט געקענט ארויסברענגען.

ווי געזאָגט, האָט די אינסטיטוציע זיך רחבות'דיג צוואוואקסען. אָבער אין 1932 האָט פּאסירט עטוואס וואָס קיינער האָט ניט געקענט פאראויסזעהן.

ווי אָן אנזאג אויף דער שרעקליכער טרוקעניש וואָס האָט שפּעטער חרוב געמאכט מיליאָנען אקערס פרוכטבארען באָדען איבער'ן גאנצען לאנד, איז דער טייך אויסגעטרוקענט געוואָרען און אלץ וואָס איז געוואקסען, וואָס האָט באַדארפט וואקסען, אלץ וואָס איז פארפלאנצט און פארזייהט געוואָרען אין קעמפ אין די פריערדיגע יאָהרען, איז פון דער זון פארברענט געוואָרען.

דאָס, צוזאמען מיט'ן קריזיס, וואָס האָט אין יענעם יאָהר זיך דערהויבען צום העכסטען פּונקט, האָט געפיהרט דערצו אז דער קעמפּ האָט געמוזט אויפהערען צו פונקציאָנירען.

געמיינט האָט מען אז אָט, אָט, אין א יאָהר, צוויי, אפשר דריי, וועט מען די אינסטיטוציע קענען צוריק עפענען. אָבער אלע מאָהל האָבען זיך אונטערגערוקט נייע אומשטענדען וואָס האָבען דאָס אונמעגליך געמאכט, ביז ערשט היינטיגס יאָהר, ווען די פעדעראַציע האָט ווידער געפונען די מיטלען און מעגליכקייטען דעם קעמפּ צו עפענען.

די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס" האָט פון איהרע ירושה־פאָנדען פאר וואוילטעטיגע צוועקען אסיגנירט אכט טויזענד דאלאר אויף צו מאכען די נוי־

טיגע פארבעסערונגען, איינצוקויפען די סאמע נויטיגע זאכען און צו באצאָה־לען שטייערען פאר דער צייט, וואָס די לאַנד איז ניט באנוצט געוואָרען אלס אינסטיטוציע, וועלכע איז געוועהנליך פריי פון טעקסעס.

גאַנץ שפעט אין סעזאָן, דעם פארגאנגענעם 21טען דזשולאי, האָט זיך דער „גינזבורג מוטערס און בייבים קעמפ" געעפענט פאר א קורצער פעריאָדע פון בלויז פינף וואָכען. אין פארלויף פון דער צייט האָבען דאָרט 73 מוטערס און 36 קינדערלאַך געהאט זייער זומער וואקאציע פאר א סך הכל פון 205 קעמפ־וואָכען, וואָס זיינען אויסגעפילט געוואָרען אויפ'ן בעסטען אופן ווי אין די גוטע, פריערדיגע צייטען.

די פּאָפּולאַריטעט פון קעמפ איז גלייך געוואקסען, א דאַנק דער פיינער טראַדיציע וואָס איז, טראָץ דעם איבערריים פון עטליכע יאָהר, געבליבען פעסט פארוואָרצעלט אין דער אינסטיטוציע.

מיט א סטעף פון ערפאהרענע קעמפ־פיהרער, אונטער דער דירעקציע פון מיס מערי קאפּלאַן, די איניציאַטאָרין פון דער קעמפ־באַוועגונג און די פיהרערין פון די אידישע מוטערס קלובען, איז דער קורצער סעזאָן דורך מיט גרויס ער־פאָלג. אין פארגלייך מיט אמאָהל ווען דער בודזשעט פלעגט באטרעפען צווי־שען 7,500 און 8,000 דאלאר א יאָהר, האָבען די אויסגאבען פאר'ן פארהעלט־ניסמעסיג קורצען קעמפ סעזאָן פון 1940 באטראָפען בלויז 2,500 דאלאר, וואָס איז, ווי אין דער פארגאנגענהייט, „געדעקט" געוואָרען פון די צאָהלונגען.

די „קעמפּערס" זיינען באשטאַנען אין זייער מעהרהייט פון מטגלידערינס פון די מוטערס־קלובען מיט א קליינער צאָהל פון זייערע פריינד. און די צאָה־לונגען פון צעהן און זעקס דאלאר א וואָך פאר מיטגלידער מיט זייערע קינדער און 12 און 7 דאלאר א וואָך פאר ניט־מיטגלידער מיט זייערע קינדער, זיינען צוגענגליך און פּאָפּולער גענוג צו באפעסטיגען די עקזיסטענץ פון דער אינסטי־טוציע אויף ווייטער.

אין איינקלאַנג מיט אָט די פּאָראויסזעהונגען ווערען שוין געמאכט אלע נויטיגע פּאָרבערייטונגען פאר'ן קומענדען יאָהר און אזוי, האָפענטליך, אלץ ווייטער און ווייטער, אוועקצושטעלען דעם קעמפ אויף דער באזע פון א זיך־זעלבסט אויפהאַלטענדע אינסטיטוציע, אום די אידישע מאמע מיט איהר קינד, זאָלען ניט פיהלען אז אימיצער טהוט זיי א טובה.

דאָס איז לכתחילה געווען דער צוועק פון די עטליכע פרויען פּיאָנערקעס אין יענעם ערשטען מוטערס־קלוב וועלכע זיינען דער הויפּט היסטאָרישער פאַק־טאָר אין דער געשיכטע פון דער דאָזיגער גאנץ באדייטענדער אינסטיטוציע אין אידישען לעבען פון דעטראָיט.

# "דזשואיש טשאַילד פלעיסמענט ביוראָ"

## אַ מאָדערנע הילפס-אַגענטור פאר אונגליקליכע אידישע קינדער

**פון קאנקורענץ ביז קאָארדינאַציע צווישען די פארשיידענע אינסטיטוציעס פאַר קינדער-הילף. — דער פריערדיגער „טשאַילד קעיר קאונסיל" און די איצטיגע „טשאַילד פלייסמענט ביורא." — די געשיכטע פון א יונגער, נויטווענדיגער קערפערשאַפט.**

אין דעם גאנצען סכום פילאנטראָפּיע און וואוילטעטיגקייט, דורך די פאר־שיידענע אַגענטורען, אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען אין די רייהען פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע, פארנעהמט די „דזשואיש טשאַילד פלייסמענט ביוראָ" אַן אייגענאַרטיגען, וויכטיגען פלאַץ.

דאָס איז א קערפערשאַפט, ווי דער נאָמען אין אַן איינפאכער אידישער איבערזעצונג ציינט, וועמענס צוועק און אויפגאַבען זענען, צו באַזעצען — צו געפינען א היים פארן אידישען קינד — פאַר יענע אידישע קינדער, וואָס זיינען צוליב איין אורזאך אָדער א צווייטער געוואָרען היימלאָז און אין וואָס זיי נוי־טיגען זיך איז ניט קיין אנשטאַלט, ווי א שטייגער די „אידישע קינדער היים", נאָר א פאמיליען היים, אַ שטוב וואו דאָס קינד זאָל זיך פיהלען אין א פּריוואַט־היימישער אטמאָספערע, אין פולען זינען פון וואָרט.

די „דזשואיש טשאילד פלייסמענט ביוראָ" איז געגרינדעט געוואָרען אין 1931. דאָס זעלבע יאָהר איז געעפענט געוואָרען די אידישע קינדער היים. און אָט די ביידע אינסטיטוציעס זענען צום לעבען געקומען, א דאנק דער קאָאָר־דינאַציע וואָס איז געשאפען געוואָרען מיט צוויי יאָהר פריער, צווישען דריי עקזיסטירענדע אנשטאַלטען און קערפערשאפטען פאַר קינדער וואוילטעטינקייט דורך דעם דאמאָלסט געגרינדעטען „טשאילד קעיר קאונסיל".

די דריי קערפערשאַפטען: די „טשילדרענס ביוראָ" פון דער אמאָהליגער „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס", די בייבי נוירסערי (אָדער „היברו אינפאנט האָום") און דער בית יתומים *) האָבען ענדליך פארשטאַנען אז זיי מוזען שאפען צווישען זיך אַ פאַראייניגונג און דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער פארשטענד־ניס איז געווען דער „טשאַילד קעיר קאונסיל" פון וועלכען ס'איז ארויסגעוואַקסען פון איין זייט די „אידישע קינדער היים" און פון דער צווייטער זייט די „טשאַילד פלייסמענט ביוראָ".

---

*) מעהר איינצעלהייטען איבער דעם בית יתומים און היברו אינפענט האָום, וועט דער לעזער געפינען אינם קאַפּיטעל „די אידישע קינדער היים".

רעדענדיג וועגען דער „פליסמענט ביוראָ“, קען מען זי בשום אופן ניט אָבטהיילען פון „טשאַילד קעיר קאונסיל“. און אום צו וויסען וואָסערע אומשטענדען און געזעלשאַפטליכע כחות ס'האָבען גורם געווען עס זאָל געשאַפען ווערען דער „טשאַילד קעיר קאונסיל“, איז נויטיג צו וואַרפען אַ בליק אויף יענער צייט, מיט וואסערע צוויי צעהנדליג יאָהר צוריק, ווען אין משך פון יאָהרען איז אנגעגאנגען אַ קאָנקורענץ צווישען געוויסע דעטראָיטער אידישע אינסטיטוציעס.

אמעהרסטען האָט זיך די דאָזיגע קאָנקורענץ געפיהלט צווישען יענע אינסטיטוציעס וואָס גיבען זיך אָפּ מיט זאָרגען פאַרן יתום, פאַר די אונגליקליכע און פאַרנאַכלעסיגטע קינדער — צווישען דעם „בית יתומים מיט דער „בייבי נוירסערי“ פון איין זייט און דער „טשילדרענס ביוראָ“ פון דער צווייטער זייט.

אין יענע יאָהרען ווען די מחיצה צווישען די אָרטאָדאָקסישע (אָדער לאָמיר זיי רופען „אידיש-באַלעבאַטישע“) אידען, און די רעפאָרמירטע אידען איז געווען זעהר גרויס, האָט זיך די קאָנקורענץ אמשטאַרקסטען געלאָזען פיהלען און זי איז צייטענווייז געווען אפילו פאַרביטערט. די פאַרוואַלטער פון בית יתומים האָבען למשל, דאַמאָלסט געמיינט אז נאָר זייער סיסטעם פון באזאָרגען אידישע יתומים איז די בעסטע; און פאַרקעהרט, האָבען די רעפאָרמירטע אידען געדענקט אז די מעטהאָדען וואָס זיי ווענדען אָן, זענען די ווירקזאַמסטע.

און אזוי פלעגט ניט זיין קיין נייעס צו הערען אין די קרייזען פון דעם אָדער יענעם צד ביטערע באמערקונגען, דורכגעדרונגען מיט שטעך-ווערטלאך: „מיינע קינדער“, „אונזערע קינדער“ און „זייערע קינדער“.

געמיינט האָט מען מיט דעם צו זאָגען אז: „מיר, און נאָר מיר, ווייסען ווי אזוי די זאך צו פאַרוואַלטען און צו פיהרען; אז ביי אונז זענען די מעטהאָדען די בעסטע און די ריכטיגסטע און ביי יענע ניט“ — ווער דער „יענער“, אָדער צווייטער צד זאָל ניט זיין . . .

ביי די אָרטהאָדאָקסישע אידען, צום ביישפיל, איז געווען אַ פאַראורטהייל געגען דער „טשילדרענס ביוראָ“ פון די „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס“, אנגעפיהרט און פאַרוואַלטעט פון די רעפאָרמירטע אידען, אז די ביוראָ, זאָרגט זיך גאָר ניט פאַר דער אידישער ערציהונג פון די קינדער; אז די קינדער וואָס די „ביוראָ“ נעהמט אונטער איהר אויפזיכט, וואַקסען אויס גויים, רחמנא לצלן . . .

און פאַרקעהרט, האָבען די רעפאָרמירטע אידען געדענקט אז אין „בית יתומים“ אַ דורכאויס אָרטאָדאָקסישער אנשטאַלט, דערציהט מען די קינדער אַלט-פרענקיש, לויט'ן שניט פונם אמאָהליגען קליינעם שטעדטעל, און מען קימערט זיך ווייניג פאַר דעם זיי זאָלען אויסוואַקסען מאָדערנע מענשען.

איבעריג צו זאָגען, אזביידע צדדים זענען מיט זייערע פּאראורטיילען גע־וועזן אביסעל ווייט פון אמת. אָבער וואָס עס זאָלען ניט האָבען געווען די אור־זאַכען — צו דאָס איז אין יענע יאָהרען געווען אן אַלגעמיינע טענדענץ אַזאַ אויך אויסערהאַלב דעטראָיט, אָדער בלויז א לאָקאַלע ערשיינונג — די נייע ציי־טען, מיט די נייע ווינטען וואָס האָבען שפּעטער גענומען בלאָזען אין דער אי־דישער וועלט, האָבען אויך דעטראָיט ניט דורכגעלאָזען. אויך דאָ איז די מחיצה צווישען „אידען" און „יאהודים" ביסלאכווייז פאַרקלענערט און פאַרשמעלערט געוואָרען.

מען האָט גענומען איינזעהן אז פאַראייניגטערהייט קען מען מעהר אויפ־טהאָן און בעסערע רעזולטאטען דערגרייכען אויף אַלע געביטען פון אידישער וואוילטעטיגקייט.

אנשטאט קאָנקורענץ און א ביטול־באַציהונג פון איין צד צום צווייטען, האָט מען געזוכט פאַרשטענדניס און דערנעהענטערונג. און א דאַנק דעם איז אין 1929 געגרינדעט געוואָרען דער „טשאַילד קעיר קאָונסיל", דורך דער איני־ציאטיווע, און ווי אן אינסטיטוציע, פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע.

אונטער די ווערטער „טשאַילד קעיר קאָונסיל", האָט מען פאַרשטאַנען א קערפּערשאַפט וועמענס פונקציעס זיינען, אכטונג צו געבען און צו ארבייטען פאַרן וואוילזיין פון אידישען קינד, וואָס מוז אנקומען צו געזעלשאַפטליכע הילף אין איין פאָרמע אָדער צווייטער.

און ווען מען רעדט פון „אכטונג געבען", האַנדעלט זיך עס ניט אין דעם נאָרמאַלען קינד, וואָס האַרעוועט זיך און וואַקסט אונטער נאָרמאַלע אומשטענ־דען. דאָס מיינט אפילו ניט יענע קינדער, וואָס האָבען געהאַט דאָס אונגליק פאַריתום'ט צו ווערען און זיי האָדעווען זיך אָהן טאטע־מאַמע, אַמאָהל ביי קרובים און אַמאָהל אין אַן אנשטאַלט, ווי דער אמאָהליגער בית יתומים, אָדער די איצטיגע אידישע קינדער היים. יעדעס קינד איז א וועלט פאַר זיך און אַזוי איז עס אויך א פּראָבלעם, ווען די אומשטענדען אָדער די אַטמאָספערע ארום דעם קינד'ס דערציהונג ענדערען זיך אויף איין אופן אָדער א צווייטען.

די מאָדערנע פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט, האָט שוין לאַנג פעסטגעשטעלט אַז יעדעס קינד נויטיגט זיך אין א באַזונדערע אויפּפּאַסונג, און עס מוזען צוגעפּאַסט ווערען די ריכטיגע מעטהאָדען. און צו קאָאָרדינירען אָט די הילף פאַר די קינדער וואָס נויטיגען זיך אין דעם, איז געשאַפען געוואָרען די, אַזוי צו זאָגען, צענטראַלע קינדער באַזאָרגונג קערפּערשאַפט, וואָס דער „טשאַילד קעיר קאָונסיל" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

עס פּאַסירט, הלואי זאָל עס ניט פּאַסירען, אז ביי די זעלבע עלטערען וועל־

כע האָבען פיינע קינדער, זאָל פלוצלונג ביי איין קינד זיך ענטוויקלען שלעכטע און אמאָהל פארברעכערישע נייגונגען. מאנכע קינדער ווערען אמאָהל אריינגע־שלעפט אין געזעץ דורך זייער צעלאָזענקייט; אנדערע קינדער, צייגען ארויס פארדאָרבענע נייגונגען; ביי אן אנדער קינד צושפילט זיך אמאָהל פלוצלונג א ווילדקייט וואָס זאָל זיין א רעזולטאַט פון דער ניט גינסטיגער אומגעבונג פאר'ן באטרעפענדען אינגעל אָדער מיידעל.

א חוץ דעם איז אונזער לעבען פול מיט פארשיידענע און כל־ערליי סאָרטען טראגעדיעס — טראגעדיעס צוליב'ן שלעכטען צוזאמענלעבען צווישען די על־טערען; טראגעדיעס צוליב דער אונפאראנטוואָרטליכקייט פון טאטע־מאמע; טראגעדיעס — אין וועלכע דאָס קינד אליין, איז גאָר ניט שולדיג, אָבער ס'איז אויסגעזעצט צו פאלען א קרבן פאר דער צייט, אויב די געזעלשאפט זאָל זיך ניט אריינמישען און ראטעווען די סיטואַציע.

גראדע אזעלכע קינדער זיינען פארהאן פיל מעהר ווי יתומים. זייער פראָ־פאָרציע איז געווען גרעסער אין דעם אמאָליגען „בית יתומים" און זי איז אויך גרעסער אין דער איצטיגער קינדער היים, די אינסטיטוציע פאר יענע קינדער וואָס פאסען זיך אריין אין דער אטמאָספערע פון אן אנשטאַלט.

פארהאן אָבער אזעלכע פאלען, און זיי זיינען אין דער מערהייט, ווען דאָס לעבען אין אנשטאַלט טויג גאָר ניט פאר'ן קינד. עס מוז האָבען א פריוואטע היים, א היים וואו דאָס קינד זאָל פיהלען אז ס'איז ארומגערינגעלט מיט דער נויטיגער השגחה פון א „מאמען" — אן אדאָפּטירטע אָדער „פאָסטער" מאמע — (רופט עס ווי איהר ווילט), אָבער פאָרט א היים, מיט „עלטערען" מיט „ברידערלאך" און „שוועסטערלאך", אזוי ווי דאָס קינד באגרייפט עס.

און דאָס צו דערגרייכען פאר'ן קינד, איז גאָר ניט אזא לייכטע ארבייט. דערצו פאָדערט זיך לאנגע, געדולדיגע אויספאָרשונגען און אונטערזוכונגען. מען מוז געפינען די אמבעסטען צוגעפאסטע היים פאר יעדען פאל באזונדער, לויט די אנווייזונגען פון א דאָקטאָר. מען מוז האָבען אין זאפאס הוימען פון איין סאָרט אָדער א צווייטען, און אָט די אלע אויפגאבען, צוזאמען מיט דער קאָאָר־דינירונג פון דער ארבייט אין די צוויי פריערדיגע קינדער אנשטאַלטען — אין „בית יתומים" און אין דער „היברו אינפענט האָום", האָט אויף זיך גענומען דער „טשאילד קעיר קאונסיל", וועמענס פונקציעס עס זיינען איבערגענומען געוואָ־רען פון דער איצטיגער „טשאילד פליישמענט ביוראָ".

* * *

געווען איז דאָס, ווי שוין אויבען געזאָגט, אין 1931. דער „טשאילד קעיר

קאָונסיל" איז מיט א וויכטיגען טהייל פון זיין ארבייט פארטיג געוואָרען; די אידישע קינדער היים, וואָס מען האָט אנגעהויבען בויען אונטער דער אויפ־זיכט פון „טשאילד קעיר קאָונסיל" איז געעפענט געוואָרען; די פריערדיגע צוויי אנשטאַלטען פארן זעלבען צוועק, האָט מען פארמאכט; א טהייל פון דער אויס־פאָרשונג־ארבייט, די סאמע ערשטע בנוגע קינדער־באַזאָרגונג אין אן אנשטאַלט אָדער אין א פריוואטע היים, איז איבערגענומען געוואָרען פון דער סאָשעל סויר־ווים ביוראָ. איז געבליבען פאר דער קערפערשאפט איין ספעציפישע ארבעט, א גאנץ שווערע און קאָמפּליצירטע — צו זאָרגען פאר די קינדער וואָס ווערען איהר איבערגעגעבען, זיי באזעצען אין פריוואטע היימען און נאָכפאָלגען זייער וואוקס אין דערציהונג — אן ארבייט פאר וועלכער עס פאסט זיך דער ספע־ציפישער נאָמען „טשאילד פלייסמענט ביוראָ". צוליב דעם האָט דער „דזשואיש טשאילד קעיר קאָונסיל", אנגעפיהרט פון זעלבען סטעף אונטער דער זעלבער דירעקציע, געקראָגען א נייעם נאָמען; און אזוי איז אין 1931 געגרינדעט גע־וואָרען די קערפערשאפט, וואָס איז אזא נויטווענדיגקייט אינם גאנצען סכום פון אידישער פילאנטראָפּיע און אידישער וואוילטעטיגקייט אין דעטראָיט.

אום אבצושאצען די ארבייט פון דער „דזשואיש טשאילד פלייסמענט ביו־ראָ", דארף געגומען ווערען אין אנבאטראכט דער פאקט, וואָס די צאָהל קינדער אין דער קינדער־היים ווערט אַלץ קלענער, און די צאָהל קינדער וואָס די „פלייסמענט ביוראָ" האָט אין איהר רשות, ווערט אַלץ גרעסער.

דאָס איז דערפאר וואָס אין דער קינדער־באַזאָרגונג פּראָבלעמע ווענדעט אָן די פלייסמענט ביוראָ די מעטהאָדען פון דער מאָדערנער וויסענשאפט און הלכות ערציהונג וועלכע לעהרנט אז דאָרט וואו ס'איז נאָר פארהאן א מעגליכ־קייט, איז בעסער און פאָרגעצויגענער, צו האָדעווען אונגליקליכע קינדער אין פריוואטע היימען.

ס'איז שוין דארום זעלבסטפארשטענדליך אז די ארבייט פון דער „טשאילד פלייסמענט ביוראָ" איז זעהר א ברייטע און פארשיידענארטיגע. זי איז פאר־בונדען מיט אונצעהליגע אומשטענדען, סיבות און סיטואציעס, וואָס ווערען גע־שאפען אין אידישע היימען, וואו עס שווימען ארויף קינדער פּראָבלעמען אויף וועלכע די געזעלשאפט דארף רעאגירען.

אין יעדען פאַל ווען עס ענטשטעהט עפּעס א פּראָבלעמע מיט אן אונאָר־מאַל, אבנאָרמאַל אָדער סתם אונגליקליך קינד — צו דאָס איז א קאָורט־קעיס, אן אונגליקליכע מאַמע וועלכע איז, צוליב איין אורזאַך אָדער א צווייטער, אַליין ניט אומשטאנד דאָס קינד צו האָדעווען, אָדער אן אנדער פאַל, דאָרט וואו די לעזונג צום פּראָבלעם איז דאָס באזאָרגען א היים, א נייע, מעהר פאסענדע היים

פאַר'ן קינד — דאָ טרעט אריין די „פּלייסמענט ביוראָ" און טהוט אַלץ וואָס מען דאַרף, די דאָזיגע שווערע פּראָבלעם צו לעזען. און די רעזולטאַטען געשטיצט אויף ציפערען זייט דער גרינדונג פונם „טשאַילד קעיר קאונסיל" אין 1929, און מיט צוויי יאָהר שפּעטער מיט דער גרינדונג פון דער „טשאַילד פּלייסמענט ביוראָ", ביז היינט צו טאָג, זיינען מעהר ווי צופרידענשטעלענד.

צווישען די הונדערטער און הונדערטער קינדער, וואָס זיינען שוין דורכ־געגאַנגען דורך דער דאָזיגער קינדער־באַזאָרגונג אַגענטור, זיינען קנאַפּע צוויי הונדערט געווען, אַזוי גערופענע, „פּראָביישאָן"־קעיסעס.

דאָס זיינען פאַלען פון אידישע קינדער וואָס זיינען, צוליב איין אורזאַך אָדער א צווייטער געקומען פּנים אל פּנים מיט'ן געזעץ און דער ריכטער, נאָך א חקירה ודרושה, האָט פעסטגעשטעלט אז דאָס איינציגע מיטעל זיי צו רעפאָר־מירען איז איבערצוגעבען זיי אין רשות פון א זאָרגפעליגער אידישער אינסטי־טוציע, וואָס זאָל זיי באַזעצען אין א היים, אין דער ריכטיגער — פאר זיי צוגע־פּאַסטער — סביבה און אומגעבונג.

אין די מעהרסטע אַזעלכע פאַלען, ווערט די אַפּוטרופּס'ם איבערן קינד, אי־בערגעגעבען צו דער „סאָשעל סוירוויס ביוראָ". און די לעצטע נאָך אַן אויס־פאָרשונג, גיט דאָס באַטרעפענדע קינד איבער אין רשות פון דער פּלייסמענט ביוראָ וועלכע האָט צו איהר קרעדיט א רעקאָרד פון פולשטענדיגען, הונדערט פּראָצענטיגען ערפאָלג אויף דעם דאָזיגען געביט. דער ערפאָלג באַ־שטעהט אין דעם וואָס קיין איין קינד פון יענע „פּראָביישאָן קעיסעס" איז ניט אוועק אויף שלעכטע וועגען נאָכדעם ווי די השגחה איבערן קינדס ווייטערער ערציהונג און ענטוויקלונג איז איבערגענומען געוואָרען פון דער ביוראָ.

און נאָך עפּעס דאַרף דאָ באַטאָנט ווערען: ביז איצט, אין משך פון די אַלע יאָהרען איז נאָך ניט אויסגעקומען קיין איין קינד אוועקצושיקען אין אן אויס־בעסערונגס אנשטאַלט דורך דער ביוראָ, כאָטש פילע פון זיי זיינען איבערגע־נומען געוואָרען פון דער פּלייסמענט ביוראָ דאַן, ווען ס'האָט זיך אויסגעדוכט אז קיין אנדער מיטעל זיי צ רעפאָרמירען איז ניטאָ.

און דאָס איז ניט קיין צופאַל. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער ספּעצי־עלער אויפמערקזאמקייט וואָס ווערט אנגעווענדעט אין יעדען איינציגען פאַל באַזונדער לויט דעם אנערקענטען פּרינציפּ אין דער פּעדאַגאָגישער וויסענשאַפט אַז יעדעס קינד איז א באַזונדערע פּראָבלעם וואָס קען מיט די ריכטיגע מיטלען צופרידענשטעלענד געלעזט ווערען. וואָרים געדענקען דאַרף מען דערביי, אַז די

„פּלייסמענט ביוראָ" נעהמט ניט סתם קינדער פון אָרעמע פאַמיליעס, אַלמנות, אָדער עגינות זיי צו באַזאָרגען מיט א היים און מיט דעם פאַרלייכטערען די לאַגע פון די עלטערען. אויך דאָ ווערט שטאַרק אנגעווענדעט דער פּרינציפּ אַז קיין בעסער פּלאַץ פאַר'ן קינד ווי אין דער אייגענער היים, מיט דער מאַמען, מיט די עלטערען אין שטוב, איז ניטאָ.

אויב עס האנדעלט זיך אין אָרעמקייט, און אנדערע שוועריגקייטען וואָס קענען באַזייטיגט ווערען, כדי דאָס קינד זאָל ניט דאַרפען ארויסגענומען ווערען פון זיין, אָדער איהר, אייגענע היים, ווערט דאָס געטהאָן, אפילו ווען עקסטרע אנשטרענגונגען מוזען דערביי געמאַכט ווערען.

די דאָזיגע ארבייט פון גאנץ מאכען די פאמיליע, כדי דאָס קינד זאָל האָבען א געזונטע, נאָרמאַלע היים, מיט די אייגענע, ווערט געטהאָן פון דער סאָשעל סוירוויסי ביוראָ, אויף א גרינדליכען אופן.

דאָס מיינט אַלזאָ, אז ווען דאָס קינד ווערט איבערגענומען פון דער „פּלייסמענט ביוראָ" זיינען שוין אַלע פּראָבען געמאַכט געוואָרען נאָך וועלכע מען איז געקומען צום אויספיהר אז דער בעסטער אויסוועג פון דער לאַגע, די בעסטע לעזונג צום פּראָבלעם איז, צו שאַפען יענע היים, יענע אומגעבונג אין וועלכער דאָס קינד זאָל זיך אמבעסטען אריינפּאַסען.

פון דעם מאָמענט אָן וואָס די פּלייסמענט ביוראָ, נעהמט איבער די אויפזיכט פון א קינד, צו דאָס איז א בייבעלע, א דערוואקסענער באָי אָדער מיידעל, ווערט עס גלייך געשיקט פאר א ספּעציעלער מעדיצינישער אונטערזוכונג. פאַר דעם דאָזיגען צוועק איז ביים „נאָרטענד קליניק" פארהאַן א ספּעציעלער דעפּארטמענט, וואו דאָס קינד געהט דורך סיסטעמאַטישע מעדיצינישע אונטערזוכונגען אַלע זעקס חדשים. אין פאַלען ווען דאָס קינד נויטיגט זיך אין ספּעציעלע מעדיצינישע באהאנדלונג, ווי א שטייגער „דיעטע", ספּעציעלע אויפזיכט, בייטען די לופט, ערהאָלונג אין קאָנטרי און אזוי ווייטער און ווייטער, ווערט עס באַזאָרגט מיט דעם. און דאָ איז אויך נויטיג צו דערמאנען דעם פאַקט אז אין דער געשיכטע פון דער פּלייסמענט ביוראָ, זיינען פאַרצייכענט בלויז צוויי טויט־פאַלען פון קינדער אין איהר רשות, וואָס איז דער קלענסטער אומבאַדייטענדסטער פּראָצענט לגבי אנדערע אינסטיטוציעס, אנשטאַלטען און אגענטורען פון דעם סאָרט.

די פּלייסמענט ביוראָ נעהמט איבער די אויפזיכט פון קינדער שוין פון זייער געבורט אָן ביז'ן עלטער פון 16 יאָהר, ווען זיי קענען שוין באגעגענען די וועלט אַלס מעהר, אָדער ווייניגער, זעלבסטשטענדיגע מענשען.

דער הויפּט שוועהרפּונקט ביי דער גרינדונג פון דער דאָזיגער הילפס־

אגענטור איז געווען די ניט־זיכערהייט, די מורא, אז מען וועט ניט געפינען גע־נוג אידישע היימען פאַר די קינדער.

ווען דער „טשאַילד קעיר קאונסיל" האָט אנגעהויבען פונקציאָנירען, האָבען די פיהרער פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע, מאנכע פון זיי, אליין ער־פאהרענע „סאָשעל וואָירקערס", וואָס זיינען גוט באקאנט מיט דער סיסטעם פון „קינדער אויסבעסערונג", ניט געוואָלט גלויבען אז ס'וועט מעגליך זיין צו געפינען אזוי פיל פּריוואט אידישע היימען פאַר אָט די אונגליקליכע, פאַרנאכ־לעסיגטע קינדער.

היינט צו טאָג, ווי שוין אויבען באמערקט, איז פאַרהאַן א זאַפּאַס פון אזעלכע היימען — מעהר ווי פופציג אין צאָהל — וואָס וואַרטען מען זאָל זיי געבען קינדער צו האָדעווען און צו דערציהען. און די סיסטעם פון זאָרגפעליגער אויפפּאַסונג פון די אנגעשטעלטע אין דער פּלייסמענט ביוראָ איז אזוי איינגע־אָרדענט, אז די אידישע פאמיליע וואו עס געפינט זיך איינס, אָדער מעהר קינ־דער, פיהלט אז אויסער וואָס זי קריגט אריין אן עקסטרע איינקונפט, טהוט זי א גוטע זאך: זי קאָאָפּערירט אין דער וויכטיגער הילפס ארבייט פון דער אינ־סטיטוציע.

יעדע פּריוואטע היים איז רעדזשיסטרירט און אין אָפיס פון דער ביוראָ ווייסט מען גענוי די דאָרטיגע אומשטענדען דורך די סיסטעמאטישע באזוכען וואָס ווערען געמאכט יעדע צוויי וואָכען — און אמאָהל נאָך אָפטער — אין די באַטרעפענדע היימען, נאכצופאלגען דעם פּראָגרעס פון די קינדער.

דאָס ווערט געטהאָן פון ספּעציעלע אונטערזוכער פאר דעם צוועק, צווישען סטעף פון אכט אנגעשטעלטע מיט יהודית ב. בערקאוויטש אלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דעם ערשטען מאָמענט אָן וואָס דער טשאַילד קעיר קאונסיל איז געגרינדעט געוואָרען ביז היינט צו טאָג.

אין דער ביוראָ, וואָס געפינט זיך אין "קאָמיוניטי פאָנד" בילדינג, ווייסט מען אלעס וואָס עס קומט פאָר מיט יעדעס קינד אין יעדע היים. און קוים פּאַ־סירט עפּעס וואָס ענדערט די אומשטענדען, די אומגעבונג ביי א פאמיליע, ווייסט מען שוין צו דאָס וועט ווירקען צום גוטען אָדער צום שלעכטען אויפן קינד. און אין איינקלאַנג דערמיט, מיט אָט דעם באוואוסטזיין, ווערען אנגענומען די נויטיגע מיטלען, דאָס קינד, זאָל צוליב דער ענדערונג אין דער „היים" ניט ליידען.

פאַר די לעצטע צוויי־דריי יאָהר האָט די „פּלייסמענט ביוראָ" דורכשניט־ליך געהאט צווישען 180 און 190 קינדער א יאָהר ,אונטער איהר אויפזיכט. פון

אַט דער צאָהל זיינען דורכשניטליך 125 קינדער יעהרליך באַזעצט געוואָרען אין פּריוואַטע היימען, וואו מען האָט פאַר זיי געצאָהלט וועכענטליך.

די איבעריגע זיינען באַזאָרגט געוואָרען אין „אַדאַפּטירטע" היימען, ביי קרובים און אויך ווי אַן עקספּערימענט זיינען מאַנכע קינדער אומגעקעהרט גע־וואָרען צו די עלטערן, וואָס האָבען עס מעגליך געמאַכט, דורך אַן ענדערונג אין זייער אייגענעם פאַמיליען לעבען. די דאָזיגע ענדערונגען ווערען פאַרשטעהט זיך, אין די מעהרסטע פאַלען, צושטאַנד געבראַכט דורך דער נויטיגער ארבייט פון אַנדערע אינסטיטוציעס אויפ'ן געביט פון הילף פאַר דער ראַעביליטירונג פון דער אידישער היים און די אידישע פאַמיליע.

די פּראָבלעם פון די פּליכטלינג קינדער, איז פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר אויך אַ טהייל פון דער ארבייט פון דער פּלייסמענט ביוראָ. זייט 1936, האָט די ביוראָ באַזאָרגט מיט היימען 27 פּליכטלינג קינדער, וואָס זיינען אין געוויסע פאַלען צייטווייליג „אַדאַפּטירט" געוואָרען און אין די אַנדערע פאַלען ווערט פאַר זיי געצאָהלט. דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דער ביוראָ.

ווי אַ שטאָדטישע אינסטיטוציע, וואָס טהוט אויך יענע הילפס־ארבייט פאַר קינדער, וועלכע וואָלטען זאָנסט געמוזט געשטיצט ווערען פון דער קאָונטי רעגירונג אין איינקלאַנג מיט'ן געזעץ, ווערט די „פּלייסמענט ביוראָ" סובסידירט הויפּטזעכליך פון קאָמיוניטי פאָנד און נאָך אַ טהייל פון איהרע אויסגאַבען — צו וועלכען זי איז בארעכטיגט — קריגט זי פון די „וועין קאָונטי טעקס פאָנדס".

פאַרן לעצטען יאָהר האָט דער בודזשעט באַטראָפען קנאַפּע צוויי־און־פופציג (51,918) דאָלאַר. דאַרויף האָט דער קאָמיוניטי פאָנד בייגעטראָגען איבער 29 און אַ האַלב (29,518) טויזענד דאָלאַר; קנאַפּע צוואַנציג טויזענד (19,800) האָט די ביוראָ געקראָגען פון דער „קאָונטי" און דאָס איבעריגע 2,600 דאָלאַר, פון אַנדערע קוואַלען; מעהרסטענס פון עלטערן, קרובים און נאָהענטע פריינד פון די קינדערלאַך, וועלכע האָבען זיך גערן באַשטייערט פאַר זייער אויפהאַל־טונג, האָדעוואַניע און ערציהונג.

די „טשאַילד פּלייסמענט ביוראָ" איז אַ קערפּערשאַפט, וואָס שטעהט צום דינסט דאָס אונבאַהאָלפענע, אונגליקליכע און פאַרוואָרלאָזטע קינד, וואָס וואָלט אָהן דער עקזיסטענץ פון דער ביוראָ, אפשר פאַרלוירען געגאַנגען און ארויסגע־פאַלען פון דער געזעלשאַפט.

אין דעם באַשטעהט איהר קאָמפּליצירטע, אָבער קאָנסטרוקטיווע ארבייט, ווי אַ אינסטיטוציע פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.

# די אידישע קינדער היים —

## אַ פאַראייניגונג פון צוויי אינסטיטוציעס אין איינער

דער אמאַהלינער בית יתומים און די בייבי דעי נוירסערי, געגרינדעט פון ארטהאָדאָקסישע פרויען. — די געשיכטע פון 22 יאָהר טהעטיגקייט אונטער פאַר־שיידענע נעמן פאַרן זעלבען צוועק. — א היים פאַר יענע קינדער וואָס נויטיגען זיך אין דעם.

אויפ'ן קאָרנער בוירלינגיים און פעטאַסקי עוועניו, אין א געמישטער נאַכ־באַרשאפט פון אידען און קריסטען, שטעהט א גרויסע הויז, א בנין וואָס איז, ווי מען קען גלייך באמערקען, געבויט און איינגעאָרדענט געוואָרען מיט גרויס רחבות'דיגקייט, סאַי אינוויינינג סאַי אין דרויסען פאַר דער באקוועמליכקייט פון די דאָרטיגע איינוואוינער. דאָס איז די אידישע קינדער היים, א אינסטי־טוציע פאַר יענע קינדערלאַך וואָס זיינען געשטראָפט געוואָרען פון שיקזאל ניט צו קענען — צייטווייליג אָדער פאַר א לענגערער צייט — וואוינען מיט זייערע עלטערען און די געזעלשאפט מוז פאַר זיי זאָרגען, זיי האָדעווען און ערציהען אין אַן אנשטאַלט פאַר דעם צוועק, אויסגעהאַלטען פון אידישען כלל, פון דער אלגעמיינער אידישער באפעלקערונג.

די „אידישע קינדער היים", וואָס איז נאָך קיין פולע צעהן יאָהר ניט אַלט, האָט איהר אורשפּרונג אין צוויי אנדערע וויכטיגע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון דעטראָיטער אידישע פרויען מיט איבער צוואנציג יאָהר צוריק. דאָס זיינען דער אמאַהליגער בית יתומים און די „בייבי דעי נוירסערי" (שפּעטער די „היברו אינפענטס אָרפען האָום") וואָס האָבען עקזיסטירט אונ־אָבהענגיג איינע פון די אנדערע — כאָטש געגרינדעט פון די זעלבע מענשען — ביז אנפאנג 1930 ווען דער, פון פריער שוין געשאפענער, „דזשואיש טשאַילד קעיר קאונסיל", צו קאָאָרדינירען די טהעטיגקייט פון אלע קערפּער־שאַפטען פאַר אידישע קינדער־באַזאָרגונג, אָדער קינדער־וואוילטעטיגקייט, האָט זיי פאַראייניגט.

דעמאָלסט איז עס אויסגעארבייט געוואָרען דער פּלאַן צו בויען איין גרוי־סען אַנשטאַלט, א פּערמאַנענטע היים פאַר'ן בית יתומים און „היברו אינפענטס אָרפען האָום", אַן אנשטאַלט וועמענס נאָמען זאָל ענטשפּרעכען דעם ציעל און צוועק פוןביידע אינסטיטוציעס.

דער דאָזיגער פּלאַן איז ענדליך רעאַליזירט געוואָרען מיט צוויי יאָהר שפּעטער, ווען די אידישע קינדער היים איז געעפענט געוואָרען אין דזשולי

1931 אַלס אַ היים פאַר  אַ ל ע  ק י נ ד ע ר,  ניט דוקא יתומים, וואָס זיינען אנגעוויזען אויף דער דאָזיגער געזעלשאַפטליכער הילף.

אום זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון דער אידישער קינדער היים מוז מען אנפאַנגען דאָרט וואו עס ליגען די וואָרצלען פון דער אינסטיטוציע, ביי יענער קליינער גרופּע אידישע פרויען, וואָס האָבען מיט 22 יאָהר צוריק געגרינדעט די ערשטע בית יתומים סאָסייעטי אויף אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען אופן. שפּעטער מיט עטליכע יאָהר, האָבען די פרויען פון דער בית יתומים סאָסייעטי געגרינדעט די „היברו בייבי דעי נוירסערי". אָבער לאָמיר ניט פאַרלויפען דעם וועג. לאָמיר געהן כסדר.

* * *

דאָס איז געווען אין אַפּריל 1918 ווען עטליכע אידיש־אָרטאָדאָקסישע פרויען, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ פּריוואַט הויז און באַשלאָסען צו גרינדען אַ „בית יתומים" סאָסייעטי, וואָס זאָל וועקען דעם דעת הקהל פאַר דער וויכטיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע.

ווי גרויס ס'איז געווען דער פאַרנעהם פון די גרינדערינס, קען מען זיך פאַרשטעלען פון דעם וואָס מען האָט די „היברו אָרפען האָום" סאָסייעטי אינקאָרפּאָרירט לויט די געזעצען פון מישיגען סטייט, אריינצונעהמען מיטגלידער מיט אַן אָבצאָהל פון 25 סענט אַ חודש.

האָט אָבער, מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער פּאַסירט אַ מערקווירדיגער טראַגישער פאַל, וואָס האָט די באַוועגונג פאַר אַ בית יתומים אַ היבשען שטויס געטהאָן פאָראויס.

איינע פון די פיהרערינס איז פּלוצלונג געשטאָרבען, און ביים הספד אויפן בית עולם, רעדענדיג וועגען איהרע נאָבעלע טהאַטען, האָט מען דערמאַהנט די וויכטיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע. באַלד אויפן אָרט איז געזאַמעלט געוואָרען הונדערט דאָלאַר צום אנדענקען פון דער פאַרשטאָרבענער און דער אָבקלאַנג צווישען דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט נאָך דאַן געלעבט קאָמפּאַקט אין איין באַשטימטען געגענד, איז געווען אַזוי גרויס, אז איידער דאָס יאָהר איז אַוועק האָט די סאָסייעטי שוין געצעהלט אַרום זיבען הונדערט מיטגלידער, מעהרסטענס פרויען וועלכע האָבען ענערגיש געאַרבייט, געזאַמעלט ביישטייערונגען אויף שמחות, פּאָפּולער געמאַכט די באַוועגונג ווי ווייט דאָס האָט זיך געלאָזען און גענומען אויך פאַראינטערעסירען די מענער, זיי גערופען צו פאַרזאַמלונגען און געפאָדערט פון זיי די נויטיגע הילף צו פאַרוואַנדלען דעם חלום פון אַ בית יתומים אין אַ רעאַליטעט.

ביי א פארזאמלונג אין יאנואר 1919, ווען ס'איז אַנגעסירט געוואָרען אז די סאָסייעטי האָט שוין איבער צוויי טויזענד דאלאר אין קאסע, האָבען א צאָהל מענשען מיט אן ערנסטער באציהונג צו דער זאך, זיך אנגעשלאָסען אן דער באוועגונג און מען האָט ערוועהלט א קאָמיטע וואָס זאָל זוכען א פּאַסענדע הויז פארן צוועק.

פּונקט צום יאָהר, אין אַפּריל 1919 האָט מען ענדליך געפונען א גרויסע הויז אין 47 ראַאינא סטריט, וואָס מען האָט געקויפט פאר 25 טויזענד דאלאר מיט א באלדיגע איינצאָהלונג פון פיר טויזענד דאלאר.

קיין פיר טויזענד דאלאר מזומן האָט די סאָסייעטי, פארשטעהט זיך, נים געהאט. נו, האָט פּאסירט דאָס זעלבע וואָס ס'פּאסירט געוועהנליך אין אזעלכע פאלען: מעמבערס האָבען אויסגעליהען, ווער א גרעסערע און ווער א קלענערע סומע און די פולע פיר טויזענד דאלאר האָט מען, אין צייט, געשאַפען.

די אינסטיטוציע איז שוין פאקטיש געווען. אָבער ביז מען האָט זי גע־עפענט האָט נאָך געמוזט פארלויפען א קנאַפּ יאָהר צייט. ווייל — צו קיין גנאי זאָל עס ניט זיין — ס'האָבען זיך אנגעהויבען די כאראקטעריסטישע אידישע מחלוקות, וואָס האָבען דאן ווייניג כבוד פארשאפט דער אידישער באפעלקערונג.

מיט א מיטגלידערשאפט פון איבער פופצעהן הונדערט, האָט מען זיך, „ווי געוועהנליך", אנגעהויבען דינגען פאר א שטאָדט אין מזרח וואנד . . .

דער איז יענעם ניט אנגעשטאנען אין דער דירעקטאָרען באָארד און יענער האָט דעם אנדערען ניט פארגונען דאָס ביסעלע כבוד. און אזוי האָבען זיך די געמיטהער שטארק צוהיצט.

ס'האָבען זיך שוין אנגעהויבען פארשפרייטען בייזוויליגע קלאנגען אויפ'ן רעכענונג פון דעם אָדער יענעם פיהרער. רכילות און לשון הרע איז געטריבען געוואָרען צווישען די פּאָרמירטע צדדים און שיעור־ניט האָט עס שוין געהאַל־טען דערביי אז די גאנצע אונטערנעהמונג זאָל אויפגעריסען ווערען און די באַ־וועגונג זאָל צעשפּליטערט ווערען.

אָבער ווען דער קריזיס איז שוין דערגאנגען צום העכסטען פּונקט, האָבען עטליכע איינפלוסרייכע באַליבאטים, מיט דריי אָרטאָדאָקסישע רבנים אָן דער שפּיץ, זיך ארייגעמישט צו שאַפען שלום.

א בוררים געריכט איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען אויסצוהערען די פאר־שיידענע צדדים, און די דאמאָלסטיגע דירעקטאָרען באָארד אויף וועמען פאר־שיידענע באשולדיגונגען זיינען געוואָרפען געוואָרען, איז ריינגעוואשען געוואָ־רען פון אירגענד וועלכער טאדלונג.

נאָך דער ענטשיידונג פון בוררים־געריכט איז די ארבייט אוועק מיט נאָך מעהר אימפעט. מען האָט אראנזשירט גרויסע פאָלקס־אונטערנעהמונגען וואָס האָבען אריינגעבראכט צו עטליכע טויזענד דאָלאר. גלייכצייטיג איז אויך די צאָהל מיטגלידער בסדר געוואַקסען, פארוואנדלענדיג די בית יתומים סאָסייעטי אין א ברייטער אידישער פאָלקס באוועגונג.

די געלד פראגע איז שוין געווען איגנאנצען געלעזט און מען האָט זיך גע־נומען גרייטען צו דער ערעפענונג פון אנשטאַלט וואָס איז צושטאנד געקומען דעם 11טען יאנואר, 1920.

מיט גרויס באגייסטערונג איז די אָפיציעלע ערפענונגס־צערעמאָניע דורכ־געפיהרט געוואָרען פאר אן עולם פון דריי טויזענד מענשען. געלד איז געפאלען פון אלע זייטען. און ווען מען איז פארטיג געוואָרען מיטן חנוכת הבית, איז די קאַסע רייכער געוואָרען מיט קרוב צו צעהן טויזענד דאָלאר.

נאָך פיר־פינף וואָכען זיינען אוועק אויף צו מאכען די פארשיידענע אויס־בעסערונגען אין הויז. עס זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען זיבען גרויסע שלאָף צימערען („דאָרמיטאָריס"); אן עס־זאַל, א שפיל־צימער א שטודיר צימער און אנדערע באקוועהמליכקייטען; די פאסענדע פּאַרניטשור איז אריינגעשטעלט גע־וואָרען און דעם 25טען פעברואר, 1920, האָט מען אנגעהויבען אריינעהמען קינדער אין אנשטאַלט.

איבעריג צו זאָגען אז ס'האָט לאנג ניט גענומען און די אינסטיטוציע מיט פלאַץ פאר פערציג קינדער, איז פארפולט געוואָרען מיט יתומים, וועלכע האָבען ענד־ליך געפונען א היים אונטער דער השגחה און זאָרגפעליגקייט פון פאסענדע אנ־געשטעלטע און אונטער דער קאָנטראָל פון א פאראנטוואָרטליכער קערפערשאפט.

מיט אן איבערפלוס אין דער טרעזשורי האָט מען מיט א קנאַפ יאָהר שפּעטער באצאָהלט דעם „מאָרטגעדזש" אויף דער הויז און דער דאָקומענט איז מיט גרויס פּאַראַד פארברענט געוואָרען, פארזיכערענדיג מיט דעם די געביידע אלס דאָס פאָלשטענדיגע אייגענטום פון דער אינסטיטוציע.

אלץ וואָס איז נויטיג געווען, איז א פאָנד צו דעקען די לויפענדע אויס־גאבען פון בית יתומים. און דאָס איז נאָך מעהר ווי „געדעקט" געוואָרען פון דער מיטגלידערשאפט מיט באשטימטע יעהרליכעביישטייערונגען, א חוץ די אָפטע ביישטייערונגען פון אנדערע קוואלען, ווי פון שמחות, אונטערנעהמונגען, און אזוי ווייטער און ווייטער.

די דאָזיגע שפע אָדער „פּראָספּעריטי" אין דער פינאנץ־סיטואציע פון בית יתומים, איז אגב, פאראנטוואָרטליך פאר דעם וואָס ס'איז שפּעטער, אָהן שום

עקסטרא שווערינקייטען, געבויט געוואָרען די אידישע קינדער היים, א בנין וואָס האָט צוזאַמען מיט די לאַנד און איינריכטונגען געקאָסט 165 טויזענד דאָלאַר.

עטליכע יאָהר זיינען אוועק און די פארוואַלטונג פון בית יתומים, טראַכ־טענדיג וועגען דער מעגליכקייט די אינסטיטוציע צו פארגרעסערען, האָט גע־קויפט א שטיק לאַנד בשותפות מיט נאָך אן אינסטיטוציע אום דאָרט צו בויען א נייע, מאָדערנערע געביידע פארן אנשטאַלט. אָבער ביז וואָס־ווען, האָט זיך די געאָגראַפישע לאַגע פון שטאָדט ראַפּטאָם געענדערט און דער געגענד איז שוין מעהר ניט געווען צוגענגליך פארן צוועק. גליקליכערווייזע האָט אָבער די שטיק לאַנד געשטיגען אין פּרייז. האָט מען זי פארקויפט מיט א נישקשה'דיגען פּראָפיט אזוי, אַז ס'איז שוין געווען פארזיכערט א פאָנד פון אונגעפעהר הונ־דערט טויזענד דאָלאַר אויף צו בויען די נייע, איצטיגע היים וואָס איז, ווי שוין אויבען געזאָגט, פארווירקליכט געוואָרען ערשט אין 1931.

ווען דער בית יתומים איז שוין געווען באַפעסטיגט, האָט מען פארפאַסט א נייע קאָנסטיטוציע מיט פארשיידענע כללים וועגען דער פארוואַלטערשאַפט, וועגען ציעל און צוועק, וועגען דער גייסטיגער דערציהונג פון די קינדער און אויך וועגען זייער עלטער — וואָס איז באַשטימט געוואָרען צו זיין ניט יונגער ווי פינף יאָהר — אום אריינגענומען צו ווערען אין אנשטאַלט.

און דאָס האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער צווייטער אינסטיטוציע, פון דער „היברו בייבי דעי נורסערי" וואָס איז אויך א אינטערעסאַנט קאַפּיטעל געשיכטע, פון די אויפטהואונגען און דערגרייכונגען פון דעטראָיטער אידישע פרויען.

---

געווען איז דאָס אנפאַנג 1922, ווען די זעלבע פרויען וועלכע האָבען גע־גרינדעט די בית יתומים סאָסייעטי, האָבען זיך פארטראַכט וועגען דער נויטיגער הילף אויך פאר יענע קינדער, וואָס ווערען צוליב זייער עלטער ניט אריינגענו־מען אין אנשטאַלט.

וואָס טהוט מען מיט די עופה'לאך, מיט די בייבעלאך וואָס בלייבען מור־טערלאָז גלייך נאָכ'ן געבורט? — און ווארום זאָל דעטראָיט ניט האָבען אן אנ־שטאַלט, צוגלייך מיט אַנדערע שטעדט, פאר יענע קינדערלאך, וועמענס מוטער געהט אַרבייטען, אָבער זי וויל מיט איהר קינד זיך אינגאַנצען ניט שיידען? אזא מאַמע נויטיגט זיך אין א פּלאַץ וואו איהר קינד זאָל אין פארלויף פון טאָג קריגען די נויטיגע אויפפאַסונג. אין אָוועגד ווען די מוטער פארלאָזט דעם שאָפּ

אדער די סטאָר, ווייל זי זיין צוזאַמען מיט'ן קינד אין איהר היים. אָבער וואו זאָל זי דאָס קינד אהינטהאָן אין פארלויף פון טאָג?

אלס ענטפער אויף די דאָזיגע פראַגען האט די גרופע פרויען, וואָס איז שוין אגב געווען פריי פון ארבייט ארום בית יתומים — וואו אלעס איז געגאַנגען אין דער בעסטער אָרדנונג, לויט דער עטאַבלירטער „רוטין" — אנגעפאַנגען א באַוועגונג פאר א „בייבי דעי נוירסערי", וואָס זאָל אויך דינען אלס היים פאר יענע קליינע יתומים וואָס ווערען אין יתומים הויז ניט ארייַנגענומען.

האָבענדיג ערפאַהרונג פון דער פריערדיגער טהעטיגקייט, איז די נייע באַוועגונג דאן אוועק מיט גרויס אימפעט. און דאָס מאָהל, האָבען די פרויען זיך שוין מעהר ניט געווענדעט נאָך הילף צו די מענער. די פיהרערשאַפט פון דער בייבי דעי נוירסערי, שפּעטער די „היברו אינפענטס אָרפען האָום" איז די גאַנצע צייט ביז דער ערעפענונג פון דער קינדער היים, געלעגען אין די הענד פון די פרויען. דאָס איז געווען א „ווייבערשע מלוכה", וואָס האָט באַוויזען אין משך פון איין יאָהר צייט ארייַנצוקריגען גענוג מיטגלידער און גענוג געלד אויף צו קויפען א הויז פאר אזא אנשטאַלט.

מען האָט גענומען זוכען, א פּאַסענד הויז וואָס איז געפונען געוואָרען אין 545 איסט קענפיעלד עוועניו, צו יענער צייט דער, אזוי גערופענער, מיטעלפונקט פון אידישען ישוב.

די הויז האָט געהאַט א מעלה, וואָס דער הויף (די יארד) איז געווען זעהר גרויס, מיט גענוג פּלאַץ פאר די קינדערלאַך זיך צו שפּילען און אויף צו צובויען נאָך א הויז, אייגענטליך א האָל וואָס וואָלט גלייכצייטיג געווען א קוואַל פון הכנסה אויסצוהאַלטען דעם אנשטאַלט.

דער רעכענונג איז דערביי געווען אַז דער האָל וועט אין פארלויף פון טאָג דינען אלס היים פאר די קינדערלאַך וואָס געהן אהיים שלאָפען מיט די מאַמעס. אין די אָווענדען וועט מען דעם האָל פאַרדינגען פאר מיטינגען, חתונות, פּארטים און אזוי ווייטער.

ווי מען קען זעהן, זיינען די פרויען פיהרערינס פון דער בייבי דעי נוירסערי געווען גאַנץ פּראַקטישע מענשען און א דאַנק זייער פּראַקטישקייט איז שוין מיט אכצעהן חדשים שפּעטער, סוף זומער פון 1923, די אינסטיטוציע דערעפענט געוואָרען.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און דער אנשטאַלט איז פּאַרפולט געוואָרען מיט קינדערלאַך פוןביידע סאָרטען. עס איז איינגעשטעלט געוואָרען אָרדנונג, מען האָט אנגעשטעלט די נויטיגע אויפזעהער. א קאָנסטיטוציע איז פאַרפאַסט

געוואָרען מיט באַשטימטע כללים ווי אזוי דער אנשטאַלט זאָל פארוואלטעט ווערען און די בייבי דעי נוירסערי האָט פונקציאָנירט, ווערענדיג אַלץ מעהר און מעהר פּאָפּולער אויף אזוי ווייט, אַז מיט צוויי יאָהר שפּעטער, אין 1925, איז געגרינדעט געוואָרען א „נאַרטוועסטערן" ברענטש, פון פרויען אין דעם דאַמאָלסט נייעם אידישען געגענד, וואָס האָט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען, אום צו העלפען די אינסטיטוציע.

די דאָזיגע צו־גרויסע פּאָפּולאריטעט, ווי אין דעם פאל מיט'ן בית יתומים, האָט ליידער קיין גוטס ניט געבראַכט.

ס'האָבען זיך אנגעהויבען רייבונגען צווישען די פיהרערינס פון דער אָריגינעלער נוירסערי סאָסייעטי מיטן נייעם ברענטש. די רייבונגען האָבען זיך ענטוויקעלט אין א שטאַרקער אָפּאָזיציע מיט'ן רעזולטאַט, דאָס אין 1926 האָט אויסגעבראָכען אן אָפענע מלחמה, מיט קאָורט פּראָצעסען, מיט אינדזשאנקשאָנס און געגען־אינדזשאנקשאָנס וואָס האָבען זיך געצויגען חדשים לאנג און היבש אָבגעשוואכט די טהעטיגקייט לטובת דעם אנשטאַלט.

דער סוף איז געווען אז דער ריכטער האָט די „אידישע מלחמה" פארן ביסעלע כבוד, פארענדיגט מיט דער באַשטימונג פון דעם באוואוסטען אידישען כלל טהוער פרעד ב. באטצעל אלס בעפאָלמעכטיגטען צו רעאָרגאניזירען די גאנצע פארוואלטערשאפט.

דעם 25טען אָקטאָבער 1926, איז פאָרגעקומען א פּאַלקס מיטינג ביי וועלכען א נייע פרעזידענטין און א נייע דירעקטאָרען באָארד איז ערוועהלט געוואָרען. דאן איז די טהעטיגקייט אין, און ארום, אנשטאַלט ווידער אוועק אויף א פריינדליכען, פּראקטישען וועג און אלעס איז געווען גוט.

די נייע פארוואלטונג, זוכענדיג דעם אינדאָרסמענט און גוטהייסונג פון דער סטייט רעגירונג פאר דער אינסטיטוציע, האָט אויסגעפונען אז ס'איז געגען געזעץ אנצופיהרען א „דעי נוירסערי" און א פּערמאנענטע היים פאר קינדערלאך אונטער איין דאַך. דאָס זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע אנשטאַלטען וואָס מוזען אָבגעזונדערט ווערען.

פאר דער אינסטיטוציע איז געבליבען אויסצוקלויבען איינס פון די צוויי. און אזוי ווי דער מאנגעל אין א „דעי נוירסערי" איז דאן נישט געווען גרויס, איז באַשלאָסען געוואָרען דער אנשטאַלט זאָל בלייבען אַלס היים פאר די קליינע עופה'לאך, גאנצע און האַלבע יתומים, וואָס דאַרפען געהאָדעוועט און ערצויגען ווערען ביז אַזאַ עלטער ווען מען קען זיי שוין אריינעהמען אין בית יתומים. אין איינקלאַנג מיט'ן באשלוס האָט מען געענדערט דעם נאָמען פון בייבי נוירסערי אויף „היברו אינפענטס אָרפען האָום".

ווי מען קען אליין זעהן, איז שוין דאן אין 1926, דער אנשטאלט פאקטיש געווען אן אבטיילונג פון בית יתומים, כאטש געפיהרט האט זיך די היברו אינפענטס ארפען האום, ווי א באזונדערע אונאבהענגיגע אינסטיטוציע. און דער דאזיגער אומשטאנד האט א סך גורם געווען צו דער פאראייניגונג וואס איז שפעטער צושטאנד געקומען דורך דער פארשמעלצונג פוןביידע אינסטי־טוציעס אין איינער, וועלכע האט געקראגען א נייעם, מעהר פאסענדען נאמען: „די אידישע קינדער היים“.

ס'איז אויך וויכטיג דא צו פארצייכענען דעם פאקט אז ווערענד דער „בית יתומים“ איז פארבליבען אין זיין ערשטער היים, אין 47 ראאינא סטריט, נעבען וואודוואַרד עווענין, וואו עס שוויבעלט און גריבעלט מיט לעבען, ביז די נייע היים איז פארטיג געווארען, האט מען די היים פון דער „היברו אינפענטס אר־פען האום אין 545 איסט קענפיעלד עווענין, געמוזט אויפגעבען צוליב דער שנעלער געאגראפישער ענדערונג אין דעם דארטיגען געגענד, איידער נאך די אידישע קינדער היים איז געעפענט געווארען.

גליקליכערווייזע האט זיך געפונען א אידישער וואוילטעטער, פיטער מילער, וועלכער האט אנגעבאטען זיין צוועלף־רומיגע הויז אין 262 ראאינא סטריט, אין שכנות צום בית יתומים, אלס פרייע היים פאר דער אינסטיטוציע וואס האט אין אויגוסט 1928 זיך אהין אריבערגעצויגען און דארט אנגעפיהרט איהר טהע־טיגקייט פאר קנאפע דריי יאהר צייט אויף א מוסטערהאפטען אופן ביז אין יולי 1931 ווען די „אידישע קינדער היים“ האט געעפענט איהרע טהירען פאר אלע קינדער וואס נויטיגען זיך אין דער האדוואניע און ערציהונג פון אזא אנשטאלט — גאנצע, האלבע, אדער גאר ניט קיין יתומים — וואס געפינען דארט א היים אין גייסט און לויט'ן נאמען וואס די אינסטיטוציע טראגט.

* * *

זייט דער ערעפענונג פון אמאהליגען בית יתומים ביז היינט צו טאג, זיינען שוין א סך וואסערען פארלאפען. מיינונגען איבער די מעטהאדען פון ערציהונג, איבער די מעטאדען פון אויפזיכט און קינדער־באזארגונג בכלל, האבען זיך ראדיקאל געענדערט.

צווישען די אטאריטעטען איבער דאס פראבלעם פון „קינדער וואוילטעט־טיגקייט“, אויך אין די רעגירונגס ביוראס און קאנפערענצען וואס גיבען זיך אפ מיט פארשען דאס פראבלעם כדי צו געפינען די בעסטע מיטלען פאר די בעסטע רעזולטאטע, זיינען פעסטגעשטעלט צוויי הויפט פרינציפען: 1) דאס בעסטע פלאץ פאר'ן קינד איז די אייגענע היים, מיט די עלטערען — מיט'ן טאטען, אדער מיט דער מאמען — ווי דער פאל זאל ניט זיין; און 2) אויב די היים איז אזוי

צושטערט אז זי קען שוין מעהר פאַר קיין פאַל ניט גאַנץ געמאכט ווערען, דאַן איז א היים ביי פריוואטע מענשען — און אדאָפּטירטע היים אָדער „פאָסטער האָום“ — אַלץ פאַרגעצויגענער ווי אַן אנשטאַלט.

דעריבער איז, זעלבסטפארשטענדליך, וואָס דער גאַנצער קאָמפּלעקס פּראָבלעמען און פּראָבלעמען בנוגע אידישע היימלאָזע, פארוואָרלאָזע און עלטערנלאָזע קינדער, איז אנפארטרויט, ניט דעם אָדער יענעם אנשטאַלט, ניט דער אָדער יענער ביוראָ, נאָר א געמיינזאמען קאָמיטעט פון אַלע אינסטיטוציעס וואָס גיבען זיך אָפּ מיט קינדער באַזאָרגונג. דאָס איז די צוזאַמענגעשטעלטע קערפּערשאַפט פון פּארטרעטער פון דער „סאָשעל סוירווים ביוראָ“, פון דער „טשאַילד פּלייסמענט ביוראָ“, פון דער קינדער היים און פון דער וועלפעיר פעדעראציע, א קערפּערשאַפט וועלכע פאָלגט נאָך דעם פּרינציפּ פון באַזאָרגען וואָס מעהר קינדער אין פּריוואטע היימען — אין די אייגענע היימען, אויב נאָר מעגליך — וואו מען שטרעבט זיך אָן אָבצושאַפען די אורזאכען וואָס האָבען זיי צושטערט און מען טהוט אַלעס זיי גאַנץ צו מאכען.

מיט דעם ערקלעהרט זיך אויך דער פאַקט וואָס די אידישע קינדער היים, האָט ניט אזוי פיל קינדער לויט דער דער קאַפּאַציטעט פון דער אינסטיטוציע. אָבער די אידישע קינדער היים ווי אַן אנשטאַלט פאַר דעם צוועק וואָס דער נאָמען ענטשפּרעכט, פילט אוים זעהר א וויכטיגע פונקציע אין גאַנצען סכום אידישער וואוילטעטיגקייט אין דעטראָיט.

דאָס איז ניט קיין בית יתומים נאָר א קינדער היים, ווי דאָס ווערט באַשטעטיגט דורך די ציפערען זייט דער ערעפענונג פון אנשטאַלט, אז: זיבעציג פּראָצענט פון אַלע קינדער וואָס זיינען אריינגענומען געוואָרען, האָבען געהאַטביידע עלטערען.

די סאָציאַלע געזעצגעבונג פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, די שטאַאטספאַרפליכטונגען צו דער אלמנה, גרושה אָדער עגונה וואָס האָט קינדערלאַך צו דערציהען, האָט מעגליך געמאכט פאַר דער מוטער אנצוהאַלטען איהר אייגענע היים, איהר אייגענע מוטערליכע סביבה פאַר די קינדער.

אין דער אידישער קינדער היים, געפינען זיך דאָרום מעהרסטענס אזעלכע קינדער וועמענס מאַמעס זיינען ענטוועדער פאַרלענגערט קראַנק, אינוואַלידען, גייסטיג קראַנקע אָדער ניט צוגעפּאַסט זיי צו דערציהען.

און אין אָט די פאַלען איז עס אויך ניט קיין פּערמאַנענטע ערשיינונג. ווען עס ענדערען זיך די אומשטענדען, אויף איין אופן אָדער א צווייטען, ווערט דאָס קינד ארויסגענומען פון דער אינסטיטוציע. און מיט דעם ערקלעהרט זיך

אויך וואָס אין די קנאַפּע צעהן יאָהר, זייט די קינדער היים איז אָפּען, איז דער דורכשניט ניט מעהר ווי א פּעריאָדע פון ארום פערצעהן חדשים פאר יעדעס קינד וואָס האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטען.

די אידישע קינדער היים איז א בנין פון ניט ווייניגער ווי פערציג צימערען, מיט אַלע אנדערע נויטיגע איינריכטונגען איינגעטהיילט אין צוויי אבטיילונגען: איינע פאר בייבעלאך, פון געבורט אָן ביז קינדער אין דעם פרע־סקול עלטער; און די צווייטע פאר קינדער פון זעקס ביז 16 יאָהר אַלט. אין זעלטענע אויס־נאַמספאַלען ווערען אמאָהל אריינגענומען קינדער איבער׳ן עלטער פון 16 יאָהר.

צעהן צימערען פארנעהמט די אבטיילונג פאר די גאָר קליינע קינדערלאך, וואָס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעלע נורסעס בייטאָג און ביי־נאַכט. אין דער דאָזיגער אבטיילונג איז פארהאַן פּלאַץ פאר צוואנציג קינדער.

די צווייטע אבטיילונג האָט פּלאַץ פאר דרייסיג קינדער: פיר שלאָף צימע־רען פאר צוואנציג באָיעס און צוויי שלאָף צימערען פאר צעהן מיידלאך, וואָס איז אויך באזירט אויף דער שטענדיגער פּראָפּאָרציע פון דריי באָיעס פאר יעדע צוויי מיידלאך, וואָס זיינען דורכשניטליך אריינגענומען געוואָרען אין אנשטאַלט.

ווי א מאָדערנע אינסטיטוציע איז אַלעס אין דער אידישער קינדער היים איינגעאָרדענט אויף א מאָדערנעם אופן, מיט „איזאָלאַטארס" פאר נייע קינדער־לאך וואָס מוזען דורכגעהן א גענויע מעדיצינישע אונטערזוכונג און פאר קראנ־קע קינדער דאָרט געהיילט צו ווערען; מיט צוויי שטודיר־צימערען, א מוזיק רום, קלענערע פארוויילונגס צימערען פאר באָיעס און מיידלאך; א ביבליאָטעק פאַרן יונגוואַרג מיט פּאַסענדע ביכער; א „דזשימנעזיום" וואָס דינט אויך פאר די קינדער פון גאנצען ארומיגען געגענד, — אפילו פאר ספּאָרט־קלובען וואָס קומען זיך דאָרט צוזאמען פאר זייערע „רעקריאיישאָן" פּראָגראַמען; א גרויסער עס־זאַל פאר 36 באָיעס און מיידלאך; א שעהנער גאָרטען און „פּלעיגראַונד", און אַלץ־מיט־אַן־אנדער וואָס איז נויטיג צו שאַפען יענע פּאַסענדע אטמאָספערע פאר׳ן יונגוואַרג, זי זאָל פיהלען ווי אין אן אמת׳ער היים.

די באַליבאַטישקייט אין דער קינדער היים ווערט געפיהרט פון א סטעף פון צוויי נורסעס, א „מעיטראָן", איהר געהילף, א קעיר־טעיקער, עטליכע הויז־מיידלאך, א פּאָר־פאָלק וואָס העלפען ארוים אין דער פארוואַלטונג און נאָך עטליכע אנגעשטעלטע מיט ל ו א י ס  נ י ו מ א ר ק אַלס הויפּט פארוואַל־טער אין דער שפּיץ.

מר. ניומאַרק, א ספּעציאַליסט אויפ׳ן געביט פון קינדער אויפזיכט, שטעהט שוין ביים רודער פון אנשטאַלט דאָס זעקסטע יאָהר.

צום סטעף דאַרף אויך צוגערעכענט ווערען דער פרייוויליגער שטאַב פון עלף אידישע מעדיצינער און דענטיסטען, צווישען זיי כירורגען און ספּעציא־ליסטען אויף יעדען אנדערען מעדיצינישען געביט, וואָס גיבען זייערע לייסטונ־גען אינגאַנצען פריי, צו יעדער צייט ווען זייער הילף איז נויטיג.

דער בנין מיט דער ארומיגער שטיק לאַנד וואָס איז ביי דער ערעפענונג אָבגעשאַצט געוואָרען אין 165 טויזענד דאָלאַר, טראָגט איצט א ווערטה פון 135 טויזענד דאָלאַר, אויף וואָס מען איז שולדיג זיבען טויזענד דאָלאַר.

מיט פלאַץ פאַר פופציג קינדער איז דער יעהרליכער דורכשניט געווען פון 45 קינדער, פאַר די לעצטע פינף יאָהר. אָן אויסנאַמס יאָהר איז געווען 1937, ווען די אינסטיטוציע האָט געהאַט דורכשניטליך מעהר ווי די מאַקסימום צאָהל. אין 1940 איז דער דורכשניט בלויז געווען 35 קינדער אין אנשטאַלט.

אינטערעסאַנט איז אָבער אַז פאַר דער גאַנצער צייט זייט די אינסטיטוציע איז געעפענט געוואָרען איז די פּראָפּאָרציע כמעט די זעלבע: ארום זיבעציג פּראָצענט פון די קינדער האָבען ביידע עלטערען; דרייצעהן פּראָצענט זיינען האַלבע יתומים און בלויז איין קינד פון די 256 קינדער וואָס זיינען דורכגעגאַנ־גען דורכ'ן אנשטאַלט אין משך פון די קנאַפּע צעהן יאָהר זייט די קינדער היים עקזיסטירט, איז געווען א פּיילעכדיגער יתום. די איבעריגע קינדער זיינען גע־ווען די קרבנות פון אונגליקליכע הייראַטען און פון צוריסענע פאַמיליען לעבענס.

דאָס דאַרף מען געדענקען אום צו באַגרייפען אַז די אידישע קינדער־היים איז ניט קיין יתומים הויז, נאָר א היים פאַר יענע קינדער, וואָס מוזען אַזאַ היים האָבען פאַר א קורצער אָדער לענגערער פּעריאָדע.

ווי אַן אינסטיטוציע וואָס קאָאָפּערירט מיט דער אידישער וועלפעיר פעּ־דעראַציע, האָט די קינדער היים די פולע מיטהילף פו דער סאָשעל סירוויס ביוראָ, פאַר איהרע נויטיגע אויספאָרשונגען און פאַרן נאָכפאָלגען דעם פּראָגרעס פון יענע קינדער וואָס נויטיגען זיך אָן דעם, איידער זיי ווערען אריינגענומען און נאָכדעם ווי זיי פאַרלאָזען דעם אנשטאַלט.

מיט א בודזשעט פון איבער צוואַנציג טויזענד דאָלאַר א יאָהר, ווערט ארום זיבעציג פּראָצענט פון די אויסגאַבען געדעקט פון „קאָמיוניטי פאָנד" און דאָס איבעריגע פון ביישטייערונגען, פון איינקונפטען וואָס די אינסטיטוציע קריגט אריין פון געוויסע איבערבלייבאכצען פונ'ם אמאָהליגען פאַרמעגען, פון די אָב־צאָהלונגען פאַר מאַנכע קינדער וועמענס עלטערען אָדער קרובים זיינען דאָס אומשטאַנד צו טהאָן און אויך פון א מיטגלידערשאַפט פון ארום פינף הונדערט, פון וועלכע עס ווערט נאָך אַלץ קאָלעקטירט סובסקריפּשאָנס פן דריי ביז זעקס

דאלאר א יאָהר. און צו דעם אלעמען דארף מען צורעכענען די „לײדים אקזילערי“ וואָס טראָגט צו איהר טהייל טהעטיגקייט לטובת דער אינסטיטוציע און די קינדערלאך.

די הויפּט אויפגאבע פון דער פארוואלטונג איז צו זאָרגען פאר דער פיזי־שער און גייסטיגער דערציהונג פון די קינדער צו גלייכער צייט. די קינדער פון סקוהל־עלטער געהן אין די סקוהלס פון דער נאכבארשאפט און זיי אטענדען אויך די קלאסען פון די יונייטעד היברו סקוהלס. אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגליך, ווערט פאר זיי געשאפען א אידישע אומגעבונג אין דעם בעסטען זין פון וואָרט, אין שייכות צו שבתים, יום־טובים און אלגעמיין אידישען שטייגער־לעבען.

די מעהרסטע קינדער ווערען געשיקט אין פארלויף פון זומער אויף צוויי וואָכען אין פרעש־עיר קעמפּ פון דער וועלפעיר פעדעראציע, וועלכע שטעהט צום דינסט פון דער קינדער היים אויף מעהר ווי איין אופן זי זאָל פונקציאָ־נירען אין גייסט פון דער צייט ווי אן אינסטיטוציע אין דער אלגעמיינער אי־דישער וואוילטעטיגקייט פון דעטראָיט.

און צום שלום וואָלט מען אפשר באדארפט באטאָנען דעם פאקט, אז וואָס דער צושטאנד פון די קינדער זאָל ניט האָבען געוועזען ווען זיי קומען אָן אין אנשטאלט, שאפט זיך פאר זיי דאָרט א נאָרמאלע סביבה. זיי האָדעווען זיך און ווערען דערצויגען ווי נאָרמאלע קינדער — צו דאָס זיינען בייבים, קינדער און קינדער־גאָרטען עלטער, אָדער סקוהל־קינדער — פון געבורט ביז'ן עלטער פון 16 יאָהר — ווי דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען פון די פארשיידענע מע־דיצינישע און פסיכיאטרישע אויספאָרשונגען און „טעסטען“ וואָס ווערען פון צייט צו צייט געמאכט, איבער דעם גייסטיגען צושטאנד פון די קינדער.

ווען דאָס קינד מוז האָבען אָט די היים, ווערט אלץ געטהאָן עס זאָל דאָרט פיהלען ווי אין א געמיטליכער היים־אטמאָספערע.

# דער מושב זקנים —
## אַ געזעלשאַפטליכע היים פאַר׳ן עלענדען מענשען אויף דער עלטער

**געגרינדעט פון אָרטאָדאָקסישע אידען מיט איבער דרייסיג יאָהר צוריק. — פון דעם אַמאָהליגען קליינעם אנשטאַלט ביז דער איצטיגער מאָדערנער מאָדעל־אינסטיטוציע. — אַן אייגענאַרטיג קאַפּיטעל אידיש געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט.**

פון אַ קליינעם אנשטאַלט, וואָס איז מיט איבער דריי צעהנדליג יאָהר צו־ריק געגרינדעט געוואָרען פון אַ קנאַפּען מנין אָרטאָדאָקסישע אידען, ביז דער איצטיגער מאָדעל אינסטיטוציע פאַר וועלכער עס קומט קרעדיט דעם גאַנצען אידישען כלל — דער גאַנצער דעטראָיטער אידישער באַפעלקערונג, — דאָס איז די געשיכטע פון מושב זקנים אָדער ווי די אינסטיטוציע ווערט גערופען אין ענגליש, „דזשואיש האָום פאָר עידזשעד“.

דער מושב זקנים, דאָס איז די היים פאַר׳ן עלטערען מענשען, די לעצטע סטאַנציע פאַר דעם מאַן אָדער פרוי וועלכע קומען אויף די עלטערע יאָהרען ווען זיי קענען זיך שוין ניט צופּאַסען צום ארומיגען לעבען; פאַר ווען ס׳איז שוין ניט לייכט זיך אויסצולעבען אין דער פריערדיגער סביבה און זיי מוזען האָבען אַ פּלאַץ וואו זיך אויסצורוהען; אַ פּלאַץ וואו זיי זאָלען קענען רואיג און אונגע־שטערט פאַרברייגגען די צייט אין געזעלשאַפט מיט נאָך אַזעלכע מענשען ווי זיי זיינען —- אין אַזאַ אַטמאָספערע וואו זיי זאָלען זיך ניט פיהלען ווי פרעמדע, ווי אנגעוואָרפענע און גאַנץ אָפט ווי אַן אָנשיקעניש.

שוועהר צו געפינען היינט צו־טאָג אַ דעטראָיטער אידען וועלכער זאָל באַ־דויערען דאָס וואָס פאַר די לעצטע אנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג צושפּרייט אין אַלע עקען שטאָדט.

ניטאָ שוין מעהר דער אַמאָליגער טיפּיש־אידישער קוואַרטאַל אין איין באַ־שטימטען דיסטריקט, די אַזוי־גערופענע „געטהאָ“ אויף וועלכער מען האָט גע־קענט אנווייזען: אָט דאָס איז עס! — דאָס איז דער אידישער געגענד . . . זי איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

אנשטאָט איין געגענד האָבען מיר היינט צו טאָג פיר, פינף — און אפשר גאַנצע זעקס — אידישע געגענדען. און די דאָזיגע ענדערונג ווערט זיכער פון קיינעם ניט באַדויערט. גראַדע פאַרקעהרט: דער מאָדערנער איד פרעהט זיך מיט דעם וואָס אונזערע קריסטליכע שכנים קענען ניט מעהר טייטלען מיט די

פינגער אויף די אידען אלס א פאָלק וואָס זוכט זיך נאָר אבצוטהיילען, זיך אב־צוזונדערען פון דער איבעריגער באפעלקערונג.

זיי טהוט שטארק הנאה וואָס דער אמאָליגער טיפּישער אידישער קוואר־טאל איז שוין א זאך פון דער פארגאנגענהייט.

און דאָך קען מען זאָגען אז ווען ניט דער „אמאָהל", ווען ניט אָט יענע צייט ווען די אידען פון דעטראָיט האָבען זיך געטוליעט איינער צום צווייטען, זיך געפיהלט גיכער ווי איין פאמיליע ווי בלויז אלס שטאם־ברידער — ווען ניט יענע צייט, וואָלטען נאָך אפשר ביז היינט צו טאָג פילע נויטיגע אינסטי־טוציעס, צווישען זיי דער מושב זקנים, ניט עקזיסטירט.

די פאקטען צייגען אז אַלע פארזוכען פאר די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר צו גרינדען נייע אנשטאלטען פון איין סאָרט אָדער א צווייטען, האָבען זיך ניט איינגעגעבען. און אין פּרט פון מושב זקנים קען עס באשטעטיגט ווערען מיט מעהר ווי איין באווייז אז ווען ניט דער „אמאָהל" וואָלט מען אין די שפּעטערע יאָהרען אפילו ניט געטראכט דערפון.

דאָס וואָס דעטראָיט האָט היינט אזא מאָדעל־אינסטיטוציע פאר די זקנים און זקנות — אן אינסטיטוציע וואָס ווערט אגב גענומען אלס מוסטער פאר אנדערע אידישע ישובים אין די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע — וואָלט דאָרום בשום אופן ניט מעגליך געווען, ווען ניט די איינציאטיווע פון יענע עט־ליכע אידען וואָס זיינען דורך מאָדנע וועגען און אומוועגען געקומען צום געדאנק אזא אינסטיטוציע צו שאפען.

ערשט ווען די אינסטיטוציע האָט שוין עקזיסטירט, ווי קליין זי זאָל ניט האָבען געווען, האָט דער דאָזיגער פאקט געווירקט אויף דער עפענטליכער מיי־נונג, אויפן גאנצען אידישען כלל, זי צו פארגרעסערען און פארבעסערען — זי צו דערפיהרען צום איצטיגען צושטאנד פון מושב זקנים מיט וועלכען די גאנצע אידישע באפעלקערונג שטאָלצירט.

* * *

אינטערעסאנט ביז גאָר איז די געשיכטע פון מושב זקנים און די מאָדנע צופאלען און אומשטענדען וואָס זיינען דערין געווען פארוויקעלט, אומשטענדען וואָס זיינען אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם אופן ווי אזוי אידיש־געזעלשאפט־ליך לעבען האָט זיך אויספאָרמירט אין די שטעדט און שטעדטלאך פון אמערי־קא וואוהין אידען זיינען געפאָהרען זוכען פרנסה.

דאָס איז געווען מיט עטליכע־און־דרייסיג יאָהר צוריק, ווען די אידישע באפעלקערונג איז באשטאנען פון ווייניגער ווי צעהן טויזענד נפשות. דער

אָרטאָדאָקסישער איד, קומענדיג אין דער נייער שטאָדט און זוכענדיג א פּלאַץ וואו צו דאַוונען, האָט באַלד גענומען טראַכטען פון א שוהל, פון א מקום־קדוש וואו ער זאָל זיך קענען באהעפטען מיט גאָט און טהאָן זיינע רעליגיעזע פליכטען.

האנד אין האנד מיט דער שוהל געהט אויך דער „בית־החיים“, א שטיקעל ערד, וואו דער איד, ווען די שעה קומט און ער דאַרף פאַרלאָזען די וועלט, זאָל באערדיגט ווערען.

ווען די שוהל און דער בית עולם זיינען שוין פאַרהאַן, דאַרף מען ערשט א חברה קדישא, וואָס זאָל זיך מתעסק זיין מיט'ן מת, איהם טהאָן זיין אידישע רעכט. און אזוי געפינען מיר שוין דאָן א גרויסע חברה קדישא, וועלכע איז גע־שאַפען געוואָרען פון מיטגלידער פון דריי אָרטאָדאָקסישע שוהלען וואָס האָבען צו יענער צייט עקזיסטירט.

און פון דער דאָזיגער חברה קדישא איז עס אויסגעוואקסען דער מושב זקנים, אָדער בעסער געזאָגט, די סאָסייעטי וועלכע האָט זיך דערטראַכט צום געדאַנק אַז אַזאַ אינסטיטוציע איז העכסט נויטיג. ס'האָט נעמליך פּאַסירט אַז רעדענדיג און זיך מתעסק זייענדיג מיט די טויטע, האָט מען זיך דערמאַהנט אַן די לעבעדיגע.

דאָס איז אגב א אינטערעסאנטער שטריך וואָס וואַרפט אביסעל ליכט אויפ'ן אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען פון יענער צייט.

דער אידישער געגענד, אָדער „געטהא“ איז דאַמאָלסט געווען קאָנצענטרירט אין עטליכע בלאָקס ארום הייסטינגס און גרעשאָט עוועניו. יעדער איינער האָט דעם אנדערען געקענט; געקענט איהם אָנרופען ביים ערשטען נאָמען און וואַר־שיינליך געוואוסט וואָס ביי יענעם אין טעפּעל קאָכט זיך . . . דאָס אידיש־גע־זעלשאַפטליכע לעבען האָט געטראָגען דעם אמת'ן פאַמיליאַרנעם כאַראַקטער. און האָט חלילה פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק אין א אידישער פאַמיליע, אָדער דער צופאַל האָט געבראַכט קיין דעטראָיט אַן עלענדען אידען, האָט די גאַנצע קהלה דערפון געוואוסט. ווער שמועסט נאָך אז ס'האָט פּאַסירט א טויט־פאַל, איז דאָס אודאי געוואָרען אַן ענין פאַר דער גאַנצער אידישער געמיינדע.

דאַרף זיך טרעפען א פאַל, און באַלד א צווייטער און א דריטער, אז על־טערע אָרעמע מענשען זאָלען דורך קראַנקהייט און עלענדקייט פאַלען צולאַסט אויף דער קהלה. ווי דער שטייגער איז געווען, האָט מען פאַר זיי געמוזט זאַמ־לען נדבות אין א פּאַטשיילקע . . . מען האָט זיי ווי עס איז באַזאָרגט פאַר א שטיקעל צייט. אָבער אזוי ווי אייביג לעבט מען דאָך ניט, זיינען זיי געשטאָר־בען און ביי די לויות האָט מען גערעדט וועגען זייער ביטערען גורל, וואָס זיי האָבען געהאַט אויף דער עלטערע יאָהרען אויסצושטעהן.

איין אויסשטעהענדער פאל האט דאן פאסירט וואס האט שטארק אויפ־געגט די געמיטהער ביי די פיהרער און גבאים פון דער חברה קדישא. ס'האט זיך נעמליך געהאט פארשפרייט א קלאנג אז דער פארשטארבענער אלטיטשקער איז פשוט אויסגעגאנגען פאר דער צייט ווייל ער האט ניט געהאט קיין היים וואו צו זיין און וואו מען זאל אויף איהם אכטונג געבען.

דער דאזיגער פאל האט געווירקט אז גלייך נאך דער לויה איז באשלאסען געווארען אז: ווייטער טאר עס אזוי ניט זיין. מען מוז געפינען מיטלען צו באַ־זארגען אזעלכע עלענדע ארעמע זקנים מיט א פלאץ, מיט א שטיקעל היים וואו דעם קאפ אוועקצולעגען און ניט דארפען ארומוואלגערען זיך היינט דא און מאר־גען דארט.

פארשטעהט זיך, אז עס טהוט זיך ניט אזוי לייכט ווי עס רעדט זיך. עס נעהמט אלע מאהל א שטיקעל צייט. און אזוי איז אנפאנג 1907 געגרינדעט געווארען א מושב זקנים סאסייעטי פון געצעהלטע מענשען. אויפ'ן טשארטער פון דער מושב זקנים סאסייעטי, וואס איז אינקארפארירט געווארען אין מאי 1907 געפינען מיר די נעמען פון ניין ארטאדאקסישע באליבאטים מיט'ן פאר־שטארבענעם רבי יהודה לעווין — וועלכער האט אין זיין צייט אויסגעאיבט א גאנץ אייגענארטיגען איינפלוס אויף דאס אידישע דעטראיט — אן דער שפיץ.

מאנכע פון די גרינדער, זאל דא געזאגט ווערען, האבען שפעטער אליין פארבראכט זייערע עלטערע יאהרען אין אנשטאלט, פאר וועלכען זיי האבען געארבייט די גאנצע צייט פון זייער לעבען. אבער בלויז איינער פון זיי האט דערלעבט צו זעהן דעם שעהנעם פראכטפאלען בנין אין וועלכען די אינסטיטו־ציע געפינט זיך די לעצטע דריי יאהר. דאס איז מר. דזשייקאב לעווין, פרעזי־דענט פון מושב זקנים פון דעם ערשטען טאג פון דער געגרינדעטער סאסייעטי ביז היינטיגען טאג.

א שטיקעל צייט איז אוועק, עס האבען אנגעהויבען אריינקומען מעמבערס אין דער סאסייעטי, און מען האט זיך א נעהם געטאן דעם פלאן פון א מושב זקנים צו פארווירקליכען אין לעבען: מען האט גענומען זוכען א הויז וואס איז ענדליך געפונען געווארען. די הויז, א פאסענדע אין יענער צייט, פאר'ן אנ־שטאלט, איז געקויפט געווארען פאר צעהן טויזענד דאלאר.

דאס איז געווען די הויז אויפ'ן קארנער בראש און ווינדער סטריט, וואס איז שפעטער איבערגענומען געווארען פון דער הכנסת אורחים סאסייעטי און וואו דער אמאליגער, אזוי גערופענער, צווילינג אנשטאלט צום מושב זקנים — דער הכנסת אורחים — האט זיך געפונען ביז 1931.

אזוי לאנג ווי די מושב זקנים סאסייעטי האט עקזיסטירט בלויז אויפן פא־

פיר איז, פארשטעהט זיך קיין געלד ניט געווען. פון די „דיוס“ וואָס מען האָט געצאָהלט אין געצעהלטע סענטען, האָט מען קיין קאפּיטאל ניט געקענט אנ־קלויבען. ביז מען האָט געפונען די הויז, האָט די קאסע פארמאָגט ווענינער ווי הונדערט דאלאר. אָבער ווען די הויז איז געפונען געוואָרען, האָט מען גערופען דעם ערשטען אלגעמיינעם מיטינג פון די מעמבערס און אין משך פון צעהן טעג איז געוואָרען פופצעהן הונדערט דאלאר. ס'האָט לאנג ניט געדויערט און נאָך געלד איז אריינגעקומען. די באפעלקערונג האָט זיך ווארעם אָבגערופען און דער מושב זקנים איז געוואָרען א פאקט.

אנפאנג 1910 איז די אינסטיטוציע געעפענט געוואָרען און אין א קורץ שטיקעל צייט איז זי פארפולט געוואָרען מיט זקנים און זקנות, ארום דרייסיג אין צאָהל, וועלכע האָבען ענדליך געקראָגען א מקום מנוחה אויף די עלטערע יאָהרען.

אז דער מושב זקנים האָט אנגעהויבען פונקציאָנירען, האָט מען זיך ארומ־געזעהן אז די היים אויף בראָש סטריט איז ווייט ניט גרוים גענוג. עס זיינען באלד געוואָרען מעהר אפּליקיישאָנס ווי בעטען. אָבער קיין מעגליכקייטען צו פארגרעסערען דעם אנשטאלט זיינען ניט געווען. האָט מען אנגעווענדעט פאר־שיידענע מיטלען. פון איין זייט האָט מען געפיהרט קאמפּיינס פאר יעהרליכע מיטגלידער און סובסקרייבערס און פון דער צווייטער זייט האָט מען אויסגע־נוצט די פּראקטיק פון געוויסע פיהרער פון אנשטאלט, אין דעם ריעל עסטייט „בום“, וואָס איז דאמאָלסט געווען אין פולען גאנג.

און מיט אָט דער „פּראקטיק“ האָט מען שפּעטער געקויפט צוויי הייזער, איינע נעבען דער צווייטער אין 296 און אין 318 עדמאָנד פּליים, וואוהין די אינסטיטוציע האָט זיך מיט זעקס יאָהר שפּעטער, אין 1916, איבערגעטראָגען.

די הויז אין 318 עדמאָנד פּליים איז פריער געווען א פּריוואטער האָספּיטאל און זי האָט זיך דערפאר שטארק צוגעפּאסט פאר'ן אנשטאלט.

פונדעסטוועגען האָט מען אויסער די 42 טויזענד דאלאר, וואָס מען האָט באצאָהלט פאר די הייזער נאָך געמוזט אויסגעבען עקסטרע זעקס טויזענד דא־לאר, די הייזער צו רעמאנטירען און אלץ איינאָרדנען אויף א מעהר אָדער ווע־ניגער, מאָדערנעם אופן.

דאָ, אין דעם נייעם אנשטאלט איז שוין געווען פּלאץ פאר 53 זקנים. איז איבעריג צו זאָגען, אז יעדער פּלאץ, יעדע בעט איז באלד פארפולט געוואָרען.

ארום 21 יאָהר צייט האָט זיך דער מושב זקנים געפונען אויף עדמאָנד פּליים. די געאָגראפישע לאגע פון דעטראָיט האָט זיך ראדיקאל געענדערט מעהר

ווי איין מאָהל. די פיהרער פון מושב זקנים האָבען מעהרערע פארזוכען געמאכט, די אינסטיטוציע ארויסצומופען פון דאָרט; פּלענער זיינען שוין געווען אָט, אָט פאַרטיג, צו בויען א נייעם בנין; מיט דער „פּראַקטיק" פון די פיהרער, האָט מען שוין אפילו געהאט דערגרייכט אזעלכע רעזולטאַטען וואָס האָבען בעדאַרפט פארזיכערען אויף אייביג די אונאבהענגיגע עקזיסטענץ פון מושב זקנים ווי א גרויסע רחבות'דיגע אינסטיטוציע פאר וויינגסטענס הונדערט זקנים.

אָבער קיינע פון די פּלענער, פון די פּראַקטישע פּראָיעקטען, זיינען ניט פאַר־ווירקליכט געוואָרען צוליב מעהר ווי איין אורזאַך, הויפּטזעכליך צוליב'ן שנעלען אומבייט אין דער געאָגראַפישער לאַגע פון דעטראָיט און צוליב דעם עקאָנאָמי־שען צושטאַנד פון די סוף־צוואַנציגער יאָהרען, מיט'ן נאָכפאָלגענדען קריזיס.

אין אנפאנג פון די צוואנציגער יאָהרען ווען די אינסטיטוציע האָט גע־בליהט, מיט אכצעהן הונדערט מיטגלידער און סובסקרייבערס און מיט אנדערע קוואַלען פון הכנסה, אזוי אז געלד איז געווען גענוג, האָבען די פיהרער פון אנ־שטאַלט געקויפט א גרויסע שטיק לאַנד אויף לינוואוד און דייוויסאָן עוועניו. דער פרייז איז געווען אזא אז אויסער בויען דאָרט א נייעם בנין איז מען שוין געווען זיכער מיט א באדייטענדען פּראָפיט.

שפּעטער אביסעל, ווען יענער שטאָדט־טהייל האָט גענומען שטארק וואַק־סען, האָט מען זיך ארומגעזעהן אז דער געגענד וועט גאָר ניט זיין פּאַסענד פאַר'ן מושב זקנים; אז מען קען די שטיק לאַנד פארקויפען מיט א ריזיגען פּראָפיט און בויען א היים פאַר'ן מושב זקנים אין א פיל בעסערען געגענד.

אוועק איז נאָך א שטיקעל צייט און מען האָט ענדליך געפונען די פּאַסענ־דע שטיק לאַנד אויף וואודווארד און דרייצעהן מייל ראָוד וואָס איז טאקע באַלד געקויפט געוואָרען. אן ארכיטעקטען פירמע האָט שוין אפילו געהאט געמאכט די נויטיגע בוי־פּלענער פאר א בנין מיט פּלאַץ פאר 125 זקנים, מיט אלע מאָ־דערנע איינריכטונגען אויפן שעהנסטען און בעסטען אופן. געלד האָט מען דערוויילט אויסגעבאָרגט אין א באַנק אויפ'ן רעכענונג פון דער שטיק לאַנד אויף לינוואוד און דייוויסאָן עוועניו וואָס מען וועט פארקויפען מיט א סך ריוח.

דערוויילט, וואָס ווען, איז געוואָרען א שטילשטאַנד אין ריעל־עסטייט מאַר־קעט, מען האָט די שטיק לאַנד ניט געקענט פארקויפען. גלייכצייטיג האָט מען זיך באַרעכענט אז אַ אידישע אינסטיטוציע אזוי ווייט ארויס פון שטאָדט, אזש אויף דרייצעהן מייל ראָוד, איז גאָר ניט פּראַקטיש. הקיצור, די לאַגע איז היבש פארפּלאָנטערט געוואָרען און אין דער פּלאָנטערניש האָט זיך אונטערגערוקט דער קריזיס וואָס האָט אלע פּלענער און פּראַקטישע אויסרעכענונגען צונישט געמאכט.

דער קריזיס האָט אויך, פאַרשטעהט זיך, געווירקט אויפ׳ן אלגעמיינעם פי־נאַנציעלען צושטאַנד פון דער אידישער באפעלקערונג, וואָס האָט גלייכצייטיג זיך געמוזט אָברופען אויף דער באַליבאַטישקייט אין דער אינסטיטוציע.

אין 1931 האָט דער מושב זקנים זיך אנגעשלאָסען, ווי אן אינסטיטוציע, אָן, און פון, דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע וועלכע האָט גלייך איבערגע־נומען דאָס סובסידירען דעם אנשטאַלט דורך די יעהרליכע פאַראייניגטע אי־דישע קאַמפּיינס. אָבער פון דער מעגליכקייט צו בויען א נייעם בנין, וואָס האָט בעדאַרפט קאָסטען ניט צעהנדליגער, נאָר הונדערטער טויזענדער דאָלאַר, האָט קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל מיט דער פאַרשאַרפטקייט פון קריזיס, האָט מען אנשטאָט אויסשפּרייטונג און פאַרגרעסערונג פון דער אידישער וואויל־טעטיגקייט געמוזט געפינען מיטלען ווי אזוי, ווי עס איז, דורכצוקומען מיט די בודזשעטען פאַר די שוין עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען, וואָס איז אויך ניט לייכט אנגעקומען.

דאָס איז אגב דאן געווען ניט בלויז א אידישע ערשיינונג נאָר אן אלגע־מיינע, אין אלע שטאָדטישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען און אין „קאַמיו־ניטי פאָנד“, די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון דער גאַנצער שטאָדטישער פי־לאַנטראָפּיע.

די לאַגע פון מושב זקנים איז געווען מעהר ווי טראַגיש. דער געגענד שלעכט, די הויז אלט און פאַרנאַכלעסיגט, איז זי מיט יעדען ווייטערדיגען יאָהר, מיט יעדען חודש געוואָרען פּשוט א פייער פאַסטקע. עפּעס האָט געמוזט פּאַ־סירען און — ס׳האָט פּאַסירט.

---

אין 1934 האָט זיך אנגעהויבען א ספּאָנטאַנע באַוועגונג צווישען דער אי־דישער באַפעלקערונג פאַר א נייעם מושב זקנים. גראָדע האָבען געוויסע עלע־מענטען דאַמאָלסט פּרובירט אויפלעבען די אידישע האָספּיטאַל באַוועגונג און דאָס האָט געפיהרט אין דער ריכטונג פון מושב זקנים דורך דעם וואָס די לאָ־קאַלע אידישע און ענגליש־אידישע צייטונגען האָבען געעפענט די קאָלומס פאַר בריעף מיט מיינונגען פון די לעזער וועגען דער פראַגע: אידישער האָספּיטאַל, אָדער מושב זקנים, וואָס איז בילכער און וויכטיגער?

אין די שפּעטע חדשים פון יענעם יאָהר האָט דער „פאָרווערטס“ געדרוקט מאַסען בריעף אין וועלכע די שרייבער האָבען אין זייער מאַיאָריטעט געפאָדערט און גערופען די אידישע פיהרער גלייך צוצוטרעטען צו בוין א נייעם בנין פאַר׳ן מושב זקנים, אלס די סאַמע ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע פון אידישען כלל.

אַט די דאָזיגע ספּאָנטאַנע באַוועגונג האָט געפירט צו אַ גרויסער פאָלקס־קאָנפערענץ וואָס די וועלפעיר פעדעראציע האָט פאַררופן פון אַלע אָרגאַניזיר־טע גרופּן אין אידישן פאָלקס לעבן פון דעטראָיט.

די קאָנפערענץ וואָס איז אָבגעהאַלטן געוואָרן דעם 27טען יאַנואַר 1935 האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו בויען אַ נייעם מושב זקנים און האָט זיך פאַר־פליכטעט צו קאָאָפּערירן אין אַ פולער מאָס מיט דער וועלפעיר פעדעראציע אין די קומענדע קאַמפּיינס כדי צו שאַפן די נויטיגע געלד־מיטלען.

ביי יענער קאָנפערענץ איז עס געשאַפן געוואָרן די היסטאָרישע קאָמיטע פון 21 פאַרטרעטער פון אַלע גרופּירונגען אין אידיש־געזעלשאַפטליכן לעבן פון שטאָדט, וועלכע האָט שפּעטער געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר׳ן אידישען קאָ־מיוניטי קאָונסיל. *)

אין משך פון די נעקסטע דריי וואָכן זיינען אָבגעהאַלטן געוואָרן זי־צונגען פון דער קאָמיטע מיט דער פיהרערשאַפט פון דער וועלפעיר פעדעראציע ביי וועלכע מען האָט זיך געאייניגט אויף אַ פּראַקטישען פּלאַן איינצושליסען הונדערט טויזענד דאָלאַר אין דער „קוואָטאַ" פון קומענדען פאַראייניגטען אי־דישען קאַמפּיין פאַר׳ן ספּעציפישען צוועק צו בויען אַ נייעם בנין פאַר׳ן מושב זקנים.

דער דאָזיגער פּלאַן איז גוטגעהייסען געוואָרן ביי אַ צווייטער פאָלקס־קאָנפערענץ דעם 17טען פעברואַר, 1935. און פון דאַן אָן איז די פּראַקטישע אַרבייט פאַר׳ן נייעם מושב זקנים אַוועק אין פולען גאַנג.

ווי שלעכט די צייט איז דאַן ניט געווען, האָט דאָס אידישע דעטראָיט זיך ווי געהעריג אָבגערופן. און מיט דעם ערשטען פאָנד אַלס פאַרזיכערונג, האָט מען גענומען זוכען אַ שטיק לאַנד וואָס איז געפונען געוואָרען אין שכינות צו דער אידישער קינדער היים, אויף פּעטאָסקי, צווישען בוירלינגיים און לאָורענס עוועניו.

אַנפאַנג 1936 איז די אינסטיטוציע רעאָרגאַניזירט און אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אונטערן נאָמען „דזשואיש האָום פאָר עידזשעד" און אין אַפּריל פון זעלבען יאָהר איז מען צוגעטראָטען צו דער פּראַקטישער בוי־אַרבייט אויף דער שטיק לאַנד פון פיר און אַ האַלב אַקער, פון איינעם פון די שעהנסטע און מאָ־דערנסטע בנינים וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען.

אין פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין פון זעלבען יאָהר איז איינגעשלאָסען

*) מעהר וועגען דער באַטרעפענדער קאָמיטע און איהר שייכות צום קאָמיוניטי קאָונסיל, וועט דער לעזער געפינען אין קאַפּיטעל „דער אידישער קאָמיוניטי קאָונסיל".

געוואָרען נאָך אַ סומע פאַר׳ן מושב זקנים אזוי אז ביידע קאמפּיינס האָבען רעאַליזירט 154 טויזענד דאלאר. נאָך געלד איז אריינגעקומען פון אנדערע קוואַ־לען, פון דירעקטע גרעסערע ביישטייערונגען פארן מושב זקנים און אויך פון יענעם אייגענטום וואָס די אינסטיטוציע האָט פון פריער געהאַט.

און סך הכל האָט די געביידע מיט די איינריכטונגען אָבגעקאָסט אַ פער־טעל מיליאָן דאלאר, כאָטש אָבגעשאַצט איז דער בנין ווערטה צו זיין פיל מעהר, אויף וואָס מען איז ניט שולדיג קיין איין סענט.

דער נייער מושב זקנים בנין וואָס טראָגט דעם נומער 11501 פעטאָסקי עוועניו, איז געעפענט געוואָרען אין מאַי 1937. דעם 15טען יוני האָט מען אהין אריבערגעפיהרט די 48 אַלטיטשקע פון פריערדיגען אנשטאַלט און איידער דער זומער איז פאַראיבער איז די אינסטיטוציע שוין געווען איבערגעפילט.

געבויט מיט אַ קאַפּאַציטעט פאַר 107, געפינען זיך דאָרט דורכשניטליך זייט דער ערעפענונג, 125 זקנים צו יעדער צייט, אמאָל איינער אָדער צוויי מעהר. דאָס פאַרקלענערט אָבער אַלץ ניט דעם זאַפּאַס, דעם וואַרט־צעטעל פון ארום פופציג אפּליקאַציעס פון זקנים און זקנות אריינגענומען צו ווערען אין אנשטאַלט, וואָס וואַרטען שטענדיג אויף זייער „נעקסט“, אויף אַ פּלאַץ אין אָט דער היים, די בעסטע היים פאַר׳ן זקן וואָס קען זיך אין קיין אנדער סביבה ניט אריינפּאַסען.

אין עלטער פון 65 ביז 95, און אביסעל עלטערע אויך, געפינען זיך אין דער אינסטיטוציע, זייט איהר גרינדונג ביז היינט צו טאָג, פארשיידענע סאָרטען אַלטע לייט, לויט דער פּראָפּאָרציע פון אנדערהאַלבען מאָהל אַזוי פיעל פרויען ווי מענער.

פאַרהאַן דאָרט אזעלכע זקנים — און זיי זיינען אין דער מעהרהייט — וואָס, ווען ניט די אינסטיטוציע וואָלט זיי אויסגעקומען פארוואָגעלט צו ווערען ערגעץ צווישען קריסטען אין אַ גאָר ניט־גינסטיגער אטמאָספּערע. דאָס זיינען אָרעמע, עלענדע מענשען וואָס זיינען אויף דער עלטער געבליבען עלענד ווי אַ שטיין און האָבען ניט קיין קרוב און קיין גואל; און פאַרהאַן ווידער אזעלכע פאַרמעגליכע זקנים, וואָס האָבען קינדער און אייניקלאָך, אָבער זיי קענען זיך שוין ניט צופּאַסען צום לעבען פון די קינדער און זיי ווילען בעסער פארברענגען די לעצטע יאָהר מיט זייערס־גלייכען.

פאַר זיי צאָהלט מען, פאַרשטעהט זיך, אַ באַשטימטען פּרייז פאַר קעסט און דירה, אָבער ווייט ניט גענוג וואָס ס׳קאָסט זיי אויסצוהאַלטען.

צווישען די 74 פרויען און 52 מענער וואָס האָבען זיך געפונען אין אנ־שטאַלט היינטיגס יאָהר, האָט מען בלויז געצאָהלט פאַר 19. נאָך 20 האָבען

געקראָגען עלטער פּענסיעס פון שטאַאט, פאר זייער אויפהאַלטונג אין מושב זקנים. אָבער דער דורכשניט פון דעם סאָרט זקנים איז געוועהנליך ניט מעהר ווי צווישען 25 און 30 פּראָצענט העכסטענס, פון דער אַלגעמיינער צאָהל אין אנשטאַלט צו יעדער צייט.

די פּראָפּאָרציע וואָלט זיכער געווען מעהר, ווייל ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, פעהלען ניט קיין אידישע פאמיליעס וואו די אלטע טאטע־מאמע קענען זיך שוין ניט צוגעוואוינען צו די פיהרונגען און סאַי זיי, סאַי די קינדער ליידען פון די אנגעשטריינגטע באציהונגען. אָבער אין מושב זקנים גיט מען פאָרצוג צו די וואָס האָבען גאָר ניט קיין אייגענע. זיי קומען די ערשטע און נאָר אין אויסנאַמספאַלען נעהמט מען אויך אריין די וואָס האָבען ווער ס׳זאָל פאר זיי זאָרגען.

אין פראכטפולען בנין מיט 97 צימערען, זיינען פאַרהאַן 64 שלאָף־צימערען פאר פּאָרלאַך און אויך פאר יחידים. צעהן פון אָט די שלאָף צימערען דינען אלס האָספּיטאַל פאר צוואַנציג פּאַציענטען, אויסגעשטאַטעט מיט אַלע מעדיצינישע איינריכטונגען ווי א מאָדערנער הייל אנשטאַלט, סאַי פאר כראָניש קראַנקע און סאַי פאר די וואָס נויטיגען זיך בלויז אין מעדיצינישער אויפזיכט.

א שטאַב פון 41 אידישע מעדיצינער, איינגעשלאָסען ספּעציאַליסטען אויף אַלע געביטען פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, גיט זיינע לייסטונגען אינ־גאַנצען פריי. ס׳איז אזוי איינגעאָרדענט אז יעדען טאָג קומט אן אנדער דאָקטאָר אונטערזוכען די קראַנקע און צוויי „סיניאָר" סטודענטען פון מעדיצינישען פאַ־קולטעט, ביים שטאָדטישען אוניווערזיטעט, וואוינען דאָרט אום שטענדיג, צו יעדער צייט, צו קענען אטענדען צו די חולאים.

אויך איז אין דער אינסטיטוציע פאַרהאַן אן אַפּטייק, אנגעפיהרט און טיילווייז סובסידירט פון דער אידישער (אָסקעלאַפּיען) דראָגיסטען סאָסייעטי. יעדען טאָג קומט א דראָגיסט אין אנשטאַלט און מאכט די רעצעפּטען.

אויף אזוי פיל ווערט געזאָרגט פאר׳ן געזונד פון די זקנים.

אויף די אנדערע, נאָרמאַלע געביטען פון באזאָרגונג פאר די אלטיטשקע, ווי „דיעטע", געזעלשאַפטליכער פאַרוויילונג, רעליגיעזע באדערפנישען און אזוי ווייטער און ווייטער זיינען איינגעאָרדענט: א שעהנע דיינינג־רום פאר צוויי הונדערט פּערזאָן מיט צוויי באזונדערע קיכען, א מילכיגע און פליישיגע; א סאַ־שעל האָל פאר קאָנצערטען, וואָס ווערען אָפט דורכגעפיהרט, מיט אַלע אפּאַראַ־טען פאר קלאַנג־פילמס וואָס ווערען יעדע וואָך געוויזען; א ביבליאָטעק מיט ספרים און ביכער; א „רוף גאַרדען", פאר אָברוה און פאַרוויילונגען אויף דער פרישער לופט ווען דאָס וועטער איז נאָר גונסטיג און א שוהל מיט 253 זיץ־

פלעצער, איינגעאָרדענט אויפן סאמע מאָדערנעסטען אופן, וואו עס ווערען גע־פראַוועט שבתים און יום־טובים. פאַרהאַן אויך א בית המדרש, וואָס איז א באַזונדערער צוציהונגס פלאַץ פאַר יענע אָרטאָדאָקסישע זקנים, וועלכע האָבען ליב, אויפ'ן אמאָליגען היימישען שטייגער, אביסעל צו פּלוידערען, אין דער בית המדרש אַטמאָספּערע.

א גרויסען טהייל פון די אויפגאַבען פאַר'ן געזעלשאַפטליכען וואוילזיין פון די זקנים טראָגט אויף זיך די ליידים אקזילערי, וואָס צעהלט א מיטגלידערשאַפט פון פופצעהן הונדערט. די ליידים אקזילערי זאָל דאָ פאַרצייכענט ווערען, האָט אין די שווערע קריזיס יאָהרען זעהר פיעל ענערגיע אנגעווענדעט. זי איז געווען א גרויסע טרייב־קראַפט אין יענער ספּאָנטאַנער באַוועגונג צו בויען דעם נייעם בנין; א חוץ באַדייטענדע בייטראַגען אין מזומן צום בוי־פאָנד, האָט זי געדעקט די אויסגאַבען פאַר א סך איינריכטונגען, סאַי אינווייניג פאַר דער שטוב באַלעבאַטישקייט און סאַי אינדרויסען פאַר דער פאַרשעהנערונג פון דער לאַנדשאַפט ארום דער אינסטיטוציע.

אָבער איהר שטענדיגע ארבייט איז ארויסצונעהמען די זקנים אויף שפּאַצירען, אראַנזשירען פאַר זיי „פּאַרטיס“, פּראַווען זייערע שמחות, זיי נעהמען אין אידישען טעאַטער, און — ווי געזאָגט — זאָרגען פאַר'ן געזעלשאַפטליך פאַרוויילערישען וואוילזיין פון די „געסט“ אין דער אינסטיטוציע.

מיט א בודזשעט וואָס באַטרעפט דורכשניטליך 55 טויזענד דאָלאַר א יאָהר, ווערט דער גרעסטער טהייל, א סומע פון דרייסיג טויזענד דאָלאַר, „געדעקט“ פון די יעהרליכע פאַראייניגטע אידישע קאַמפּיינס. די איבעריגע אויסגאַבען ווערען געדעקט פון פאַרשיידענע אנדערע הכנסה קוואַלען: פון ארום זעקס הונדערט מיטגלידער וואָס געפינען זיך נאָך אַלץ אויף די ביכער, פון וועלכע א גרויסע צאָהל שיקען אריין זייערע יעהרליכע ביישטייערונגען פון דריי ביז 25 דאָלאַר; פון די צאָהלונגען פאַר די זקנים; פון ירושות, נדרים, מעמאָריאַלס און יאָהרצייטען.

ניט נאָר זיינען פאַראייביגט די נעמען פון פאַרשטאָרבענע און לעבעדיגע אידישע פאַמיליעס, אויף דעם אָדער יענעם צימער — אויף דער שוהל, אויפ'ן סאָשעל האָל, אויפ'ן האָספּיטאַל, — וואָס האָבען פאַר דעם צוועק זיך באַשטייערט מיט גרויסע סומען, נאָר פאַרהאַן אויך אזעלכע פאַמיליעס וואָס טראָגען אריין יעהרליך באַשטימטע גרעסערע סומען אין אנדענקען פון ליבע און טהייערע — פאָטער, מוטער, שוועסטער, ברודער, קינדער און אייניקלאַך. פון אָט די אַלע קוואַלען קומט אריין גענוג צו דעקען די אויסגאַבען וואָס מאַכען אויס דורכשניטליך ארום 35 דאָלאַר א מאָנאַט פּער־קאָפּ פון יעדען אַלטיטשקען. דאָס

איז, ווי מען קען זיך פֿאַרשטעלן, א סומע וואָס דאַרף זיין מעהר ווי גענוג אז די זקנים אין אנשטאַלט זאָלען זיך פיהלען ווי אין אן אמת'ער, רחבות'דיגער אייגענער היים. און מען מוז צוגעבען אז ניט נאָר די וואָס געפינען זיך דאָרט שטענדיג, נאָר די וואָס קומען אריין בלויז פאר א קורצע ווייִלע, דערפיהלען דאָס גלייך. דערפאר טאקע איז דער טערמין „פראכטפולע היים" פאר'ן מושב זקנים ניט אויף א האָר איבערטריבען.

דער סטעף פון דער אינסטיטוציע, באשטעהט פון 28 אנגעשטעלטע, ער־פאהרענע אויף די פארשיידענע נויטיגע געביטען — נויירסעס, „אָרדערליס", שטוב־מיידלאך, קעכינס, א אינזשעניר פאר דער הויז, א פייערמאן, וועשערינס, א פעינטער — מיט דר. אָטאָ א. הירש, אלס הויפט פארוואלטער און מאדאם הירש אלס אויפזעהערין.

צו די הויפט מעלות פון מושב זקנים דאַרף אפשר צוגעשריבען ווערען דער פאקט, וואָס כאָטש געגרינדעט, און אנגעפיהרט די אלע יאָהרען ווי אן אָרטאָ־דאָקסישע אינסטיטוציע, פיהלט אָבער דער זקן דאָרט פריי, זיך צו פיהרען אין גייסט פון זיינע אייגענע איבערצייגונגען, אויב ער טהוט עס נאָר אויף א טאלע־ראנטען אופן.

אין מושב זקנים געפינען זיך שטענדיג פארשיידענע סאָרטען איינוואוינער, אָרטאָדאָקסען ווי פרייגעזאָנענע, טיפּיש אידישע אידען — מיט'ן חותם פון דער אלטער היים אין מזרח אייראָפּע — אזוי ווי שטארק אסימילירטע און הי־געבוי־רענע אידען וואָס האָבען זייערע מעהרסטע יאָהרען געלעבט אנדערש און זיך גע־פיהרט אנדערש.

דאָס הארמאָניזירען און לייכטער מאכען די לעצטע יאָהרען פון אָט דעם פארשיידענארטיגען געזעמעל מענשען, דאָס איז א גאנץ דעליקאטע ארבייט וואָס ווערט, גליקליכערווייזע, דורכגעפיהרט צו דער צופרידענהייט פון אלע דירעקטע און אונדירעקטע פאראינטערעסירטע אין דער אינסטיטוציע.

און דאָס איז דער גרעסטער שבח וואָס דאַרף געגעבען ווערען צו די אלע וואָס זיינען פארבונדען אויף איין אופן אָדער א צווייטען מיט'ן מושב זקנים, זיין פיהרערשאפט און פארוואלטערשאפט פון דעם „אמאָל" מיט דריי צעהנ־דליג יאָהר צוריק ביז היינט צו טאָג, ווען די אינסטיטוציע איז אן אינטעגראלער טהייל פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע.

# דער הכנסת אורחים —

## אַ צייטווייליגע היים פאַר געשטראַנדעטע אידען

**נעגרינדעט מיט 38 יאהר צוריק דורך א צופאל פון אומשטענדען. — די געשיכטע פון דער אינסטיטוציע, איהרע גוטע און שלעכטע פעריאָדען. — דער איבערגאַנג פון הכנסת אורחים אונטער דער אויפזיכט פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.**

יעדע אינסטיטוציע האָט זיך איהר מזל.

פאַרהאַן אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס זיינען זעהר מזל׳דיג. מען פאַראינטערעסירט זיך מיט זיי; זיי זיינען פּאָפּולער אין שטאָדט; צו די עפענטליכע מיטינגען קומען אַ סך מענשען; צו אַ זיצונג פון דער דירעקטאָרען־באָארד, קומען אַלע דירעקטאָרען, אָדער פאַרוואַלטער; עס גרינדען זיך אפילו געהילפס־גרופּען („אקזילערים״) זיי צו העלפען. און מאַנכע מאָהל איז די טעטיגקייט ניט גרויס גענוג פאַר דער גרויסער צאָהל טהוער, וואָס זיינען גרייט אָבצוגעבען אביסעל צייט פאַר **דער אינסטיטוציע.**

פאַרהאַן ווידער אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס האָבען שוין גאָר קיין מזל ניט. ניט נאָר איז דער אַלגעמיינער עולם אין זיי ניט פאַראינטערעסירט, נאָר אפילו די דירעקטאָרען באָארד איז שוועהר צוזאמענצוקריגען צו אַ זיצונג. אַזעלכע אינסטיטוציעס זיינען ס׳רוב אנגעוויזען אויף דער אָפּפערווילינקייט און אנשטרייינגונגען פון עטליכע מענשען — אמאָהל בלויז אויף איינעם אָדער צוויי — פאַר זייער עקזיסטענץ. און ווען ניט אָט די עקשנים וואָלטען זיי שוין לאַנג צוריק אונטערגעגאַנגען.

צו דעם צווייטען סאָרט אינסטיטוציעס האָט מען פאַר קנאַפּע דריי צעהנדליג יאָהר בעדאַרפט צורעכענען דעם דעטראָיטער הכנסת אורחים, וואָס איז דורכגעגאַנגען גוטע און שלעכטע צייטען אין משך פון די 38 יאָהר וואָס דער אנשטאַלט עקזיסטירט ביז דער הכנסת אורחים איז ענדליך אריבער אין רשות פון דער וועלפעיר פעדעראַציע, וועלכע זאָרגט פאַר זיין קיום.

אין מאַי 1926, ווען דער ערשטער מיטינג איז גערופען געוואָרען צו גרינדען אַ פעדעראַציע פון אַלע, דעמאָלסט עקזיסטירענדע, אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען, איז דער הכנסת אורחים דאַן אויך איינגעלאַדען געוואָרען. אָבער די טהוער, די דירעקטאָרען באָארד, באַשטעהענד מעהרסטענס פון אָרטאָדאָקסישע אידען, האָבען דערפון ניט געוואָלט הערען. ס׳איז געווען אין דער „גוטער צייט״, אין דער צייט פון „שפע״, ווען די פיהרער האָט זיך געדוכט אַז

דער הכנסת אורחים איז שוין פעסט פאַרזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ און מיט שטענדיגע פינאַנציעלע שטיצע. האָט מען דעם רוף איגנאָרירט.

בלויז פינף יאָהר זיינען פון יענער צייט אַוועק, און אין 1931, ווען די פיהרער פון אנשטאַלט וואָלטען געגליבען אזוי איינגעשפּאַרט ווי פריער, וואָלט דער הכנסת אורחים דאַן אונטערגעגאַנגען.

און דאָס איז אַלץ געווען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס פאַר קנאַפּע דריי צעהנדליג יאָהר, איז די אינסטיטוציע אָבהענגיג געווען פאַר איהר קיום פון עטליכע געצעהלטע מענשען, הויפּטזעכליך פונ'ם פאַרשטאָרבענעם נ י י ט ע ן ב י ע ל פ ע ל ד, פאַר 27 יאָהר צייט דער פּרעזידענט פון אנשטאַלט, וועמענס נאָמען איז שטאַרק פאַרבונדען מיט דער עקזיסטענץ פון הכנסת אורחים.

אָט דער מענש, האָט עס פאַר 27 יאָהר צייט, געמאַכט פאַר זיין לעבענס־אויפגאַבע צו זאָרגען פאַר'ן אנשטאַלט, די היים פון געשטראַנדעטע אידען, וועלכע לאָזען זיך ארויס איבערן לאַנד — ווער צו זוכען פּרנסה, ווער געטריבען דורך אומשטענדען — און בלייבען שטעקען אין דער פרעמד און קענען זיך קיין עצה ניט געבען.

אַן עלענדער איד וואָס פאַלט אריין קיין דעטראָיט, אָהן פריינד, אָהן געלד, מוז האָבען אַ פּלאַץ וואו איבערצונעכטיגען, וואו אָפּצועסען אַ מאָהלצייט און וויסען אַז ער האָט אַ צייטווייליגע היים אויף עטליכע טעג ביז ער געפינט אַרבייט, אָדער ער קריגט עפּעס געלד וויטער צו פאָהרען.

דאָס איז געווען דער צוועק פון הכנסת אורחים. דאָס האָט דעם אנשטאַלט געבראַכט צום לעבען שוין מיט קנאַפּע פיר צעהנדליג יאָהר צוריק. און דאָס באַווייזט אגב די וויכטיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע שוין ביים אנפאַנג, ביי דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַ אידיש געזעלשאַפטליך לעבען אין דעטראָיט.

די געשיכטע פון הכנסת אורחים — שוועהר גענוי איבערצוגעבען די געשיכטע ווי אזוי די אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרען. קיין שום רעקאָרדס פון יענער צייט זיינען ניטאָ. אין די אַלטע פּראָטאָקאָל־ביכער געפינט מען בלויז פּיצלאַך און ברעקלאַך פון אַ סך יאָהרען שפּעטער.

צו דערגעהן וואָס ס'האָט פּאַסירט אין די ערשטע צעהן־פופצעהן יאָהר פון דער אינסטיטוציע'ס עקזיסטענץ, האָט מען זיך געמוזט אינגאַנצען פאַרלאָזען אויפ'ן זכרון פון דעם אָדער יענעם אמאָליגען פיהרער, וועלכע זיינען שוין איצט עליו השלום.

מיט צעהן יאָהר צוריק איז עס געווען, ווען ביים זאַמלען דעם מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון הכנסת אורחים — פאַר אַ סעריע ארטיקלען איבער די

דעטראָיטער „אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען“ — איז דעם שרייבער אויסגעקומען צו פאַרברענגען לאַנגע שטונדען אין אונטערערדונגען, אין געשפּרעכען, מיט'ן פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט און מיט די אנדערע פיהרער פון דער אינסטיטוציע פון וועמען איך האָב ארויסגעקראָגען די ווייטער אנגעגעבענע פאַקטען.

* * *

די געשיכטע פאַנגט זיך אָן אין 1902, אין אַ קליין פּרימיטיוו הייזקעלע אויף ראָסעל און עדעלעיד סטריט וואָס האָט שוין פון עטליכע יאָהר פריער געדינט בייטאָג אלס מנין און ביינאכט אלס אכסניה, אלס שלאָף־צימער פאַר אָרעמע און עלענדע אידען וואָס פלעגען אויף זייערע וואַנדערונגען „איבער דער מדינה“ אריינפאַלען און בלייבען שטעקען אין דעטראָיט.

געוועזען דעמאָלסט אין דעטראָיט אַ „מיסטער קאָהען“, אָדער „קאָהען דער מגיד“ ווי מען פלעגט איהם רופען. און ער האָט עס אנגעפיהרט מיט'ן מנין אָדער שוהל'כעל . . .

איז אַן עלענדער איד געקומען אין שטאָדט אריין, פלעגט ער גלייך פאַרבלאָנדזשען אין יענעם שוהל'כעל וואו ער האָט געקענט „אריינכאַפּען“ אַ מנחה, הערען דעם מגיד'ס אַ דרשה און טאקע קריגען אָפּצועסען און אויך אַ נאכטלעגער אין זעלבען פּלאַץ.

דער פאַרשטאָרבענער מ ר. ק אָ ה ע ן פלעגט אויפמאָהנען פון זיינע מעמבערס אַ ניקעל אַ וואָך (אָדער אַ חודש) „דיוס“, און מיט די געלדער פלעגט מען עס שפּייזען די געשטראַנדעטע אידען.

אָט אין יענער הייזקעלע איז עס געבוירען געוואָרען די הכנסת אורחים סאָסייעטי און דער אנשטאַלט אונטער'ן זעלבען נאָמען, וואָס איז מיט אַ יאָהר שפּעטער איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַ צווייטע הויז, געשענקט פאַר דעם צוועק פון אַ אידישער פילאַנטראָפּקע.

די צאָהל עלענדע אידען איז דאַן כסדר געוואָרען גרעסער און ס'איז ניט געווען וואו זיי אהינצוטהאָן. האָבען די פיהרער פון דער דעמאָלסטיגער הכנסת אורחים סאָסייעטי גענומען אָבקלאַפּען די טהירען ביי די רייכע אידען פון שטאָדט ביז זיי האָבען זיך צו עפּעס דערשלאָגען. די פאַרשטאָרבענע מרס. גינזבורג, די מוטער פון דער פאַמיליע וואָס האָט שפּעטער אויסגעבויט דעם „אידישען אינסטיטוט“, האָט אָבגעגעבען איינע פון איהרע הייזער אויף'ן קאָרנער דיוויזשאָן און ענטוויין סטריט, אלס שטענדיגע היים פאַר אזא אנשטאַלט.

מיט דער נייער היים, האָט שוין אויך גענומען וואַקסן דער אינטערעס ביים עולם צו דער אינסטיטוציע און דער פאַרשטאַרבענער נ י י ט ע ן ב י ע ל־ פ ע ל ד , דאַן איינער פון די געוועהנליכע מעמבערס, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט.

פאַר'ן כבוד וואָס מען האָט איהם צוגעטהיילט, האָט דער נייער פּרעזידענט זיך א נדר געטהאָן אז אזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען, וועט ער זיין גאַנצע פרייע צייט אָבגעבען פאַר'ן וואוילזיין פון אנשטאַלט און — ער האָט זיין נדר גוט געמאכט אויף פולע הונדערט פּראָצענט.

מעהרסטענס אליין, און נאָר צייטענווייז מיט דער הילף פון נאָך א מיט־גליד, האָט ער זיך ארויסגעלאָזען איבער'ן שטאָדט, צו שאַפען נייע מיטגלידער, און סובסקרייבערס, מיט גרעסערע יעהרליכע סומען, פאַר'ן הכנסת אורחים. און דאָס איז איהם מעהר ווי געלונגען.

ס'האָט אנגעהויבען אריינקומען גענוג געלד; די הויז איז רעמאָנטירט גע־וואָרען; מען האָט אריינגעשטעלט די נויטיגע מעבעל און זי האָט געקראָגען א פּנים פון א מעהר אָדער ווייניגער, מאָדערנער אכסניה.

א פּאָר פאָלק איז אנגעשטעלט געוואָרען אכטונג צו געבען אויף דער באַ־לעבאַטישקייט. און אַן אָפּמאַך איז מיט זיי געשלאָסען געוואָרען, אז זיי דאַר־פען שפּייזען יעדען אורח וואָס קומט אין אנשטאַלט. פאַר 25 סענט האָבען זיי בעדאַרפט געבען דריי מאָהלצייטען א טאָג, צו יעדען עלענדען אידען וואָס האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטען.

ווען אַן אורח איז געקומען אין הכנסת אורחים, פלעגט ער פון פּרעזידענט קריגען אַ קוויטעל וואָס האָט איהם בארעכטיגט צו די מאָהלצייטען. און סוף וואָך פלעגען די אויפזעהער צושטעלען די קוויטלאַך און קריגען א קוואָדער פאַר יעדען טיקעט.

לויט די געזעצען און רעגולאַציעס פון אנשטאַלט, האָט יעדער געשטראַנ־דעטער איד דאָרט געקענט בלייבען דריי טעג, ווערענדיג באַזאָרגט מיט עסען און שלאָפען. אָבער אין אויסנאַמספאַלען, האָט מען אורחים ערלויבט צו בליי־בען לענגער, א טראַדיציע וואָס ווערט אנגעהאַלטען ביז היינט צו טאָג.

גאַנצע פערצעהן יאָהר, האָט אזוי דער הכנסת אורחים עקזיסטירט אין יענער הויז, וואו ס'איז געווען פּלאַץ פאַר פופצעהן־זעכצעהן מענשען צום שלאָ־פען. די אויסגאַבען, צוערשט אַרום טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר, זיינען שפּעטער געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. אָבער קיין מאַנגעל אין געלד איז ניט געווען, אַ דאַנק דער ענערגישער ארבייט פון פּרעזידענט, וועלכער האָט שוין

געזאָרגט און געאַרבייט דערפאַר אז סאַי די מיטגלידערשאַפט, סאַי די איינאַמעס, זאָלען וואַקסען.

דאָס האָט ממילא געבראַכט דערצו אז אויך די דירעקטאָרען באָארד זאָל פאַרגרעסערט ווערען. ווען מענשען צאָהלען 25'ער און 50'ער יעהרליך מוז מען זיי געבען פאָרטרעטערשאַפט. און אזוי זיינען א צאָהל גאָר חשוב'ע באַלעבאַטים אַריין אין דער דירעקטאָרען באָארד, וועלכע האָט אנגעפיהרט מיט'ן אנשטאַלט ביז 1917, ווען די הויז איז שוין געוואָרען צו קליין פאַר די אורחים וואָס פלעגען זיך טאָג טעגליך מעלדען אין דער אינסטיטוציע.

אין זעלבען יאָהר 1917, האָט דער מושב זקנים זיך אַריבערגעצויגען אין א נייע היים און האָט פאַרגעשלאָגען די פריהערדיגע הויז פון אנשטאַלט, אין 299 וויינדער סטריט, צום הכנסת אורחים. האָט די דירעקטאָרען באָארד באַשלאָסען די הויז צו קויפען.

כאָטש די צוואַנציג טויזענד דאָלאַר פאַר דער נייער היים, א גאַנץ היבשע סומע פאַר יענער צייט, האָט מען געמוזט באַצאָהלען אין מזומן, איז אָבער די געלד שנעל רעאַליזירט געוואָרען. אַביסעל געלד האָט מען אָבגענומען פאַר דער פריערדיגער הויז און דאָס איבעריגע? — האָט ווידער דער פּרעזידענט, מיט נאָך עטליכע איינפלוסרייכע אידען, זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגען . . . זיי האָבען זיך אַרויסגעלאָזען איבער'ן שטאָדט געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון אָפיס צו אָפיס, ביז די פולע סומע איז געזאַמעלט געוואָרען.

איידער דאָס יאָהר 1917 איז פאַראיבער, האָט דער הכנסת אורחים זיך אַריבערגעצויגען אין דער פּופּעצעהן־רומיגער הויז אויף 299 וויינדער, קאָרנער בראָש סטריט, וואו די אינסטיטוציע האָט זיך געפונען ביז 1931, ווען די דירעקטאָרען באָארד האָט באַשלאָסען צו ווערען אַן אַגענטור, זיך אנצושליסען אָן דער וועלפעיר פעדעראַציע, וועלכע האָט שוין, צוליב א גאַנצע רייהע אומשטענדען, נאָך מיט א יאָהר פריער איבערגענומען די פינאַנציעלע באַזאָרגונג פון הכנסת אורחים.

די נייע היים פון אנשטאַלט האָט געהאַט פּלאַץ פאַר פערציג מענשען צום שלאָפען און א גרויסען עס־זאַל וואו צייטענווייז, אין פאַרלויף פון יענע פעריאָדישע קריזיס יאָהרען, פלעגען געהן צום טיש אכציג אורחים, צווישען זיי א היבשע צאָהל דעטראָיטער תושבים, קבצנים וואָס האָבען מעהר ווי ביי איין געלעגענהייט הנאה געהאַט פון שבת'דיגע און יום־טוב'דיגע מאָהלצייטען אין הכנסת אורחים.

אין דער נייער היים האָט מען שוין אויך אָבגעשאַפט די סיסטעם פון געבען

טיקעטס (שפייז־קוויטלאך) צו די אורחים. אנשטאט דעם, האט מען אנגעהויבען פיהרען די באליבאטישקייט אויף א מעהר פראקטישען אופן.

מען האט אנגעשטעלט ספעציעלע אויפזעהער מיט א באשטימטען געהאלט; מען האט געשלאסען קאנטראקטען מיט שפייז סוחרים זיי זאלען צושטעלען אלע נויטיגע פראדוקטען, אזוי אז די אורחים זאלען חלילה ניט פיהלען קיין מאנגעל אין עסען; מען האט אראנזשירט מיט אידישע דאקטוירים זיי זאלען געבען זייערע לייסטונגען, אין פאלען פון קראנקהייט אין דער אינסטיטוציע. און מען האט אפילו באזארגט מיט קליינגעלד יענע אורחים וואס האבען זיך דערין גענויטיגט.

אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, האט אין משך פון די נעקסטע עטליכע יאהר, געהערשט „פראספעריטי" אין דער באליבאטישקייט פון הכנסת אורחים. מיט א בודזשעט פון זיבען־אכט טויזענד דאלאר א יאהר, וואס איז לייכט געדעקט געווארען פון א מיטגלידערשאפט פון ארום טויזענד יעהרליכע בייטשטייערער, האט מען זיך אלץ מעהר און מעהר פארלאזען אויפ'ן ענערגישען פרעזידענט, אז ער וועט שוין פאר אלץ זארגען, די אינסטיטוציע זאל געפיהרט ווערען אין ארדנונג.

און דאס האט געבראכט דערצו אז אין די צוואנציגער יאהרען, ווען ריעלעסטייט האט „געבומט", האבען די פארוואלטער באשלאסען אויסצונוצען דעם גארטען, ביים הויז פון דער אינסטיטוציע אויף בראש סטריט, פאר פראפיטען...

מען האט אויף דעם שטיקעל פלאץ אויפגעבויט פינף סטארס, וואס האבען די ערשטע צוויי־דריי יאהר אריינגעבראכט פון דריי ביז פיר טויזענד דאלאר א יאהר פראפיט.

זעלבסטפארשטענדליך, האט דער דאזיגער „אויפטו" עווענטועל שוין געפיהרט דערצו אז דער אינטערעס ביים עולם צו דער אינסטיטוציע זאל אבגעקיהלט ווערען, ווייל מען האט זיך שוין מעהר אזוי פיל ניט גענויטיגט אין דער יעהרליכער שטיצע פון די מיטגלידער.

אט אין יענער „פראספעריטי" צייט, האט עס די וועלפעיר פעדעראציע פארגעשלאגען דעם הכנסת אורחים זיך אנצושליסען אלס אטאנאמע אגענטור, אזוי ווי דאס איז דער פאל געוועזען מיט די אנדערע אינסטיטוציעס און אנשטאלטען. פארשטעהט זיך אז די פיהרער האבען דעם פארשלאג צוריקגעוויזען.

פון איין זייט, א זיכערע הכנסה און פון דער צווייטער זייט, דער ענערגישער פרעזידענט, וועלכער וועט שוין זארגען פאר'ן קיום פון הכנסת אורחים, טא פאר וואס ניט אנהאלטען די פיהרערשאפט און פארוואלטונג אזוי ווי פריער?

אַז דאָס איז געווען אַן אונגעזונטער, שעדליכער צושטאַנד, האָבען באַוויזען די געשעהנישען מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען די סטאָרס זיינען לעדיג געוואָרען און מען האָט נאָך דערלעגט צו זיי זיבען־אַכט הונדערט דאָלאַר אַ יאָהר; די מיטגלידערשאַפט איז געפאַלען פון איבער טויזענד אויף קנאַפּע צוויי הונדערט; און דער פּרעזידענט, וואָס האָט עס בעדאַרפט אַרויסשלעפּען פון אַלע צרות, שוין אַן אַלטער מאַן, האָט מעהר ניט געקענט באַווייזען די פריערדיגע „וואונדער".

ס'איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז פון סוף 1929 אָן, ווען דער פּרעזידענט פלעגט אָפט קראַנק ווערען און גאָרניט געקענט מעהר טהאָן, האָט די וועלפעער פעדעראַציע סובסידירט דעם אַנשטאַלט מיט 250 דאָלאַר אַ מאָנאַט, אונגעאַכטעט דאַרויף וואָס די באָארד אָוו דירעקטאָרען האָט אפילו ניט באַוויזען קיין סמנים פון אנשליסען זיך אין דער פעדעראַציע.

אין יולי 1930 איז דער פּרעזידענט געשטאָרבען און די פאַרוואַלטער האָבען זיך געווענדעט צו דער פעדעראַציע זי זאָל איבערנעהמען די אינסטיטוציע. דאָס איז צושטאַנד געקומען אָנפאַנג 1931, ווען צוגלייך מיט'ן איבערגעהן אונטער דער אויפזיכט פון דער וועלפעיר פעדעראַציע, האָט מען געמוזט איבערטראָגען די היים פון אַנשטאַלט, פון דעם שוין לאַנג אויסגעשפּילטען געגענד, אין אַ בעסערען און אַ מעהר צוגענגליכען צו דער אידישער גאַס.

פון וויינדער סטריט, איז דער הכנסת אורחים איבערגעטראָגען געוואָרען אין 77 אַלדזשער סטריט, וואו די אינסטיטוציע האָט עקזיסטירט ביז 1936, ווען זי האָט ווידער משנה מקום געווען. זי איז איבערגעמופט געוואָרען אין איהר איצטיגער היים, אין 1622 טעילאָר עוועניו. ס'איז דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקען אַז ביים אַרויסמופען פון וויינדער סטריט און שפּעטער פון אַלדזשער עוועניו, האָט מען פאַר די הייזער ניט געקענט קריגען קיין שום פּרייז. מען האָט זיי, הייסט עס, געלאָזען פאַלען און יעדעס מאָהל האָט מען געמוזט ביישטראַגען פרישע געלד אויף צו קויפען די צוויי הייזער — פריער אין אַלדזשער עוועניו און שפּעטער, די איצטיגע היים אויף טעילאָר עוועניו.

מיט'ן איבערגעהן אונטער'ן רשות פון דער וועלפעיר פעדעראַציע, האָט מען גענומען איינפיהרען מעהר טאָלק אין די פיהרונגען פון דער אינסטיטוציע.

די באָארד אָוו דירעקטאָרען האָט זיך גענומען אויספילען איהרע התחייבות'ן. ס'איז געשאַפען געוואָרען אַ שטענדיגע הויז־קאָמיטע, וואָס גיט אַכטונג אויף דער באַליבאַטישקייט. און אין 1936, ווען די איצטיגע היים איז געקויפט געוואָרען, איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ „לײדיס אַקזילערי", אַ הילפס קערפּערשאַפט פון פרויען וואָס האָט זיך געשטעלט אַ גאַנץ באַזונדערע, וויכטיגע אויפ־

גאבע: צו באזאָרגען די אינסטיטוציע מיט אַלע שטוב־זאַכען, ווי טיש־געשיר, בעטגעוואַנד, טישטוכער, האַנדטוכער און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די לײדים אקזילערי דעקט אויך די נויטיגע אויסגאַבען פאַר דער אויפ־האַלטונג פונ׳ם בנין — פאַר דעקאָרירען, רעמאָנטירען און פאַר די אַלע אַנדערע נויטווענדיגקייטען אין הויז זי זאָל זיין באַקוועהם און צוגעפּאַסט פאַר די אורחים.

די איצטיגע היים פון אַנשטאַלט, אין דער צוויי־שטאָקיגער געביידע, האָט אַ באַקוועהמען עס־זאַל, אַן אויפנאַמס־צימער, אַן אָפיס אין אַ ספּעציעלע דירה פאַר די אויפזעהער, אַ פאַר־פּאַלק וואָס גיבען אַכטונג אויף דער באַליבאַטישקייט, זיי קאָכען און סערווירען די מאָהלצייטען און טהוען אַלץ וואָס נויטיג.

די הויז האָט אָבער בלויז פּלאַץ פאַר פופצעהן בעטען, וואָס איז ווייט ניט גענוג געוועזען. האָט די אקזילערי זיך געשטעלט נאָך אַן אויפגאַבע. זי האָט גע־שאַפען די נויטיגע מיטלען צוצובויען אַן „ענעקס“, אַ ספּעציעלע שלאָף־הויז מיט צוועלף בעטען וואָס איז פאַרטיג געוואָרען לכבוד פסח פון לעצטען יאָהר.

און אין דער אַרבייט פון דער אַקזילערי, באַטייליגען זיך פאַקטיש טויזענ־דער אידישע פרויען דורך זייער אָברוף אויף די אונטערנעהמונגען פון דער דאָזיגער הילפס־קערפּערשאַפט וואָס זיינען איהר איינציגער קוואַל פון הכנסה.

אין דער פּראַקטישער פיהרונג פון אַנשטאַלט, האָט אויך אַ גרויסען חלק די הויז־קאָמיטע, וועלכע קויפט איין די פּראָדוקטען, קאָנטראָלירט אַלעס אין דער באַליבאַטישקייט און צו דעם האָט זי זיך געשטעלט אויך אַנדערע אויפ־גאַבען.

די הויז קאָמיטע זעצט פאָר די טראַדיציע פון פריערדיגע יאָהרען צו באַ־זאָרגען מיט פּסח׳דיגע מאכלים די אידישע אַרעסטאַנטען אין קאַונטי דזשעיל און אין דעטראָיט האַוז אָוו קאָרעקשאָן.

פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז אָט די אַרבייט פון אַנשטאַלט נאָך מעהר אויסגעברייטערט געוואָרען. עס ווערען אויף פסח און אויף **די ימים נוראים** געבראַכט אין הכנסת אורחים יענע הילפלאָזע אידען וואָס געפינען זיך דאָס גאַנצע יאָהר אין דעם פּאָבליק־וועלפעיר אַנשטאַלט, אין „עלאָיז“. און בכלל איז איינגעפיהרט געוואָרען אין הכנסת אורחים די מידה פון „אָפענע טהירען“ פאַר אַלע אידישע יום־טובים. אַלע וואָס קומען אין הכנסת אורחים אויף אירגענד וועלכען אידישען יום־טוב, ווערען דאָרט אויפגענומען בסבר פנים יפות און ווערען סערווירט מיט יום־טוב׳דיגע מאָהלצייטען.

ווען די אינסטיטוציע איז געוואָרען א טהייל פון דער וועלפעיר פעדעראַציע האָט זי אויך אנגענומען עטליכע אלגעמיינע כללים אלס באזע פאר איהרע צילען און צוועקען.

דאָס זיינען:

א) דער הכנסת אורחים איז די היים פאר אלע עלענדע און געשטראנדעטע אידען.

ב) דער אנשטאַלט דינט אויך אלס היים, אלס צייטווייליגע היים, פאַר לאָקאַלע דעטראָיטער אידען וואָס ווערען צוליב געוויסע אומשטענדען היימלאָז.

ג) אין הכנסת אורחים, זאָלען געשפייזט ווערען יענע דעטראָיטער אידען וואָס זיינען דארויף אנגעוויזען.

דאָס באציהט זיך הויפטזעכליך אויף דער אמאָליגער פרייער, כשר'ער קיך, וואָס האָט עקזיסטירט אלס באשפייז־פּלאַץ פאר אָרעמע, ארבייטס־לאָזע, קרבנות פון די שרעקליכע קריזיס יאָהרען.

די כשר'ע קיך, געגרינדעט פון א גרופּע אידישע כלל־טהוער, אין סאַמע ברען פון קריזיס, אין 1930, האָט עקזיסטירט ביז דעם 28טען יוני, 1933, ווען דער לעצטער מאָהלצייט איז דאָרט סערווירט געוואָרען, און איהר עובדא איז איבערגענומען געוואָרען פון הכנסת אורחים.

היינט צו טאָג ווערט דער פארמעגען פון דער אינסטיטוציע — די הויז מיט דער באַליבאַטישקייט און אלע שטוב־זאַכען — אָבגעשאַצט אין ווערטה פון עלף טויזענד דאלאר, אויף וואָס מען איז ניט שולדיג קיין איין סענט.

געווען א קליינער מאָרטגעדזש פון קנאַפּע טויזענד דאלאר, האָט איהם די פעדעראַציע אויסגעלעזט לעצטען זומער, מיט די געלד וואָס זי האָט פאר דעם צוועק אָריינגעקראָגען פון א קריסטליכער ירושה פאר וואוילטעטיגע צוועקען.

די איינציגע פינאנציעלע פּראָבלעם פון הכנסת אורחים, איז איצט דער יעהרליכער בודזשעט פאר די אויסגאַבען וואָס ווערט געדעקט דורך דעם פאר איינינגטען אידישען קאמפּיין פון דער וועלפעיר פעדעראַציע.

מיינען מיינט עס אלזאָ, אז יעדער איינער פון די קנאַפּע 21 טויזענד ביי־שטייערער צום קאמפּיין פון היינטיגען יאָהר, איז א שטיצער, פאַקטיש א מיט־גליד, פון הכנסת אורחים.

פארשטעהט זיך, אז אין אַן אינסטיטוציע מיט אזוי פיל יאָהרען פון טראדיציע הינטער זיך, האָט מען מיט איין מאָהל ניט געקענט מאכען קיין גרינדליכע ענדערונגען. אזוי איז די סיטעם פון מיטגלידערשאפט דורך דירעקטע ביישטייערונגען אנגעגאנגען ביז מיט דריי יאָהר צוריק, ווען זי איז ענדליך אָבגעשאפט געוואָרען. זינט דאַן ווערען אויך ענטמוטיגט די, אזוי גערופענע, ביישטייערונגען פון שפייז־פּראָדוקטען, אין וועלכע דער אנשטאַלט נויטיגט זיך אבסאָלוט ניט. אָבער דאָ געהט עס שוין ניט צו אזוי לייכט, ווייל ס'איז שוועהר צו קעמפען מיט די סענטימענטען פון די שפייז־סוחרים וואָס קענען זיך נאָך אַלץ דערפון ניט אָבגעוואוינען.

דער בודזשעט פאַר'ן לעצטען יאָהר האָט באטראָפען 5,500 דאלאר. אזא סומע האָט דער אנשטאַלט ארייגעקראָגען פון פאַראייניגטען אידישען קאמ־פיין. אָבער דאָס יאָהר איז פארענדיגט געוואָרען מיט אַן עודף פון אביסעל געלד.

פאַר'ן יאָהר 1939, זיינען דורכ'ן הכנסת אורחים דורכגעגאנגען 695 אורחים פון אנדערע שטעדט און 23 לאָקאלע, דעטראָיטער אידען, האָבען דאָרט געפונען א היים.

די אַלע אנגעוויזענע אויף הילף אין אנשטאַלט האָט מען דאָרט סערווירט מיט 18,541 מאָהלצייטען און 5,064 נאַכטלעגערס אין פארלויף פון יאָהר וואָס איז, לגבי דאָס פריערדיגע יאָהר פּראָפּאָרציאָנעל געוועזן קלענער.

דער דורכשניט איז געוועהנליך צווישען 65 און 70 אורחים א מאָנאט אין דער אינסטיטוציע.

צו באזאָרגען מיט שפייז און א נאַכטלעגער דעם הילפלאָזען, עלענדען אידען וואָס קומט אין הכנסת אורחים, איז נאָך ניט אַלעס. מען מוז אויך אין א סך פאַלען העלפען דעם געשטראנדעטען זיך צו רעאביליטירען, זיך צוריק ארייגצופּאסען אין דער געזעלשאפט, וואָס האָט איהם פון זיך ארויסגעשטויסען.

ווערט חלילה איינער קראַנק, ווערט ער באזאָרגט מיט מעדיצינישער באַ־האַנדלונג אין נאָרטענד קליניק און, ווען נויטיג, אין א שטאָדטישען האָספּיטאַל.

פארהאַן אזעלכע וואָס קענען רעאביליטירט ווערען דורך ארבייט. ווערען זיי, אויב נאָר מעגליך, באזאָרגט מיט ארבייטס־מעגליכקייטען דורך דער אר־בייטס ביוראָ („וואָקיישאָנאַל סורוויס") ביים אידישען צענטער.

פארהאַן ווידער פאַלען פון אורחים אין אנשטאַלט, וואָס זיינען באַרעכ־טיגט צו עלטער־פּענסיע, כאָטש זיי ווייסען גאָר ניט דערפון. ווערט געזאָרגט זיי זאָלען עס קריגען.

דאָס זעלבע אויך מיט די וואָס זיינען בארעכטיגט צו דירעקטער שטיצע פון סיטי וועלפעיר דעפּארטמענט.

דעסטגלייכען זיינען פאַרהאַן א באדייטענדער פּראָצענט ציטווייליגע עלענ־דע, וואָס זיינען געבליבען געשטראַנדעט צוליב פאַמיליען אנגעלעגענהייטען.

אמאָהל איז נויטיג בלויז צו שטעלען דעם, זאָגסט הילפלאָזען, אורח אין פארבינדונג מיט זיינע אייגענע, מיט זיינע נאָהענסטע קרובים, שרייבען א בריוועל, באַזאָרגען איהם מיט טראַנספּאָרטאַציע און — זיין פּראָבלעם איז געלעזט.

ווערט דאָס אלעס געטהאָן אויף א טאַקטישען, מענשליכען אופן דורך א ספּעציעלען אנגעשטעלטען פאר דעם צוועק, אַן ערפאַרענער „סאָשעל וואָירקער" פון דער סאָשעל סוירוויס ביורא, אין דער פּערזאָן פון קענעט וואַסער, וועלכער האלט אויך אַן דעם אמט פון סעקרעטאר פון דער דירעקטאָרען באָארד פון דער אינסטיטוציע.

בכלל איז דער הכנסת אורחים א פּאָלקס אנשטאַלט וואו מען איז וויינינגער מקפּיד אויף די „רולס און רעגולייישאָנס" און מעהר אויפ'ן וואוילזיין פון די וואָס מוזען אהין אָנקומען.

אמאָהל איז דאָס געטהאָן געוואָרען אויף א צעשוואומענעם אופן, אָהן טאָלק און אָהן א סיסטעם. היינט צו טאָג ווערט די אינסטיטוציע געפיהרט מיט מעהר סיסטעם, מיט מעהר אָרדנונג און מיט דער אנווענדונג פון מאָדערנע מיטלען אנקעגען צו קומען דעם עלענדען, געשטראַנדעטען אידען ניט בלויז מיט עסען און א נאַכטלעגער, נאָר אויך — און הויפּטזעכליך — זיך צוריק אריינ־צוקריגען אין די רייהען פון יענע מענשען וואָס זיינען נוצליך פאר זיך אליין און פאר דער געזעלשאַפט.

אין דעם פּרט, האָט דער הכנסת אורחים צו פאַרצייכענען באדייטענדען פּראָגרעס פאר די לעצטע עטליכע יאָהר, אלס א מאָדערנע הילפס־אינסטיטוציע אין דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פון אידישער וואוילטעטיגקייט און אידישער געזעל־שאַפטליכקייט אין דעטראָיט.

# חסד של אמת—
## אַן אינסטיטוציע פאַר דער לעצטער וואוילטעטיגקייט צום אָרעמאַן

געגרינדעט פון עטליכע געצעהלטע אידען ווי א נויטווענדיגקייט, מיט קנאַפּע 25 יאהר צוריק. — די געשיכטע פון חסד של אמת, די עטאַפּען וואָס די אינסטיטוציע האָט דורכגעמאַכט ביז היינט צו־טאָג.

ווענען טויט איז אודאי ניט אנגענעהם צו ריידען.

אָבער אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל זיך מתעסק זיין מיט'ן אָרעמען אידען ווען ער פאַרלאָזט אונזער וועלטעל, און ס'איז ניטאָ, ניט קיין קרוב און ניט קיין גואל איהם צו ברענגען צו קבר ישראל — דאָס איז פונקט אזא נויטווענדיגקייט ווי יעדע אנדערע אינסטיטוציע אין אידישען לעבען.

און אָט די נויטווענדיגקייט האָט עס געבראַכט צו דער גרינדונג פון חסד של אמת, ביז ניט לאַנג צוריק באַוואוסט אלס „דזשואיש פרי בעריעל אַסאָסי־איישאָן" און איצט באַוואוסט אונטערן נאָמען „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי".

געווען איז דאָס אנפאַנג 1916 ווען אין דעם דעמאָלסט קאָמפּאַקטען אי־דישען געגענד אַרום הייסטינגס סטריט, וואָס האָט גראַדע אנגעפאַנגען וואַקסען, האָבען פּאַסירט עטליכע טויט־פאַלען פון אָרעמע, עלענדע אידען, וועלכע האָבען אינערגעץ ניט באַלאַנגט, צו קיינעם ניט געווען צוגעבונדען. און אום זיי צו ברענגען צו קבירת־ישראל, האָט מען ענטוועדער געמוזט צוזאַמענקלייבען נדבות אָדער זיך ווענדען צו א שוהל, וואָס האָט שוין געהאַט א שטיקעל אייגענע קרקע, א בית עולם.

איין ספּעציפישער פאַל האָט פּאַסירט וואָס האָט אביסעל אויפגערודערט די געמיטהער פון עטליכע אידען וועלכע האָבען ביי דער לויה, אויפ'ן שטעל, באַשלאָסען אז מעהר טאָר עס אזוי ניט זיין. עס מוז געשאַפען ווערען א חסד של אמת, אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל קענען מקיים זיין אָט יענע מצוה וואָס האָט איהר אורשפּרונג אין דער ביבלישער געשיכטע, פון יעקב אבינו, וועלכער האָט פאַר'ן טויט געבעטען ביי יוסף'ן ער זאָל איהם טהאָן אַן אמת'ע וואוילטעטיג־קייט, אזא טובה פאַר וועלכער מען קען ניט ערוואַרטען קיין באַלוינונג — ווייל טויטע, ווי באַוואוסט, זיינען פריי פון אַלע אָבליגאַציעס . . .

מיט איין וואָרט, עס איז,—ניט אין דעם זין פון מליצה נאָר אין דעם זין פון

דער פּראַקטישער, טראַגישער ווירקליכקייט — באשלאָסען געוואָרען צו גרינדען א חסד של אמת חברה. און דעם 16טען מאַי 1916, האָט דער פארשטאָרבענער שלמה זאנדוויים, אליין א חברה קדישא איד און א שטיקעל כלל טהוער צווישען די אָרטאָדאָקסישע אָרעמע עלעמענטען פון דער „געטהאָ", צוזאמענגערופען א מיטינג פאר דעם צוועק. אויף זיין רוף זיינען זיך צוזאמענגעקומען קוים א מנין מענשען און דער גרונד־שטיין פאר דער אינסטיטוציע איז געלעגט געוואָרען. דער מיטינג האָט באשלאָסען צו שאפען מעמבערס, די צאָהלונגען זאָלען זיין א ניקעל א וואָך און דער באטרעפענדער שלמה זאנדוויים איז ערוועהלט גע־וואָרען אלס פּרעזידענט.

ווי אן איניצאטאָר מיט אן אמביציע צו דערגרייכען רעזולטאטען, האָט דער פּרעזידענט אליין זיך ארויסגעלאָזען איבערן שטאָדט, געגאנגען מבית לבית און „געמאכט" מעמבערס. אביסעל איז ער אויך ארויסגעהאָלפען געוואָרען פון די אנדערע, אזוי אז איידער דאָס יאָהר האָט זיך פארענדיגט, האָט די חסד של אמת סאָסייעטי שוין געצעהלט איבער טויזענד מיטגלידער.

די ערשטע אויפגאבע איז געווען צו קויפען א הויז, א מתים־שטיבעל וואו־הין צו ברענגען אן עלענדען בר מינן, א הויז וואו ס'זאָל אויך איינגעאָרדענט ווערען א טהרה־שטיבעל צו טהאָן א אידישען מת זיין רעכט.

די דאָזיגע אויפגאבע איז דערגרייכט געוואָרען, ווען אנפאנג 1917 האָט מען מיט אכט הונדערט דאלאר קעש אלס איינצאָהלונג, געקויפט פאר דעם צוועק א הייזקע אין 64 ברוסטער סטריט, צווישען ענטוויין און בוביען סטריט. די הויז האָט אויך אנגעהויבען דינען אלס שוהל'כעל און אלס פארזאמלונג־פּלאַץ פאר די מעמבערס. די טהוער זיינען ערמוטהיגט געוואָרען פונ'ם וואוקס און אינטערעס מצד דעם אלגעמיינעם אידישען עולם. און אנשטאט ווי אין אנדערע שטעדט, וואו די חסד של אמת סאָסייעטיס, באנוגענען זיך נאָר מיט דעם וואָס זיי באזאָרגען הוצאות־הקבירה און באצאָהלען פאר קרקע אויף א בית־עולם פון דער אָדער יענער קאָנגרעגיישאָן, שוהל אָדער סאָסייעטי, האָט מען אויך אנגע־הויבען טראכטען פון קויפען אן אייגענע שטיק לאנד פאר א בית החיים.

דאָס איז דערגרייכט געוואָרען מיט א יאָהר שפּעטער, אנפאנג 1918, ווען א שטיק פעלד פון דרייצעהן אקער, איז געקויפט געוואָרען אויף גרעשאָט און פערצעהן־מייל ראָוד — וואָס איז פאר יענער צייט געווען היבש ווייט ארויס פון שטאָדט — פאר'ן פּרייז פון אכט טויזענד דאלאר.

מיט אן איינצאָהלונג אויף דער שטיק לאנד, האָט זיך איצט גענויטיגט פרישע אויסגאבען, די ווילדע שטיק פעלד אויסצוגלייכען, צו מאכען א גדר,

איינצואָרדנען א קליינעם „טשאפּעל“ און אזוי ווייטער און ווייטער.

אָבער גראָדע דער וואוקס אין ארבייט, אין התחייבות מצד די טהוער, האָט ביי זיי אנגעצונדען מעהר ווילען צו ארבייט, צו שאַפען וואָס מעהר מיטגלידער און אויך „סובסקרייבערס“ וואָס האָבען זיך פארפליכטעט מיט צאָהלונגען פון דריי דאָלאר א יאָהר.

דאָ קען מען זאָגען, האָט פּאסירט אז „דער אפּעטיט איז געקומען מיט'ן עסען“ . . . און איידער דאָס יאָהר 1918 איז פאָראיבער, האָט מען די שטיק לאנד שוין געבראכט אויף אזוי פיל אין אָרדנונג אז מען האָט דעם בית החיים שוין געקענט מחדש זיין מיט'ן ערשטען אידישען בר־מינן, אויפ'ן אייגענעם חסד של אמת בית עולם. דאָס איז געווען דעם 23טען אָקטאָבער 1918. ביז דאַן, פאר א משך פון קנאַפּע צוויי יאָהר, פלעגט די חסד של אמת סאָסייעטי, לויט אַן אָבמאַך מיט דער בית אברהם שוהל אויף ווינדער סטריט, מקבר זיין די עלענדע מתים אויף איהר קרקע און, פארשטעהט זיך, באצאָהלען דערפאר.

פאר די נעקסטע עטליכע יאָהר האָט דער חסד של אמת פון איין זייט אלץ מעהר און מעהר מיטגלידער אריינגעקראָגען און פון דער צווייטער זייט פלעגען אראַנזשירט ווערען פארשיידענע אונטערנעהמונגען, אלץ פאר דעם צוועק צו פארבעסערען און איינצואָרדנען די „באַליבאַטישקייט“ פון דער אינסטיטוציע.

אזוי איז אין סוף 1920 באצאָהלט געוואָרען אלע שולדען אויף דער הויז און דער „מאָרטגעדזש“ איז ביי א שמחה פארברענט געוואָרען. מען האָט אלץ מעהר אָרדנונג געבראכט אויפ'ן בית־החיים, א גרויסער, ספּעציעלער אָטאָמאָביל אלס עגלה, איז געקויפט געוואָרען און די אינסטיטוציע איז שוין פאקטיש גע־ווען פעסט עטאבלירט.

מיט'ן וואוקס פון דער אינסטיטוציע זיינען, פארשטעהט זיך, פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער אדמיניסטראציע, אין דער פארוואלטונג. און צו יענער צייט, זאָל דאָ פארצייכענט ווערען, איז אָשר איצקאָוויטש, דער איצטיגער פאר־וואַלטער פון חסד של אמת ערוועהלט געוואָרען אלס פינאנס סעקרעטאר, אַן אַמט וואָס ער האלט אַן ביז היינט צו־טאָג.

אנפאנג 1923, מיט דער ערוועהלונג פון א נייער אדמיניסטראציע, איז אויך שאַרף אוועקגעשטעלט געוואָרען די פראגע פון א קאָנסטיטוציע, מיט „רולס“ און כללים לויט וועלכע דער חסד של אמת זאָל זיך פיהרען. צום „טשאַר־טער“ וואָס די סאָסייעטי האָט ארויסגעקראָגען אין לענסינג סוף 1916, האָט מען געמוזט האָבען באשטימטע רעגולאציעס פאר דער ערוועהלונג ניט בלויז פון די באאמטע נאָר אויך פון א דירעקטאָרען באָארד, וועלכע זאָלען פון געזעץ בא־

טראכט ווערען אלס די אנפארטרויטע, באליבאטים מצד די מעמבערס, איבער'ן פארמעגעז פון דער אינסטיטוציע.

גלייכצייטיג איז שוין פון פריער געשטאַנען די פראגע פון בייטען די היים פון חסד של אמת, זי אריבערפיהרען פון ברוסטער סטריט, וואָס איז שוין לחלוטין מעהר ניט פאַסענד געווען, ווייטער ארויף אינ'ם אזוי גערופענעם, בע־סערען אידישען געגענד אַרום הייסטינגס סטריט.

די דאָזיגעביידע פּראָבלעמען זיינען אין משך פון עטליכע חדשים געלעזט געוואָרען. סוף פעברואר האָט דער חסד של אמת שוין געהאט א קאָנסטיטוציע וואָס האָט ענדליך אַ סוף געמאכט צו דער צושוואומענקייט אין דער פיהרער־שאפט און אין מאַי האָט מען געקויפט א גרויסע הויז אין 535 פרעדריק סטריט. אויף וועלכער מען האָט איינגעצאָהלט פינף טויזענד דאלאר מזומן.

די נייע היים איז אינגאנצען געענדערט געוואָרען; מען האָט זי פיז אינ־ווייניג איבערגעבויט און צוגעפאסט פאר'ן צוועק; מען האָט דאָרט אויך איינגע־אָרדענט א גרויסע שוהל און א האָל פאר מיטינגען. אלץ איז געווען גוט ביז ס'האָט זיך, צוליב איין אורזאך אָדער א צווייטער, — וואָס איז נאָך עד היום ניט אויפגעקלעהרט — געשאפען אן אָפּאָזיציע פון א צאָהל מיטגלידער

מען האָט זיך אנגעהויבען ווארפען מיט באשולדיגונגען אין ניט־עהרליכקייט וואָס זיינען אוועק אַזש ביז צום שטאָדטישעז פּראָקוראָר, וועלכער האָט גערופען צו זיך ביידע צדדים, ארויסגעפאָדערט די ביכער, געמאכט אן אונטערזוכונג און אַרויסגעגעבען אן ענטשיידונג צו גונסטען דער אדמיניסטראציע אין אַמט.

נאָך יענעם אינצידענט זיינען די אפאזיציאָנערען, מאנכע פון זיי געוועזע־נע אקטיווע טהוער, צוריקגעקומען אין דער אינסטיטוציע. אָבער צו קיין טע־טיגקייט האָט מען זיי, זעלבסטפארשטענדליך, מעהר שוין ניט צוגעלאָזען.

נייע טהוער זיינען אויסגעוואקסען פון צווישען די מעהר פאראינטערע־סירטע מיטגלידער. מען האָט געמאכט אונטערנעהמונגען, ווערבירט אלץ מעהר און מעהר מיטגלידער דורך ספּעציעלע אנגעשטעלטע (קאָלעקטאָרס), וואָס האָבען זיך ארויסגעלאָזען איבער דער לענג און ברייט פון דעטראָיט, אזוי אז קיין מאנ־געל אין געלד, לויט די נויטווענדיגקייטען פונ'ם מאָמענט, זיינען מעהר ניט געווען.

דאָס האָט מעגליך געמאכט אז אין 1925 האָט מען אויפגעבויט א נייעם „טשאַפּעל", מיט אלע סאניטארישע איינריכטונגען אין איינקלאַנג מיט די סטייט געזעצען, וואָס האָט ווידער געקאָסט איבער פיר טויזענד דאלאר. און

ווען דאָס איז פּאַרטיג געוואָרען איז מען דאַרויף גאָר ניט שולדיג געבליבען.

צו יענער צייט האָט דער חסד של אמת אנגענומען א פּרינציפּ אַז אין יע־דען אונגליקספאַל, ווער עס זאָל זיך ניט ווענדען צו דער אינסטיטוציע מיט א פאַרלאַנג 'מקבר צו זיין א מת אויף איהר קרקע און מאַכען די לויה אין איהר „טשאַפּעל", זאָל דאָס געטהאָן ווערען. צו די באַטרעפענדע משפחה, אָדער קרובים פונ'ם בר־מינן, זיינען פאַרמעגליך, אָדער ניט — דאָס איז ניט וויכטיג. אויב יאָ, וועלען זיי מן הסתם באַצאָהלען די אויסגאַבען, אינגאַנצען אָדער טייל־ווייז. און אויב ניט, איז דאָך עס אַן אַלגעמיינע שטאָדטישע אינסטיטוציע, מוז זי זיין גרייט צו דינען דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַפילו אין יענע פאַלען וואָס זיינען אייגענטליך סותר דעם באַזיס, דעם ציעל און צוועק פון חסד של אמת.

און אָט, דער דאָזיגער פּרינציפּ ווערט אנגעהאַלטען ביז היינט צו טאָג, הגם די אינסטיטוציע האָט צוליב דעם ניט ווייניג אונאַנגענעהמליכקייטען, ווי מיר וועלען זעהן אביסעל ווייטער.

דער פּרינציפּ פון אנקעגען קומען יעדע ווענדונג פאַר אידישער קבירה דורכ'ן חסד של אמת, האָט אויך געפיהרט דערצו וואָס א צאָהל לאַנדסמאַנשאַפ־טען, פאַראיינען און סאָסייעטיס, האָבען אין אומגליקספאַלען מיט זייערע מעמ־בערס, אַראַנזשירט די לויות דורך דער אינסטיטוציע.

דאָס האָט ממילא געבראַכט דערצו אַז מען זאָל אויפפאָדערען די אָרגאַני־זאַציעס און פאַראיינען זיי זאָלען זיך אנשליסען אלס קערפּערשאַפטען דורך דירעקטע פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג, אין דער דירעקטאָרען באָארד. דער פועל יוצא פון דעם אַלעמען איז געווען, מעהר אימפּעט, מעהר אינטערעס, מעהר פּלענער און מעהר רעזולטאַטען אין די ווייטערדיגע אונטערנעהמונגען פאַר דער פאַרבעסערונג פון חסד של אמת.

אין פאַרלויף פון יאָהר 1928 האָט מען אויסגעגעבען ניין טויזענד דאָלאַר אויף פילע פאַרבעסערונגען און פאַרשעהנערונגען אויפ'ן בית עולם. דאָס זעלבע יאָהר האָט מען אנגעהויבען די באַוועגונג פאַר א נייער, אייגענער, גרויסער, מאָדערנער הויז אין צענטער פון יענעם שטאָדט־טהייל וואָס זאָל זיין צוגענגליך צו אַלע נייע אידישע געגענדען. פרעדריק סטריט איז שוין גענצליך געווען אויס־געשפּילט און דער שנעלער געאָגראַפישער אומבייט אין ארומיגען דיסטריקט האָט עס געמאַכט אומעגליך פאַר'ן חסד של אמת צו הויזען אין דער פריערדיגער היים.

אָבער עס רעדט זיך פיל שנעלער ווי עס טהוט זיך. ס'האָט געמוזט נעהמען

צייט ביז מען האָט געפונען אַ פּאַסיגע שטיק ערד פאר'ן נייעם געפּלאַנטען חסד של אמת בנין און ביז מען האָט געקענט צוטרעטען צו דער פּאַקטישער בוי־ארבייט.

סוף 1929 האָט מען געקויפט די לאַנד אויף דזשאָי ראָוד, וואו עס געפינען זיך די איצטיגע חסד של אמת בנינים; אנפאַנג 1930 האָט מען אנגעהויבען בויען און דעם ערשטען יאַנואר 1931, האָט די אינסטיטוציע זיך אריבערגעצויגען אין 2995 דזשאָי ראָוד, אין דער איצטיגער היים וואָס איז איינגעאָרדענט מיט אַלע נייעסטע, מאָדערנעסטע, סאַניטאַרישע איינריכטונגען, און איז אנערקענט פון דער סטייט רעגירונג אלס מאָדעל אינסטיטוציע פון דעם סאָרט, וואָס ווערען ס'רוב אנגעפיהרט פון פּריוואַט אונטערנעהמער אָדער פון קאָמפּאַניס.

דער חסד של אמת איז די איינציגע „פּיונעראַל פּאַרלאָר" אָדער „אנדערטייקינג עסטאַבלישמענט" (רופט עס ווי איהר ווילט), אין גאַנץ מישיגען סטייט, וואָס ווערט אנגעפיהרט אלס געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע נית פאר קיין פּריוואַטע פּראָפיט צוועקען.

דער נייער בנין מיט די לאַנד האָט געקאָסט 56 טויזענד דאָלאַר. צום חנוכת הבית וואָס איז געפּראַוועט געוואָרען דעם 15טען נאָוועמבער 1931, האָט דער בוי־פאָנד געהאַט געזאַמעלט עטוואָס איבער 22 טויזענד דאָלאַר. די געלד איז אריינגעקומען פון אונטערנעהמונגען, פון פאַרקויפען ציגעל, פון דירעקטעביישטייערונגען פון פאָלקס אָרגאַניזאַציעס און פון כל־ערליי אנדערע קוואַלען. אָבער ס'איז אלץ געבליבען אַ חוב פון ארום 34 טויזענד דאָלאַר וואָס איז אין משך פון די נעקסטע פינף יאָהר באַצאָהלט געוואָרען. און היינט צו טאָג איז מען אויפ'ן בנין, וואָס ווערט נאָך אַלץ אָבגעשאַצט אין פופציג טויזענד דאָלאַר, גאָר נית שולדיג. עס איז דאָס סאָלידע אייגענטום פון חסד של אמת, פון טויזענדער מיטגלידער וועלכע האָבען דירעקט אלס סובסקרייבערס און אונדירעקט אלס מעמבערס פון די וואָסערע זיבעציג־אכציג פאָלקס פאַראיינען, זיך באַשטייערט פאר'ן קיום פון דער אינסטיטוציע.

אין 1932, האָט מען צוגעקויפט נאָך פיר אַקער לאַנד און אין 1936 נאָך אַ שטיק פעלד פון 26 אַקער אין שכנות צו דער אָריגינעלער שטיק קרקע, וואָס אַלעס צוזאַמען האָט עס געקאָסט 29 טויזענד דאָלאַר. די געלד פאר די לאַנד איז היינטיגס יאָהר שוין באַצאָהלט געוואָרען. עס איז אויך אין משך פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציג יאָהר אויסגעגעבען געוואָרען ארום דרייסיג טויזענד דאָלאַר אויף די פאַרשיידענע פאַרבעסערונגען — גראַדירען, פּלאַנצען בוימער, אויסלעגען אַלעיען, אריינציהען וואַסער און אַזוי ווייטער — אויף דער

סעמעטערי, וועלכע ווערט אָבגעשאצט ווערטה צו זיין צווישען פופציג און זעכציג טויזענד דאלאר.

אין דעם געהט אריין א נייער מאָדערנער „טשאפּעל", וואָס איז מיט עט־ליכע יאָהר צוריק אויפגעבויט געוואָרען אויפ'ן בית־החיים. אין סך הכל, האָט אַלזאָ איצט דער חסד של אמת א פּאַרמעגען פון אַרום 110 טויזענד דאלאר, לויט די קאָנסערוואטיוועסטע אבשאצונגען, אויף וואָס מען איז ניט שולדיג קיין גראָשען.

און אויב דער חסד של אמת נויטיגט זיך נאָך אין געלד, איז עס פאר די אויסבעסערונגען און פארשעהנערונגען פון דער, לעצטענס געקויפטער, שטיק לאַנד פון 26 אַקער וואָס האָט פארזיכערט דער אינסטיטוציע מיט גענוג קרקע (הלואי מען זאָל ניט דארפען) פאר די קומענדע פופציג־זעכציג יאָהר. דאָס איז אויסגערעכענט לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער אידישער באפעלקערונג, איהרע געבורטען, שטארבענפעלע, צואוואוקס און פארמינדערונג, צוגלייך מיט דער נאָרמאלער ראטע פון דער אלגעמיינער דעטראָיטער באפעלקערונג.

האָט מען דאָס אין זינען, קען מען — און מען דארף — ערווארטען אז אין צוויי־דריי יאָהר אַרום, זאָל דער חסד של אמת אינגאנצען אויפגעבען אָט די יעהרליכע אונטערנעהמונגען — באזאר, פּיקניק און באָל — וואָס פּאַסען זיך בשום אופן ניט אריין אינ'ם סכום טעטיגקייט פון א פעסט עטאבלירטע שטאָדטישע אינסטיטוציע.

דער בודזשעט פון חסד של אמת, מעהר אָדער וועניגער וויסענשאפטליך אויסגערעכענט, איז דורכשניטליך אַרום 125 דאלאר פאר יעדען פאַל (לויה און קרקע) אין פארלויף פון יאָהר. אָבער פאר די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען די איינאַמעס כסדר איבערגעשטיגען די אויסגאבען און דער איבערשוס איז אנגעווענדעט געוואָרען אויף צו „דעקען" חובות ביז היינטיגס יאָהר, ווען דער חסד של אמת איז פריי פון אירגענד וועלכע שולדען.

פאר'ן פארגאנגענעם יאָהר 1939, וואָס מיר נעהמען דאָ אלס אילוסטראַ־ציע, זיינען די הכנסות געווען איבער דרייסיג טויזענד דאלאר און די הוצאות אַרום 26 טויזענד דאלאר.

---

פון וואסערע קוואלען קומען אריין די געלדער?

קודם כל פון מיטגלידערשאפט אָבצאָהלונגען. אין דער געשיכטע פון חסד

של אמת זיינען געווען צייטען ווען די מיטגלידערשאפט האט דערגרייכט ביז פינף טויזענד און די אינסטיטוציע האט געהאט אנגעשטעלט פיר קאלעקטארס צו זאמלען די יעהרליכע דריי־דאלארדיגע וואס יעדער מיטגליד האט געצאהלט. אין יאהר 1929-30 צום ביישפיל, האט דער חסד של אמת בלויז פון אט דעם קוואל ארייגעקראגען 12,500 דאלאר.

היינט צו־טאג, זיינען נאך אויף פארהאן 2800 גוטשטעהענדע מיטגלידער וועלכע האבען אין משך פון 1940 שוין איינגעצאהלט 6,775 דאלאר. פארהאן נאך א טויזענד מיטגלידער וואס צאהלען ניט רעגעלמעסיג, אבער מען האלט זיי נאך אויף די ביכער.

דער צווייטער הכנסה־קוואל זיינען די דריי יעהרליכע אונטערנעהמונגען— דער באזאר אנפאנג ווינטער, דער באל אין מיטען ווינטער און דער פיקניק איז זומער — וואס ברענגען דורכשניטליך אריין ארום 5,000 דאלאר א יאהר.

דאן קומען ביישטייערונגען: פון רעזערוואציעס פאר שטיקער קרקע אויף איבער הונדערט מיט צוואנציג יאהר; פון פאראיינען און סאסייעטיס וועמענס לויות און באערדיגונגען די אינסטיטוציע פיהרט דורך; פון די אבצאהלונגען פאר מצבות און „פאנדיישאנס" און פון יענע קרובים, משפחות און פריינד פון פארשטארבענע פאר וועמענס לויות און באערדיגונגען זיי באצאהלען צובים־לאך, ווער מעהר און ווער ווייניגער. איין באשטימטע אויסגאבע, די ארומצאמונ־גען ארום די קברים פון ארעמע און עלענדע, ווערט געדעקט פון דער ליידיס אקזילערי.

נעהמען מיר אלס ביישפיל די פארגאנגענע צוויי יאהר, צייגען די ציפערען אז אין 1938, זיינען 176 בר־מינן׳ס באערדיגט געווארען אויפ׳ן חסד של אמת בית עולם. פון זיי זיינען 66 געווען אינגאנצען פרייע. און אין 1939 איז די אל־געמיינע צאהל געווען 227, פון זיי 79 אינגאנצען פרייע.

דורכשניטליך, זיינען אלזא פארהאן צווישען 35 און 38 פראצענט אמת׳ע חסד של אמת פאלען, אזוי ווי די ווערטער ווערען פארשטאנען. אבער אפילו די וואס ווערען באצאהלט, איז עס, פארשטעהט זיך, אויך פיל ווייניגער ווי די סומע, וואס ס׳וואלט אויף זיי פראפארציאנעל אויסגעפאלען. יעדענפאלס קענען זיי ניט אריינגעהן אין דער קאטעגאריע פון פרייע. און דא פאנגען זיך אן די אויבענדערמאנטע אונאנגענעהמליכקייטען וואס דער חסד של אמת געהט דורך די לעצטע צייט.

לויט דער מיינונג פון די פיהרער קומט עס אלץ פון ניט פארגינערשאפט,

פון די פּריוואטע אידישע „אַנדערטייקערס“, וועלכע קענען ניט מוחל זיין דער אינסטיטוציע איהר פּרינציפּ, ניט צוריקצואווייזען קיין שום ווענדונג פאר קרקע און לויה, מעג דאָס זיין אפילו פון אזעלכע משפחות און קרובים וואָס זיינען אומשטאַנד צו באצאָהלען דעם פולען פּרייז, לויט די נארמען פון פּריוואטע פיור־נעראלס. אָבער צו די מיינונג איז באגרינדעט אָדער ניט, דער פאקט איז, אז אין דער 1939 סעסיע פון דער סטייט לעדזשיסלייטשור איז אנגענומען געוואָרען א געזעץ צו קאָנטראָלירען און רעגולירען די באערדיגונגען אויף אזא אופן. אז ביז מען האָט געקראָגען א צייטווייליגע אויסטייטשונג איבער'ן געזעץ פון סטייט אטוירני־דזשענעראל גונסטיג פאר'ן חסד של אמת, איז די אינסטיטוציע עטליכע טעג געווען פּאַראַליזירט. ס'איז איהר פאר דער צייט פארבאָטען געוואָרען צו פונקציאָנירען. און זינט דאן איז נאָך, דער ענין ווייט ניט ערלעדיגט. עס געהען פּראָצעסען, אינדזשאנקשאָנס און געגען־אינדזשאנקשאָנס, וואָס וועלען ענדגילטיג ענטשיידען ווערען ערשט אין דער סעסיע פון 1941, ווען די געזעץ־געבער פון מישיגען וועלען ענטוועדער ענדערען דעם, שוין אנגענומענעם, געזעץ צו גונסטען דער אינסטיטוציע; אָדער פארקעהרט—איהם נאָך מעהר פארשטאַרקערען אז דער חסד של אמת זאָל מוזען אויפגעבען דעם פּרינציפּ פון אנעהמען לויות און באערדיגונגען פון יעדען פאַל, ביי וועמען דאָס אומגליק זאָל ניט האָבען געטראָפען, צו דאָס איז ביים אָרעמסטען אָדער רייכסטען פון דער דעטראָיטער אידישער באפעלקערונג.

אגב, האָט טאקע אָט דער געזעצליכער שטרייט מיט די קאָורט פּראָצעסען געפיהרט דערצו, וואָס אין ענגליש האָט מען געמוזט ענדערען דעם נאָמען פון „דעטראָיט דזשואיש פ ר י ה בעריעל סאָסייעטי“, אויף „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי“, ווייל לויט'ן שטרענגען בוכשטאב פון געזעץ קען מען דאָס וואָרט „פריה“ (פּריי) ניט אנווענדען, ווען מען קריגט נאָר עטוואס באצאָהלט, זאָל עס אפילו זיין אן אונבאדייטענדער טהייל לגבי די אויסגאבען.

דער חסד של אמת איז א פעסט איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע, מיט א פיל גרעסערען פּארנעהם לגבי די אויפגאבען וואָס ס'האָבען זיך געשטעלט ענליכע אינסטיטוציעס אין אנדערע שטעדט פון לאנד. פּאַרוואַלטעט פון א שטאָב בעאַמטע וואָס ווערען ערוועהלט, דורך א געהיימע אבשטימונג פון די גוט־שטעהענדע מיטגלידער ביים יעהרליכען מיטינג און פון א דירעקטאָרען באָארד פון פערציג מיטגלידער, באשטעהט דער באצאָהלטער סטעף פון אכט פּערזאָן, צווישען זיי די נויטיגע מתעסקים ביי די לויות אין איינקלאנג מיט די שטרענג אָרטאָדאָקסישע דינים און מיט די סטייט געזעצען בנוגע באערדיגונגען וואָס זיינען אָבליגאטאָריש פאר אלע רעליגיעס.

זייט די אינסטיטוציע עקזיסטירט זיינען ביז איצט שוין באערדיגט געוואָרען ארום 8,500 מתים אויף דער קרקע פון חסד של אמת. פון זיי א גוטע העלפט אָרעמע און עלענדע, און אויך אזעלכע וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון באַערדיגונג אויפ'ן אזוי גערופענעם „פּאַטערס פיעלד" א דאנק דער אינסטיטוציע, וואָס פילט זיכער אוים א נויטווענדיג פּלאַץ אין דעטראָיטער אידישען לעבען.

ס'בלייבט דארום נאָר צו ווינשען אַז, אלס אויסנאַם ווי בלויז איינע — אן אָבגעזונדערטע פון די פילע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען—זאָלען די פיהרער פון חסד של אמת קומען צו דער דערקענטניש אַז זי טאָר ניט זיין איזאָלירט, אז דער חסד של אמת דאַרף ווערען אן אינטעגראַלער טהייל פון דעם גאנצען סכום אידישע וואוילטעטיגקייט וועלכע איז אויטאָנאָמיש און אונאבהענגיג איינגעשלאָסען אין די רייהען פון דער פאראייניגטער אידישער פילאנטראָפּיע, פון דער גאנצער אידישער באַפעלקערונג.

ס'איז מעהר ווי זיכער אז ווען דאָס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלטען די פילע אונאנגענעהמליכקייטען פון איין סאָרט אָדער א צווייטען, קיין מאָהל ניט פאָרגעקומען.

אנגענומען אז די מיינונג פון די פיהרער, אַז די אידישע אָנדערטייקערס, זוכען צוליב קאָנקורענץ און ניט־פארגינערשאפט, צו פארניכטען דעם חסד של אמת, מוזען זיי צוגעבען אז ווען די אינסטיטוציע וואָלט געווען א ממשות'דיגער טהייל פון דער גאנצער פאראייניגטער אידישער וואוילטעטיגקייט, וואָלט אזא קאָנקורענץ געווען אויסגעשלאָסען. און דאָס געזעץ וואָלט בשום אופן ניט געקענט אנגעווענדעט ווערען צו דיסקרימינירען געגען דער אינסטיטוציע.

אויב מען וואגט זיך צו פארטשעפּען און צו פיהרען פּראָצעסען געגען אן איזאָלירטער גרופּע פיהרער, איז אָבער דער גאנצער כלל אזוי שטאַרק אז מען מוז פאר איהם האָבען אָפּשיי.

זאָלען די לעצטע אויספיהרען באטראכט ווערען פונ'ם לעזער ווי אן אָביעקטיווע מיינונג, וואָס וועט האָפענטליך ניט בלייבען קיין קול קורא במדבר און סוף כל סוף ברענגען די געוואונשטע רעזולטאטען, ווייל זי איז אין גייסט פון די געפיהלען און באגריפען פון דער מעהרהייט פון דעטראָיטער אידענטום.

# „יונייטעד היברו סקוהלס" —
## די פאַראייניגטע תלמוד תורות פון דעטראָיט

פון דער אמאָליגער צושוואומענקייט ביז אן אייגהייטליכע פראָגראַם פאַר אי־דישער דערציהונג. — די תלמוד תורה ווי א טהייל פון אידישען ישוב. די גרינדונג פון די „פאַראייניגטע תלמוד תורות" מיט 22 יאָהר צוריק.

וויל מען אנפאנגען די געשיכטע, פון די תלמוד תורות, מוז מען געהן צוריק צום אנהויב פונ'ם אידישען ישוב אין דעטראָיט, ווען בלויז עטליכע גע־צעהלטע אידישע משפחות האָבען דאָ געמאכט זייער היים.

און דאָס איז ניט קיין צופאַל און אויך ניט קיין אויסנאם בלויז אין דע־טראָיט. דאָס איז דער כלל אין אלע אידישע קיבוצים פון גאנצען לאנד — אין דער גאנצער וועלט, אויב איהר ווילט — אז דאָרט וואו ס'איז געוואָרען א אידי־שער „סעטעלמענט", דאָרט וואו א גרופע אידען האָבען זיך באזעצט, געשאפען א שטיקעל געמיינדע, האָבען זיי די ערשטע זאך א טראכט געטהאָן פון א שוהל צום דאַוונען און פון א פלאַץ פאר דער דערציהונג פון זייערע קינדער וואָס איז ניט עפּעס אנדערש ווי א תלמוד תורה, אפילו ווען מען האָט עס גערופען חדר און דער דערציהער איז געווען דער אלט־פרענקישער מלמד.

אידישע דערציהונג, פאַראלעל מיט'ן אידיש רעליגיעזען לעבען אין דע־טראָיט, איז שוין אלט איבער נײַנציג יאָהר.

ווען דער ערשטער מנין איז געגרינדעט געוואָרען אין 1850, האָבען יענע ערשטע עטליכע געצעהלטע משפחות גלייכצייטיג געטראכט פון באזאָרגען די קינדער מיט אידישען אונטערריכט, מיט אידישער דערציהונג, וואָס זיי האָבען פאַרווירקליכט מיט א יאָהר שפּעטער דורך דער גרינדונג פון דער „בית־אל" סאָ־סייעטי, וועלכע האָט עס באפעסטיגט דורך א פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, און די תקנות וואָס זי האָט אנגענומען.

איינער פון די פּונקטען אין דער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער די ערשטע גרופּע דעטראָיטער אידישע איינוואוינער איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרען, ווי אן איינהייט, ווי א „געמיינדע" האָט זיך געלייענט אז:

> „דער צוועק איז אויך אנצופיהרען א אידיש־קולטורעלע דערציהונג („דזשואיש קאלטשור"), צווישען די מיטגלידער און זייערע פאמיליעס דורך ספּעציעלע לעהרער".

דאָ אלזאָ האָט איהר דעם אורשפּרונג פון דער תלמוד תורה, וואָס האָט

נאָכגעפאָלגט דעם וואוקס פון דעטראָיטער אידישען ישוב און אלע זיינע געאָ־גראַפישע פונקטען פון שטאָדט.

אזוי איז עס ביז היינט צו טאָג. אָבער א סך, א סך יאָהרען האָט עס גע־נומען ביז די פיהרער און גרינדער פון די פארשיידענע שוהלען און קאָנגרעגיי־שאָנס, ביי וועלכע עס זיינען ס'רוב אויסגעוואקסען אויך תלמוד־תורות — אָדער גרעסערע חדרים אויב איהר ווילט — זיינען געקומען צו דער איבערציי־גונג, אַז אום אריינצוברענגען טאַלק און אָרדנונג, סיסטעם און מעטהאָדע אין דער דערציהונג, איז נויטיג א פאראייניגונג פון אלע תלמוד תורות פון שטאָדט. און דאָס איז ערשט צושטאַנד געקומען מיט 22 יאָהר צוריק, ווען דער גרונד־שטיין פאר די „יונייטעד היברו סקוהלס" איז געלעגט געוואָרען דורך דער איני־ציאַטיווע פון א גרופע עסקנים אין אידישער דערציהונג, א גרופע משכילים, וועמען יענע אלט־פרענקישע מעטהאָדען אין די תלמוד תורות פון יענער צייט, האָבען ניט צופרידענגעשטעלט.

ס'וואָלט אונז צו וויט פארפיהרט ווען מען זאָל צוריקגעהן צו יעדער איינער פון די פילע, אזוי צו זאָגען, „אונאבהענגיגע" תלמוד תורות, וואָס זיינען אין משך פון יאָהרען געגרינדעט געוואָרען דאָ און דאָרט, אין דעם אָדער יענעם „אידישען געגענד" פון שטאָדט.

א פאַקט איז, אז אויסער די תלמוד תורות, אָדער חדרים, וואָס האָבען עק־זיסטירט ביי די שוהלען, אלס טהיילען פון זייער רעליגיעזער פּראָגראַם, האָבען אויך גרופען באַלעבאַטים געגרינדעט תלמוד תורות ווי אונאבהענגיגע אינסטי־טוציעס.

אזוי געפינען מיר אין דעם ערשטען און צווייטען יאָהרצענדליג פון איצ־טיגען יאָהרהונדערט, אַ תלמוד תורה דאָ און א תלמוד תורה דאָרט, מאַנכע פון זיי אנגעפיהרט פון בלויז געצעהלטע מענשען און מאַנכע ווי א דערגענצונג צו דער שוהל וואָס אן עדה אידען האָבען אויסגעבויט פאר זיך דאָרט וואו ס'האָט זיך פאָרמירט אַן, אזוי גערופענער, נייער אידישער געגענד, לויט די גאַנץ שמאָ־לע באַגריפען פון יענער צייט.

דער אידישער געגענד, די אידישע „געטהא", האָט זיך געצויגען אויף, און ארום, הייסטינגס סטריט. און דאָרט איז געווען דער צענטער פון אלץ וואָס איז אידיש, פון אלץ וואָס האָט געאָטעמט מיט אידיש לעבען און אידישע טהעטיג־קייט.

האָבען אָבער אידען, ביסלאַכווייז זיך אריבערגעצויגען אין אן אנדער גע־גענד, ווער צוליב פּרנסה און ווער צוליב באקוועהמליכקייט — וויל געאָגראַ־פיש האָט זיך די גאַנצע לאַגע פון שטאָדט ביסלאַכווייז געענדערט — האָבען זיי

אין נייעם געגענד, ווי דער שטייגער איז, געבויט אַ שוהל און געגרינדעט אַ תּלמוד תּורה.

אין דעם יאָהרצעהנדליג צווישען 1910 און 1920, געפינען מיר שוין שוה־לען מיט תּלמוד תּורות אַזוי ווייט אַרויס נאָרט ווי אין דעלמאַר סטריט, אין אָקלאַנד, און אַזוי ווייט ארויס וועסט אויף מישיגען עוועניו, אַזש ביי די דריי־סיגסטע גאַסען. אָבער דער צענטער פון די תּלמוד תּורות איז נאָך אַלץ געווען אין דעם הייסטינגס סטריט געגענד; מאַנכע פון זיי אַנגעפיהרט אין פאַרבינ־דונג מיט שוהלען און מאַנכע, ווי געזאָגט, אונאַבהענגיג אַנגעפיהרט פון געוויסע חברות, גרופּען אָדער ערציהונג־געזעלשאַפטען.

אויף אַ שטח, ניט פיל גרעסער ווי אַ תּחום שבת, געפינען מיר צו יענער צייט, איין תּלמוד תּורה אויף קאָלאָמביא און ריוואַרד סטריט; אַ צווייטע אויף דיווויזשאָן און בוביען סטריט; אַ דריטע אויף עליאָט און הייסטינגס סטריט; אַ פערטע ביי דער מגן אברהם שוהל אויף פאַרנסוואָרטה און בוביען סטריט, אַ חוץ חדרים — מאַנכע פון זיי אפילו אַנגעפיהרט בצבור ווי אַ קוואַזי־תּלמוד תּורה— אַלץ אין דעם זעלבען דיסטריקט.

אָבער יעדער איינער פון די דאָזיגע דערציהונגס־אַנשטאַלטען האָט געמאַכט שבת פאַר זיך אַליין. און כאָטש קיין ציפערען זיינען ניטאָ, ווייס מען אַז טראָץ די מזל־ברכה אין תּלמוד תּורות, איז אָבער זעהר ווייניג מזל־ברכה געווען אין דער צאָהל תּלמידים.

די איינציגע פון יענע תּלמוד תּורות מיט אַ באַדייטענדע צאָהל תּלמידים איז געווען די, אַזוי גערופענע, „גרויסע תּלמוד תּורה" אויף דיווויזשאָן און בו־ביען סטריט, אַרום וועלכער ס'האָבען זיך פאַראייניגט, און וועלכע איז גע־שטיצט געוואָרען פון עטליכע שוהלען.

ביי דער דאָזיגער גרויסער תּלמוד תּורה איז שוין אפילו געווען אַ ביבליאָ־טעק. גערופען האָט מען זי די „שטאָדט תּלמוד תּורה" און אָן דער שפּיץ פון דער פיהרערשאַפט, ווי דער גייסטיגער מדריך איהרער, איז געשטאַנען דער פאַרשטאָרבענער חיים בוכהאַלטער, וועלכער האָט גע'שם'ט ווי אַ למדן און משכיל.

אָבער מערקווירדיג — דער איבערברוך אין דעם גאַנצען דעטראָיטער תּלמוד תּורה וועזען, וואָס האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון די יונייטעד היב־רו סקוהלס איז געקומען נ י ט פ ו ן ד ע ר ד אָ ז י ג ע ר ת ל מ ו ד ת ו ר ה נאָר דוקא פון אַ קלענערער, פון דער קאָלאָמביא סטריט תּלמוד תּורה, אַרום וועלכער ס'האָבען זיך גע'קהל'ט אַ גרופּע, מעהר שוין אויפגעקלעהרטע אידען אונטער דער פיהרערשאַפט פון די פאַרשטאָרבענע: איסר ראַבינאָוויץ,

מאיר בער קאָהן און חיים גאָלדמאַן, א משכיל מיט באַשטימטע מיינונגען וועגען אידישער ערציהונג און גייסט פון דער נייער צייט, פון „עברית בעברית“, וואָס האָט דעמאָלסט אָבגעקלונגען אויך צווישען די רעליגיעזע אידען פון דעטראָיט, ווי א גאַנץ נייע מעטהאָדע פון אידישער ערציהונג וועלכע ברענגט בעסערע, ממשות'דיגערע רעזולטאַטען.

דער פארשטאָרבענער חיים גאָלדמאַן האָט צו יענער צייט געהאלטען א דראַג סטאָר אויף הייסטינגס און נאפּאָלעאָן סטריט, וואָס איז אין די באַליבאַ־טישע קרייזען באטראכט געוואָרען אלס דער „בית ועד לחכמים“, אלס פאר־זאמלונגס פּלאַץ פאר די העברעער, פאר די משכילים, פאר די ציוניסטען און בכלל פאר די מעהר אויפגעקלעהרטע און ווענינער פאנאטישע, אָדער ווענינער אָרטאָדאָקסישע, עלעמענטען פון דער אידישער באַפעלקערונג.

און דאָ אין דער דראָג סטאָר, אין דעם „בית ועד לחכמים“, האָט מען זיך נעאמפּערט, אָבגעהאלטען קליינע אסיפות ביז ס'האָט זיך אויסקריסטאליזירט דער געדאנק אז ס'מוז געשאפען ווערען א פאראייניגונג פון די תלמוד תורות דורך איין איינהייטליכע ערציהונגס מעטהאָדע פון „עברית בעברית“; אז די העברעאישע שפּראַך זאָל זיין דער אינסטרומענט פון ערציהונג, די אומגאנגס־שפּראַך ביים לעהרנען די פארשיידענע אנדערע געגענשטאנדען, וואָס זי איז אגב ביז היינט צו טאָג אין די יונייטעד היברו סקוהלס.

די פיהרער פון דער קאָלאָמביא סטריט תלמוד תורה, האָבען קודם כל אנגעשטעלט צוויי נייע, מעהר מאָדערנע לעהרער, אריינצופיהרען די נייע ער־ציהונגס מעטהאָדען.

גלייכצייטיג האָבען זיי אנגעפאנגען א באוועגונג, צוציהענדיג צו זיך אלץ מעהר און מעהר מענשען, ביז די גרופּע איז שוין געוואָרען אזוי שטארק אז זי האָט געפיהלט אז זי קען אונטערנעהמען צו בויען אן אייגענעם בנין, א גרויסע געביידע וואָס זאָל ווערען ד ע ר צ ע נ ט ע ר פ ו ן ד י פ א ר א י י ־ נ י ג ט ע ת ל מ ו ד ת ו ר ו ת אָן וועלכען די אנדערע תלמוד תורות וועלען מיט דער צייט זיך אנשליסען.

---

דאָס איז געווען אין 1918, ווען א שטיקעל לאנד אויף ווילקינס עוועניו, נעבען הייסטינגס סטריט איז געקויפט געוואָרען פאר דעם צוועק. באלד האָט מען זיך געשטעלט בויען, און ווי דער שטייגער איז, האָט מען געפּראַוועט א צערעמאָניע ביים לייגען דעם גרונד־שטיין פאר א מאָדערנער, פאראייניגטער דערציהונגס אינסטיטוציע.

און אַט יענע צערעמאָניע, דאָס לייגען דעם ווינקעלשטיין, האָט באוויזען ווי רייף דער געדאַנק, און דער פאַרלאַנג, פאַר איינהייטליכקייט אין די תלמוד תורות, איז געווען ביים אַלגעמיינעם עולם.

דער בנין האָט באַדאַרפט קאָסטען צווישען 35 און 40 טויזענד דאָלאַר. און אויפן אָרט, ביים פּראַווען דעם יום־טוב, איז די פולע סומע געשאַפען געוואָרען.

די מאַטעריעלע שוועריגקייטען פון דער אונטערנעהמונג זיינען שוין געווען באַזייטיגט. און די צווייטע פּראָבלעם איז געווען צו קריגען די נויטיגע, צוגעפּאַסטע לעהרער און א פּאַרוואַלטער פאַר דער אינסטיטוציע. אָבער אויך די דאָזיגע פּראָבלעם איז געלעזט געוואָרען אויף אזא צופרידענשטעלענדען אופן אַז דער ערשטער פּאַרוואַלטער פון די „יונייטעד היברו סקוהלס" שטעהט ביים רודער פון די פאַראייניגטע תלמוד תורות ביז היינט צו טאָג.

דאָס איז בערנאַרד אייזיקס, וועלכער איז דאַן איינגעלאַדען געוואָרען קיין דעטראָיט, איבערצונעהמען די הויפּט־פּאַרוואַלטערשאַפט פון דער אינסטיטוציע און ער האַלט אָן עד היום דעם אַמט.

אין אַפּריל 1919, איז דער ערשטער, גרויסער בנין פון די פאַראייניגטע תלמוד תורות, אויף 665 ווילקינס סטריט, אָפיציעל געעפענט געוואָרען מיט א שטאַב פון אַכט לעהרער וואָס מר. אייזיקס האָט געבראַכט, מאָדערנע העברעאישע לעהרער, צווישען זיי עטליכע וואָס זיינען שפּעטער נאַציאָנאַל באַוואוסט געוואָרען אַלס העברעאישע שריפטשטעלער און קולטור־טהוער.

די פּראָגראַם וואָס איז אָנגענומען געוואָרען, און וואָס ווערט אַגב פאָרטגעזעצט זייט דער גרינדונג פון די יונייטעד היברו סקוהלס ביז היינט צו טאָג, איז אַמבעסטען פאָרמולירט אין די פאָלגענדע צוויי הויפּט פּאַראַגראַפען:

א) „דער צוועק פון די יונייטעד היברו סקוהלס איז צו געבען דאָס אידישע קינד א גרינדליכע און פאָלשטענדיגע ערציהונג; עס באַקענען מיט די אוצרות פון אידישען וויסען און אידישע ליטעראַטור פון אַלע דורות, אום איינצופלאַנצען אין זיין האַרץ א גייסט פון טרייהייט און איבערגעבענהייט, צו אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנאַל און היסטאָריש אידיש; צו פאַרבונדען דאָס אידישע קינד מיט דער פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט פון זיין פאָלק."

ב) „אזוי ווי די אידישע גאונות פון אַלע דורות איז געקומען צום אויסדרוק דורך דער העברעאישער שפּראַך, א שפּראַך אין וועלכער עס ענטפּלעקט זיך די גרויסקייט און טיפקייט פון אידישקייט, באַצוועקט

דארום די תלמוד תורה ווי אן אינסטיטוציע איינצופלאנצען אינ'ם קינד א פארשטענדניס פאר דער העברעאישער שפראך אין אלע שטופען פון איהר ענטוויקלונג, פון דער ביבעל ביז די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור."

מיט אַט־דער פּראָגראם אלס לאזונג איז די ערשטע תלמוד תורה געביידע מיט פּלאַץ פאר 500 קינדער, שנעל איבערפולט געוואָרען. אין משך פון געצעהלטע וואָכען האָט די צאָהל תלמידים און תלמידות דערגרייכט איבער זעקס הונדערט און די פראגע פון אויפהאלטען די אינסטיטוציע איז אויך שנעל פארענטפערט געוואָרען.

עם זיינען אריינגעקומען גרעסערע ביישטייערונגען פון פריינד און אונטערשטיצער; נאָך א טהייל האָבען די עלטערען געצאָהלט אין שכר־לימוד און דער בודזשעט איז גערעקט געוואָרען אָהן עקסטרע שוועריגקייטען.

דער ערפאָלג פון דער ערשטער פאראייניגטער תלמוד תורה איז געווען אזוי גרויס אז פאר צוויי יאָהר צייט איז דאָרט אויך איינגעפיהרט געוואָרען א „פּאַראָקיעל" סיסטעם פאר די קינדער פון די ערשטע צוויי גראדען פּאַבליק סקוהל. ארום 40 באָיעס און מיידלאך אין דער פּאַראָקיעל סקוהל, האָבען אזויערנאָך זייער ערשטע אָבליגאַטאָרישע לאנד־בילדונג געקראָגען אין די פאראייניגטע תלמוד תורות. שפּעטער איז די „פּאַראָקיעל" סיסטעם, צוליב פארשיידענע טעכנישע אורזאכען, אויפגעגעבען געוואָרען.

מיט'ן לויף פון דער צייט זיינען אלע אנדערע ערוואַרטונגען פון די פיהרער און איניציאטאָרען פון די יונייטעד היברו סקוהלס, אויך מקוים געוואָרען.

מאנכע פון די תלמוד תורות וואָס האָבען זיך געפיהרט אויפ'ן אלט־מאָדישען שטייגער האָבען זיך געמוזט פארמאכען, צוליב מאנגעל אין תלמידים. און די אנדערע זיינען כסדר אריבער אין רשות, אָדער אונטער דער השגחה, פון די יונייטעד היברו סקוהלס.

אין 1920 האָט די דיוויזשאָן סטריט תלמוד תורה, די גרויסע שטאָדטישע תלמוד תורה, זיך אָנגעשלאָסען אן די יונייטעד היברו סקוהלס. אביסעל שפּעטער האָבען דעם ביישפּיל נאָכגעפאָלגט די פארנסוואָרטה סטריט תלמוד תורה, די אוהל משה שוהל תלמוד תורה אויף דער וועסט סייד און די דעלמאר סטריט תלמוד תורה אויף דער נאָרט סייד, אין נייעם אידישען אָקלאנד געגענד, וואָס האָט זיך דאן צובליהט.

דאָס וואָרט „פאראייניגטע" האָט געקראָגען א ממשות'דיגע, פּראקטישע באדייטונג. ס'איז געוואָרען א פאראייניגטע פיהרערשאפט וואָס האָט זיך געשטעלט מיט'ן פּנים צו דער גאנצער באפעלקערונג פון וועמען זי האָט געפאָדערט שטיצע און הילף פאר די תלמוד תורות.

און די הילף איז געקומען מערקווירדיגערווייזע אויך פון די אזוי גערופע־נע, אמעריקאניזירטע, טהיילווייז אסימילירטע, עלעמענטען פון דעטראָיטער אידענטום.

ווען די אינסטיטוציע איז שוין געווען שטארק באפעסטיגט, האָט די פאר־וואלטונג פון די תלמוד תורות געשטעלט א גרויסען אידיש־היסטאָרישען ספעק־טאקעל אין דער העברעאישער שפראך, אין דעם דעמאָלסט גרעסטען און שעהנ־סטען אָדיטאָריום פון שטאָדט. די פאָרשטעלונג האָט, אפשר אויס קוריאָז, אויך צוגעצויגען די „פני" פון די אַמעריקאניזירטע אידען, וועלכע האָבען צום ערשטען מאָהל געהערט דעם קלאַנג פון העברעאיש — אין וואָרט און אין גע־זאַנג, ווי א מאָדערנע שפראַך.

און דאָס איז זיי הפּנים אזוי שטארק געפעלען, אז זיי האָבען זיך גענומען מעהר פאראינטערעסירען אין די יונייטעד היברו סקוהלס.

די צייט האָט דערווייל געטהאָן דאָס איהריגע: דער אידישער געגענד האָט זיך, צוגלייך מיט'ן וואוקס און אויסשפּרייטונג פון גאנץ דעטראָיט, גענומען אויסשפּרייטען אַלץ ווייטער, אין אַלץ נייע שטאָדטישע דיסטריקטען וואו מען האָט געמוזט בויען נייע תלמוד תורה בנינים אָדער צענטערס. גלייכצייטיג זיי־נען די אַלטע געגענדען אויסגעשפּילט געוואָרען און מען האָט די דאָרטיגע בנינים געמוזט אויפגעבען.

דער דאָזיגער פּראָצעס וואָס האָט זיך אנגעהויבען אנפאנג פון די צוואנ־ציגער יאָהרען, האלט נאָך אן ביז היינט צו טאָג.

אין הערבסט פון יאָהר 1922, האָט זיך געעפענט דער „קוירבי צענטער", א פּראכטפולער בנין אויף קוירבי און בוביען סטריט, וואָס האָט געדינט ניט נאָר אלס תלמוד תורה פאר איבער זיבען הונדערט קינדער, נאָר אויך אלס ביב־ליאָטעק, קאָנצערטען־זאַל, און מיטינג פּלאַץ פאר פילע אידישע אָרגאניזאציעס.

שפּעטער מיט אנדערהאַלבען יאָהר, אין אַפּריל 1924, איז געעפענט געוואָ־רען דער פילאַדעלפיא־בייראָן צענטער, אויך א גרויסער רחבות'דיגער בנין, וואוהין ס'איז אריבערגעטראָגען געוואָרען די מעהרסטע אקטיוויטעט פון פריי־ערדיגען קוירבי צענטער, ווייל דער דאָרטיגער געגענד איז מיט א שנעלען טעמ־פּא אַלץ שיטערער און שיטערער געוואָרען פון אידישע איינוואוינער.

און אזוי כראָנאלאגיש — איז אין הערבסט 1925, געעפענט געוואָרען א תלמוד תורה אין נייעם אידישען געגענד אויף בראָש און מינעסאָטא עוועניו; די פּארקסייד תלמוד תורה, אין הערבסט פון 1926; דער טאקסידאָ־האַלמור בנין, אין אָקטאָבער 1927; און ערשט נאָר־וואָס אין הערבסט פון 1940, איז פארטיג

געוואָרען דער מאָדערנער ראָוז סיטיג־קאָהען בנין אויף לאָוטאָן און טאַילער עוועניו, וואו ס׳איז איצט פאַקטיש, צוליב דער געאָגראַפישער לאגע פון שטאָדט, דער צענטער פון דער גאנצער פארוואלטונג פון די יונייטעד היברו סקוהלס.

פון דעם ערשטען ווילקינס סטריט בילדינג און פון דעם צווייטען קוירבי צענטער, איז שוין לאנג קיין זכר ניטאָ. דעסטגלייכען זיינען אין פארלויף פון דער צייט אנדערע ברענטש תלמוד תורות פון אמאָהל, פארמאכט געוואָרען. אָבער אויף וויפיל דאָס לאָזט זיך נאָר, „פאָלגען נאָך״ די יונייטעד היברו סקוהלס, די אידען פון דעטראָיט.

דאָס מיינט אז דאָרט וואו ס׳איז צוועקמעסיג און מעגליך, ווערען געעפענט תלמוד תורות. און דער פּראָצעס פון עפענען און פארמאכען געהט שטענדיג אן, אזוי אז מען קען ניט וויסען אין פאָראויס, דעם שיקזאל פון דער אָדער יענער תלמוד תורה אין א צייט אַרום.

היינט צו טאָג זיינען די יונייטעד היברו סקוהלס פארצווייגט אין אכט פלעצער — פינף אין די, אזוי גערופענע, אייגענע בנינים, וואָס זיינען אויבען אויסגערעכענט געוואָרען און נאָך דריי: אין סענטראל היי־סקוהל, אין ברייידי און אין ווינטערהאַלטער פּאָבליק סקוהלס. ס׳איז אגב דאָ ווערט צו פארצייכ־נען אז דער טאקסידא־האַלמור בנין ווערט איצט גערופען אויפ׳ן נאָמען פון פארשטאָרבענעם פילאנטראָפּ דוד וו. סיימאנס, א דאנק דער שעהנער האנדלונג פון די יורשים.

די סיימאנס פאַמיליע האָט נעמליך אויסגעלעזט דעם בנין פון אַלע מאָרט־געדזש פארפליכטונגען און האָט אויך באשטימט א סומע פאר דער אויפהאַל־טונג פון דעם בילדינג, אלס דאָס פאָלשטענדיגע אייגענטום פון די יונייטעד היברו סקוהלס.

ווי אן אינסטיטוציע וואָס איז אינגאנצען אנגעוויזען אויף דער שטיצע פון דער באַפעלקערונג, איז נאַטירליך געווען אז די יונייטעד היברו סקוהלס זאָלען זיך אנשליסען אן דער פאראייניגטער אידישער וועלפעיר פעדעראציע, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרען אין 1926.

ביז דאַן איז די אינסטיטוציע שוין געווען אויף אזוי פיל פּאָפּולער, אז אין די „עמוירדזשענסי דרייווס״ וואָס פלעגען ניט־סיסטעמאטיש, נאָר פון צייט צו צייט, דורכגעפיהרט ווערען, זיינען די פאראייניגטע תלמוד תורות אַלע מאָהל איינגעשלאָסען געוואָרען פאר באדייטענדע סומען. און אזוי פלעגען די פינאנ־ציעלע פּראָבלעמען געלעזט ווערען, אמאָהל לייכטער און אמאָהל שווערער, ביז די אינסטיטוציע איז געוואָרען אן אינטעגראלער טהייל פון דער פעדעראציע מיט א באשטימטער סובסידיע פון די יעהרליכע פאראייניגטע אידישע קאמפּיינס,

וואָס באַטרעפט דורכשניטליך עטוואס איבער פופציג פּראָצענט פונ׳ם יעהרלי־כען בודזשעט.

די איבעריגע אויסגאַבען ווערען געדעקט פון אַנדערע הכנסה־קוואַלען ווי, טהיילווייז־געצאָהלטער שכר לימוד, ווייל פון 45 ביז 50 פּראָצענט פון די תמידים צאָהלען ס׳רוב אינגאַנצען ניט; פון ספּעציעלע ביישטייערונגען; פון וואסערע עלף הונדערט מעמבערס וועלכע צאָהלען פון דריי ביז פינף דאָלאַר אַ יאָהר; פון רענט איינקונפטען אין די אייגענע בנינים און אויך פון דער ליידיס אַקזילערי פון פיר הונדערט מיטגלידערינס וועלכע העלפען די תלמוד תורות אויף אַ באַשטימטען, און זעהר נוצליכען, געביט.

צוריק מיט עטליכע יאָהר האָט מען פעסטגעשטעלט אַז אַ סך קינדער קו־מען ניט אין תלמוד תורה צוליב דער ווייטקייט פון זייער היים. האָט מען איינ־געאָרדענט אַ באַס מיט שאָפערען וואָס קלויבען צוזאַמען די קינדער אין די ווייטערע געגענדען און ברענגען זיי אין דער נאָהענטסטער תלמוד תורה. אין אָט דער טהייל פון בודזשעט ווערט אינגאַנצען געדעקט פון דער פרויען אַקזילערי.

דער אויפטהו מיט טראַנספּאָרטאַציע־באַזאָרגונג איז אויך פאַראַנטוואָרט־ליך פאַר דעם וואָס, אַנדערש ווי אין די פריערדיגע יאָהרען, איז די צאָהל תלמידים איצט מעהר אָדער וויינציגער נאָרמאַל — ניט זי פאַלט צו נידעריג און ניט זי הויבט זיך צו הויך.

דורכשניטליך אַטענדען די תלמוד תורה קלאַסען אַרום פופצעהן הונדערט קינדער אין פאַרלויף פון יאָהר. און זיי צום דינסט, זיי צו לעהרנען און ערציהען, שטעהט אַ שטאַב פון 44 לעהרער פון אַלע גראַדען, פאַר אַנפאַנגער ביז הייי־סקוהל סטודענטען פאַר די העכערע לימודים, פון וועלכע דער תלמיד גראַדואירט מיט אַ היי־סקוהל אָדער גימנאַזיע־דיפּלאָם.

פון דעם שטאַב לעהרער פאַרנעהמען עטליכע אויך די שטעלעס פון פּרינ־ציפּאַלס אין יענע סקוהל־בנינים וואו די צאָהל סטודענטען איז גרויס גענוג.

די פּראָפּאָרציאָנעלע איינטהיילונג פון די שילער אין די יונייטעד היברו סקוהלס איז כמעט אַ שטענדיגע: זעכציג פּראָצענט אינגלאַך און פערציג פּראָ־צענט מיידלאַך.

קינדער ווערען אַריינגענומען שוין אין עלטער פון פינף יאָהר פאַר די קינדערגאָרטען קלאַסען, וואָס האָבען די זעלבע פונקציעס ווי אין די פּאַבליק סקוהלס פון שטאָדט, צוצוגעוואוינען דאָס קינד צו העברעאישער ערציהונג דורך שפּיל און פאַרוויילונג.

אָבער די גרעסטע קאַטעגאָריע שילער ווערבירט מען פאַר די עלעמענטאַרע

קורסען וואָס דויערען זיבען יאָהר און וואו דאָס קינד פאַנגט ס'רוב אָן לעהרנען אין עלטער פון זעקס־זיבען יאָהר.

ווי שוין אויבען באמערקט, ווערט דער הויפּט טראָפּ געשטעלט אויף הע־בּרעאיש אלס די אומגאנגס שפּראך ביי די לימודים אין די יונייטעד היברו סקוהלס. אין דעם פּרט פאָלגען נאָך די פאראייניגטע תלמוד תורות דעם „קורי־קולום" פון דער מאָדערנער העברעאישער שולע וואו עס ווערט געלערנט חומש, דער געשיכטליכער טהייל פון תנ"ך, אידישער ריטואל, דער סידור, אידישע געשיכטע, לייענען און שרייבען העברעאיש און טראַדיציאָנעלע אידישקייט דורך פארשטענדניס פאר אידישע יום־טובים, מנהגים און אזוי ווייטער.

אין די היי־סקוהל קלאַסען, וואו די סטודענטען און סטודענטקעס מוזען זיין גראַדואירטע פון דעם פולען זיבען־יאָריגען קורס אין דער עלעמענטאר שולע, ווערט שוין געלעהרנט גאַנץ תנ"ך, העכערע העברעאישע ליטעראַטור, קאָמפּאָ־זיציע, גראַמאַטיקע (דקדוק), גרינדליכע אידישע געשיכטע און אויך משנה און גמרא, ווי העכערע געגענשטאַנדען.

* * *

ווי גרויס איז די צאָהל וואָס האָבען אין משך פון די איבער צוואנציג יאָהר גראַדואירט פון דעם זיבען־יאָהריגען טערמין אין די עלעמענטארע קלאַסען פון די פאראייניגטע תלמוד תורות?

זי איז פּראָפּאָרציאָנעל אודאי ניט אזוי גרויס ווי זי וואָלט בעדארפט זיין. און אויך אין דעם פּרט איז דעטראָיט ניט קיין אויסנאַם. די פּראָפּאָרציע איז דאָ ניט קלענער לגבי אנדערע גרעסערע אידישע שטעדט.

ס'איז אָבער אינטערעסאַנט פעסטצושטעלען די רעזולטאַטען פון אן אנ־קעטע וואָס די פארוואלטונג פון די יונייטעד היברו סקוהלס האָט לעצטענס גע־מאַכט צווישען אלע תלמידים און תלמידות וואָס זענען דורכגעגאנגען די קלאַסען.

די מעהרסטע פון זיי זיינען געזעלשאַפטליך טהעטיג אין יענע אָרגאניזא־ציעס, פאר וועלכע זיי ווערען צוגעגרייט אין די פאראייניגטע תלמוד תורות, וואָס אָריענטירען זיך אויף דער ציוניסטישער און אלגעמיין אידיש־נאַציאָנא־לער באוועגונג.

פון די ענטפערס אויפ'ן פראַגע־בויגען האָט זיך באַקומען אז די אינגלאַך און מיידלאַך, וואָס האָבען זיך געלעהרנט אין די יונייטעד היברו סקוהלס, ווי לאַנג אָדער ווי קורץ די פעריאָדע זאָל ניט האָבען געווען, זיינען טהעטיג אין „דזשוניאָר הדסה", „אבוקה", „אלף צדיק אלף", אין די העברעאישע קלובען און אין דער חלוצים באוועגונג פאר ארץ ישראל.

ס'איז א פאקט אז די ערשטע גרופע דעטראָיטער חלוצים וואָס זיינען אוועקגעפאָהרען קיין ארץ ישראל, האָבען אלע גראדואירט פון די פאראייניגטע תלמוד תורות.

וואָס אנבאלאנגט די הויי־סקוהל קורסען וועלכע דויערען פיר יאָהר, זיינען דאָ שוין פארהאן פאָזיטיווע רעזולטאטען.

פאר דער צייט וואָס די הויי־סקוהל פונקציאָנירט, האָבען ארום הונדערט סטודענטען גראדואירט מיט דיפּלאָמען. און די מעהרסטע פון זיי איז אָט די העברעאישע אויסבילדונג שטארק צונוץ געקומען פאר א געזעלשאפטליכער קאַריערע. זיי זיינען איצט אליין תלמוד תורה לעהרער, אינסטרוקטארען אין „סאָנדעי סקוהלס" פאר אידישער דערציהונג, פיהרער אין ארגאניזאציעס, „סאָשעל וואָירקערס" אין אינסטיטוציעס און אנשטאלטען און בכלל, זיינען זיי טהעטיג אויף אזעלכע געביטען וואָס אָהן דער גרינדליכער העברעאישער אויסבילדונג, וואָלט דאָס פאר זיי אונמעגליך געווען.

אויסער דעם חינוך, ווערט ארום די פאראייניגטע תלמוד תורות ווי אן אינסטיטוציע, אנגעפיהרט א פארצווייגטע טהעטיגקייט דורך די „אלומנאַי" קלובען, אין די געמישטע קלובען פון סטודענטען און לעהרער, אין דער קבוצה־עברית און אין אנדערע העברעאישע גרופּירונגען, צעהנדליגער אין צאָהל, וועמענס אויפגאבע איז — דורך ליטערארישע פּראָגראמען, פארזאמלונגען, לעקציעס, דעבאטען, כּאָרען, דראמאטישע פאָרשטעלונגען און כל־ערליי פארוויילונגען—זיך אויסצולעבען אין העברעאיש ווי א ריידענדיגע שפּראך און זיך צו אידענטיפיצירען מיט יענע געזעלשאפטליכע און טראדיציאָנעל־אידישע נאַציאָנאלע באוועגונגען וואָס זיינען די באזע פון די פאראייניגטע תלמוד תורות ווי אן ערציהונג אינסטיטוציע אין דעטראָיטער אידישען לעבען.

אין דעם פּרט דאַרף מען אויך דערמאהנען דעם ערציהונג־חודש, וואָס ווערט דורכגעפיהרט שוין דאָס פערצעהנטע יאָהר, א חודש וואָס איז געווידמעט פּאָפּולער צו מאכען די יונייטעד היברו סקוהלס, ווי אן אינסטיטוציע אויך פאר דערוואקסענע דורך עטליכע עפענטליכע גרעסערע ארויסטריטען, פארזאמלונגען און לעקציעס איבער דאָס געגענשטאנד פון אידישר דערציהונג, ווי עס ווערט אנגעפיהרט אין די פאראייניגטע תלמוד תורות.

מיט א בודזשעט פון ארום זיבעציג טויזענד דאלאר א יאָהר דורכשניטליך פאר די לעצטע דריי יאָהר, קריגען די יונייטעד היברו סקוהלס 36 טויזענד דאָלאר א יאָהר פון די פאראייניגטע אידישע קאמפּיינס, אנגעפיהרט פון דער וועלפעיר פעדעראציע, מיט דער פארשטענדניס אז די פאראייניגטע תלמוד תורות האָבען פאָלשטענדיגע אטאנאמיע אין זייערע פיהרונגען, מעטהאָדען, סיסטעם און פארוואלטערשאפט.

# ישיבת בית יהודה —

## אַ קליינע אינסטיטוציע פאַר אולטראַ־אָרטאָדאָקסישער דערציהונג

**געגרינדעט אלס „תלמוד תורה" פאַר העכערע לימודים מיט קנאַפּע 25 יאָהר צוריק. — די עקזיסטענץ, פיהרונגען און ענדערונגען אין דער געשיכטע פון לעהר־אַנשטאַלט.**

צו דער פעריאָדע פון תלמוד תורות פון פאַרשיידענע מינים און סאָרטען, מיט צוויי־דריי צעהנדליג יאָהר צוריק, געהער די ישיבת בית יהודה וואָס טראָגט דעם נאָמען פון איהר גרינדער, דער פאַרשטאָרבענער רבי יהודה ליב לעווין.

דאָס איז געווען אין די יאָהרען 1915־20, ווען ס'איז געוואָרען א שפע אויף תלמוד תורות אין די דאַמאָלסטיגע אידישע געגענדען פון דעטראָיט.

האָט דער פאַרשטאָרבענער רבי לעווין זיך דערטראַכט צום געדאַנק אז מען מוז אויך געבען א געלעגענהייט יענע קינדער וואָס ווייזען ארויס מעהר חריפות, מיט א פּרעספּעקטיוו פאַר העכערע אידישע לימודים, אז זיי זאָלען פון דער תלמוד תורה קענען פאָרטזעצען זייער שטודיום פאַר א רבי, פאַר א מדריך אין העכערע אידיש־רעליגיעזע פיהרונגען, אין וואָס ס'האָט זיך שוין דאַן גע־פיהלט א נויטווענדיגקייט אין די נייע קיבוצים וואָס זענען אויסגעוואַקסען דאָ און דאָרט.

אזוי האָט דאַן רבי לעווין פאָרמולירט זיין פּלאַן ווען אין דער מגן אברהם (פאַרנסוואָרטה) שוהל, וואו ער איז געווען דער גייסטיגער פיהרער, האָט ער אויסער דער אַלגעמיינער תלמוד־תורה ביי דער שוהל, געגרינדעט א ספּעציעלע ישיבה, וואָס זאָל צוגרייטען קאנדידאַטען פאַר רבנים, שוחטים, דיינים, למדנים, רעליגיעזע עסקנים און אזוי ווייטער און ווייטער.

דעם ערשטען קלאַס אין דער ישיבה האָט רבי לעווין געעפענט סוף 1916 מיט פינף תלמידים — פינף אינגלאַך וואָס ער האָט אויסגעקליבען מיט גוטע קעפּלאַך, מיט א ווילען און באַגעהר צו מאַכען פונ'ם לעהרנען זיך אין דער ישיבה ניט א תפל נאָר אן עיקר, ניט קיין סתם קלאַס צו לעהרנען אביסעל אי־דישקייט אויפן שפּיץ מעסער — א קאַפּעטשקע דאַוונען פון סידור און אפשר אויך די הפטורה מיט א בר־מצוה דרשה — נאָר צו שטודירען אידישקייט ווי א געגענשטאַנד פאַר א קאַריערע, אָנצוקומען אין א העכערער ישיבה, אין א סעמינאַר פאַר אָרטאָדאָקסיש־טעאָלאָגישער אידישקייט, וואָס האָבען דאַן שוין עקזיסטירט אין שיקאַגאָ און אין ניו יאָרק.

פאראלעל מיט דער אלגעמיינער תלמוד תורה אין דער זעלבער פארנס־וואָרטה שוהל, האָט רבי לעווין אנגעפיהרט מיט דער ישיבה און זי אנגעהאל־טען אין א באזונדערען פלאץ אין שוהל־בנין, שוין אפילו נאכדעם ווי די תלמוד תורה האָט זיך אנגעשלאָסען אין די יונייטעד היברו סקוהלס.

מיט דער מיטהילף פון נאָך עטליכע רבנים האָט די ישיבה געקראָגען די נויטיגע שטיצע און קאָאָפעראַציע פון עטליכע שוהלען און א צאָהל פּריוואטע באליבאטים וועלכע האָבען זיך אנגעהאלטען אן דער דאָזיגער „אונאבהענגיגער" תלמוד תורה, וויסענדיג, און זייענדיג באפרידיגט, אז מיט דעם העלפען זיי צו ענטוויקלען לאָקאלע יונגע לייט, דעטראָיטער קאנדידאטען פאר רבנות, פאר גייסטיגער פיהרערשאפט און אָרטהאָדאָקסישע קאָנגרעגיישאָנס.

און אָט די דאָזיגע אויפגאבע וואָס די ישיבת בית יהודה האָט זיך גע־שטעלט ביי איהר גרינדונג, האלט זי נאָך אן עד היום, הגם עס זיינען געמאכט געוואָרען ענדערונגען אין די לימודים אין דעם „קוריקולום", וואָס דערלויבט שוין אויך ארייננצונעהמען ניט דוקא גמרא־אינגלאך, נאָר אויך אזעלכע קינדער וואָס האלטען נאָך ווייט דערפון און וועלען עס אפשר קיין מאָהל ניט דער־גרייכען.

מען קען זאָגען אז לויט די ענדערונגען איז, אין געוויסע פּרטים, די ישיבה שוין כמעט ענליך צו א תלמוד תורה. אודאי ניט פון דעם עברית־בעברית סאָרט, אָבער פאָרט א תלמוד תורה וואו די מעהרסטע קינדער לעהרנען דאַוונען, רע־ליגיעזע אונטעררייכט, א שטיקעל חומש און אנדערע געגענשטאנדען וואָס ענט־שפּרעכען אידישע דערציהונג אינם אולטרא־אָרטהאָדאָקסישען זין פון וואָרט.

דער ציעל פון דער ישיבה, איהר אויפגאבע איז יעדענפאלס נאָך אלץ ווי אמאָהל: צוצוגרייטען דעטראָיטער אידישע אינגלאך פאר העכערע לעהרן־אנ־שטאלטען וואו זיי זאָלען זיך פארפאָלקאָמענען אלס רבנים, אלס גייסטיגע פיה־רער אין אָרטהאָדאָקסישע אידישע געמיינדעס.

און אויף וויפיל דער דאָזיגער ציעל איז דערגרייכט געוואָרען, ווערט בא־וויזען מיט'ן פאקט וואָס פאר דעם משך פון די קנאפּע 25 יאָהר פון דער ישיבה'ס עקזיסטענץ, זיינען עטליכע צעהנדליג פון איהרע תלמידים אוועק אויפ'ן וועג פון רבנות אלס קאריערע און זיי האלטען אָן אזעלכע שטעלעס אין גרעסערע און אין קלענערע אידישע קהלות פון די פאראייניגטע שטאאטען.

פאר פולע זיבען יאָהר צייט — פון 1916 ביז 1923 — איז די ישיבה אנגעהאלטען געוואָרען אין דער פארנסוואָרטה שוהל. אָבער ווען די געאָגראַפישע לאַגע פון די אידישע געגענדען האָט זיך גענומען בייטען, האָט עס, פארשטעהט זיך, אויך געווירקט אויף דער ישיבה.

פאר די נעקסטע צווי יאָהר איז די אינסטיטוציע אריבערגעטראָגען גע־וואָרען אין אָקלאַנד געגענד, דאן אין דעם נייעם אידישען געגענד ארום צוועלפ־טע גאס ביז די עסקנים האָבען נאָך א קנאַפּען יאָהרצעהנדליג פון זיין אין שכנות,, אין געדונגענע דירות, אָדער אין שוהלען, באשלאָסען צו קויפען אן אייגענעם בנין, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען ערשט מיט פיר יאָהר צוריק.

אין משך פון אָט דעם צעהנדליג יאָהר האָט די ישיבת בית יהודה, זיך גע־פונען אין, טיילווייז געקויפטע, טהיילווייז געדונגענע הייזער אויף בלעין עווע־ניו, אויף פינגרי עוועניו און אויך אין בנין פון דער בית תפלה עמנואל שוהל אויף טעילאָר און וואודראָו ווילסאָן עוועניו.

רבי יהודה לעווין איז געשטאנען אן דער שפיץ פון דער אינסטיטוציע אלס ראש הישיבה ביז זיין לעצטען לעבענס־טאָג אין 1926. און ער האָט געהאט צו פארצייכנען באדייטענדע רעזולטאטען פון זיין אויפטו, אויב ניט אין כמות איז אין איכות.

אמת, קיין גרויסע צאָהל תלמידים האָט די ישיבה קיין מאָהל ניט געהאט, העכסטענס פופציג אינגלאך אין די בעסטע צייטען. דערפאר אָבער האָבען מאנ־כע פון די תלמידים שפּעטער זיך אויסגעצייכענט אויפן אָרטהאָדאָקסיש־גייס־טיגען געביט. און דאָס איז געווען א באפרידיגונג פאר'ן גרינדער, זעהענדיג די פרוכט פון זיין ארבייט וואָס איז, ווי געזאָגט, געשטיצט געוואָרען אויך פון אנדערע רבנים און פון א גרופע פריוואטע באלעבאטים.

אין 1936, האָט די ישיבה־פארוואלטונג געקויפט א פיר־פאמיליע הויז אין 9-2535 עלמהורסט עוועניו, וואָס איז רעמאנטירט און איינגעאָרדענט געוואָרען אלס פערמאנענטע היים פאר דער ישיבה מיט א בית־המדרש און אנדערע באַ־קוועהמליכקייטען, אזוי אז די אינסטיטוציע זאָל זיך קענען אביסעל אויסשפּריי־טען, פארברייטערען איהר טהעטיגקייט מיט א מעגליכקייט אריינצונעהמען מעהר קינדער. אין דער דאָזיגער ארבייט האָט זיך באזונדערס פאראינטערע־סירט די ישיבה־ליידים־אקזילערי, וואָס האָט שוין עקזיסטירט פון פריער. די פרויען האָבען געשאפען א גרויסען טהייל פון די פינאנציעלע מיטלען. און דאָס טהוען זיי ביז היינט צו טאָג.

אין דער נייער היים איז אויך דער „קוריקולום" רעאָרגאניזירט, אָדער גע־ענדערט געוואָרען.

אויב פריער פלעגט מען אריינעהמען נאָר קינדער אין עלטער פון צוועלף יאָהר און העכער, וואָס האָבען ארויסגעוויזען סמנים פון פארשטענדנים און ליבע פאר די העכערע ישיבה־לימודים, האָט מען נאָך דער רעאָרגאניזאציע שוין אויך אנגעהויבען אריינעהמען יונגערע קינדער, אין עלטער פון אכט, ניין און צעהן

יאָהר, אזוי אז מען האָט גלייכצייטיג געמוזט ענדערען דעם סדר פון די לימודים און זיי מאַכען צוגענגליך צו די יונגערע תלמידים.

די אלגעמיינע סיסטעם, ווי א שיטה אין דער ישיבת בית יהודה, איז אָבער געבליבען די זעלבע ווי אמאָהל.

דער קארדינאַלער אונטערשייד צווישען דער ישיבת בית יהודה און, לאָמיר זאָגען, די פאראייניגטע תלמוד תורות באשטעהט אין דעם וואָס דאָרט, אין די „יונייטעד היברו סקוהלס" פאַגט מען אָן מיט'ן קינד, ווי יונג אָדער אַלט עס זאָל ניט זיין, אין דער העברעאישער שפראַך ווי דער אינסטרומענט צום לעהר־נען זיך, ווי די רעדעוודיגע שפראַך אין שולע; ווערענד דאָ באנוצט מען פאר די יונגע קינדער ענגליש אלס אומגאנגס שפראַך אין די ערשטע קלאַסען; און פאר די עלטערע תלמידים, ווען עס קומט צו די העבערע לימודים ווי משנה, גמרא, מפורשים און אזוי ווייטער, ווערט באנוצט אידיש אלס דער שפראַך־אינסטרו־מענט פאר דער פארטייטשונג און אויפקלעהרונג פון דאָס וואָס מען לעהרנט.

אויף אזא אופן איז די ישיבת בית יהודה שיעור ניט א אידישיסטישע . . . אָבער דאָס איז נאָר אגב אורחה.

פארשטעהט זיך, אז אויך אין דעם אלגעמיינעם צוגאנג צו די לימודים איז א גרויסער אונטערשייד צווישען די יונייטעד היברו סקוהלס און די ישיבת בית יהודה.

אויסער חומש איז, צום ביישפיל, דאָס לעהרנען משנה, גמרא, דינים און מנהגים שוין פון די הויפט געגענשטאַנדען אין צווייטען קלאַס פון דער ישיבה. און תנ"ך און אידישע געשיכטע זיינען צוגאב־געגענשטאַנדען אין די העבערע קלאַסען — איז עס פונקט פארקעהרט אין די פאראייניגטע תלמוד תורות.

דאָס איז נויטיג צו באטאָנען אום קלאָהרער צו מאַכען וואָרום די ישיבת בית יהודה, קליין ווי זי איז, האָט זי די אלע יאָהרען אנגעהאלטען איהר ספּעצי־פּישע אונאבהענגיגקייט און זיך ניט אנגעשלאָסען אן די יונייטעד היברו סקוהלס, אָדער סתם פארגרעסערט איהר באזע ווי א שטאָדטישע אינסטיטוציע, ווייל איהר גאנצע סביבה איז א קלענערע, אַ מעהר באשרענקטע.

אין דער ישיבת בית יהודה זיינען די לימודים איינגעטהיילט אין זעקס קלאַסען, אלע אנגעפיהרט אויפן אולטרא־אָרטאָדאָקסישען שטייגער מיט דר. שמשון ר. וויים אלס מנהל אָדער „דיען" פון דער „היברו טאַלמודיק אקעדעמי", ווי די ישיבה ווערט גערופען אין ענגליש.

אין דער ישיבה ווערען אריינגענומען נאָר אינגלאַך. און אנגעפאנגען ווערט

דער לימוד מיט ברכות, טראָגען ציצית, דאַווענען, אידישע מנהגים, זיטען און געוואוינהייטען אַלץ אויף א טראַדיציאָנעלען שטייגער שוין גלייך פון אנהויב אָן, צו־צוגעוואוינען דעם תלמיד צו א העכערער ישיבה — אויב זיין ווילען איז נאָר דערביי — וואו ער זאָל קענען שטודירען ביז סמיכה.

פאַר די אַלע יאָהרען וואָס די ישיבה עקזיסטירט, פלעגען די אויסגאַבען געדעקט ווערען פון א צאָהל מיטגלידער, פון אפיעלס אין די אָרטאָדאָקסישע שוהלען, פון א „דרייוו" אין פאַרלויף פון דער פסח־וואָך, פון ימים־נוראים נדרים, טהיילווייז פון שכר־לימוד און פון דער פרויען אקזילערי, די „ליידיס פון דער ישיבת בית יהודה".

אזוי שנעל ווי די אינסטיטוציע האָט זיך אריבערגעצויגען אין אן אייגענער, פערמאַנענטער היים, האָט זי זיך געווענדעט צו דער אידישער וועלפעיר פעדע־ראַציע פאַר א סובסידיע פון די פאַראייניגטע אידישע קאַמפּיינס.

דאָס איז גלייך באוויליגט געוואָרען און פאַר די לעצטע פיר יאָהר איז די ישיבת בית יהודה איינגעשלאָסען אין דער יעהרליכער „קוואָטא" פון קאַמפּיין.

די ישיבה פיהרערשאַפט איז זייט דאַן אויך פּראַקטישער געוואָרען און מעהר ווי איין פּרט.

מיט אן אויסגעברייטערטען און מעהר צוגענגליכען סדר־הלימודים האָט מען אויך, אנשטאַט וואַרטען, גענומען זוכען תלמידים. פאַר דעם צוועק האָט די ליידיס אקזילערי אויסגעשטאַטעט א ספּעציעלען באָס מיט א שאָופער וואָס פאָהרט צונויפקלייבען די קינדער פון ווייטערע געגענדען און זיי ברענגען אין דער ישיבה.

די דאָזיגע מעהר מאָדערנע מעטהאָדע, האָט געבראַכט די געוואונשטע רע־זולטאַטען. פאַרן לעצטען יאָהר האָט די צאָהל תלמידים כמעט זיך פאַרדאָפּעלט. זי דערגרייכט איצט איבער הונדערט וואָס שליסט איין א קלאַס אויך פאַר האַי־סקוהל סטודענטען, וועלכע לעהרנען אין דער ישיבה פון צעהן ביז עלף אינדער־פריה, איידער זיי געהן אין סקוהל אריין.

די רעגולערע קלאַסען ווערען אנגעפיהרט טעגליך פון 3:30 בייטאָג ביז 8 אזייגער אָוועגד און שבת דעם גאַנצען נאָכמיטאַג אין א סביבה פון שטרענג־אָרטהאָדאָקסיש־טראַדיציאָנעלער אידישקייט.

מאנכע תלמידים וואָס קומען גלייך פון פּאָבליק סקוהל אין דער ישיבה, ווערען באַזאָרגט אויך מיט א צובייס (לאָנטש), אין יענע פאַלען וואו דאָס איז א נויטווענדיגקייט. און דאָ דאַרף באמערקט ווערען אז די מעהרסטע תלמידים

קומען ניט פון פארמעגליכע הייזער, נאָר פון דער דעטראַיטער אידישער אָרעמ־קייט. מעהר ווי זיבעציג פראָצענט פון די קינדער צאָהלען אינגאנצען ניט קיין שכר לימוד.

אין דער געשיכטע פון דער ישיבת בית יהודה, ווערט דאָס איצטיגע יאָהר 1940 באטראכט אלס דאָס סאמע וויכטיגסטע.

אין סעפטעמבער איז פאָרגעקומען א פאָלשטענדיגע רעאָרגאניזאציע און א סטעף פון דריי שטענדיגע לעהרער, באוואוסטע רבנים, איז אנגעשטעלט געוואָרען.

דער בודזשעט איז פארדאָפּעלט געוואָרען פון פינף אויף צעהן טויזענד דאָלאר א יאָהר; די צאָהל תלמידים איז מעהר ווי פארדאָפּעלט געוואָרען; די אַקטיוויטעט ארום דער ישיבה מצד דעם „ועד הרבנים“ איז אויסגעברייטערט און פארשטאַרקט געוואָרען; און אין יאָהר 1940 זיינען פארצייכענט געוואָרען 22 גראַדואירטע פון דער ישיבת בית יהודה וואָס זעצען פאָר זייער אָרטהאָדאָקסישע רבנ'ישע אויסבילדונג אין העכערע ישיבות און לעהרן־אנשטאַלטען פון לאנד.

# די אידיש-וועלטליכע שולען —
## אן אינסטיטוציע פאַר אידיש-פּראָגרעסיווער דערציהונג

פון די ערשטע שפּראָצונגען ביז אן אויסקריסטאַליזירטע שול־סיסטעם. — פּועלי־ציון, ארבייטער רינג און שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט. — 28 יאָהר גע־שיכטע פון פּראָגרעסיווע שול־און־קולטור וועזען אין דעטראָיט.

אנדערש ווי אַלע אנדערע דעטראָיטער אידישע אינסטיטוציעס וואָס זיינען צום לעבען געקומען פון די דורכאויס אָרטיגע באַדינגונגען און זייער אָבשטאַם געפינט מען אין דער לאָקאַלער סביבה, איז דאָס אידיש־וועלטליכע שול־וועזען פארקניפּט און פארבונדען מיט דער אַלגעמיין־אידישער, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציהונגס באַוועגונג אין ניו יאָרק וועלכע האָט משפיע געווען די גרינדונג פון דער ערשטער וועלטליכער שול אויף דער דעטראָיטער אידישער גאַס.

אפילו דער קאַמף וואָס איז „דאָרט" פאַר פילע יאָהרען געפיהרט געוואָרען צווישען די פארשיידענע ריכטונגען אינערהאַלב דער פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלער דערציהונגס באַוועגונג, האָט זיך אויך אָבגעשפּיגעלט דאָ, אין דעטראָיט, ביז ס'האָט זיך אויסקריסטאַליזירט א מעהר, אָדער וויינינגער, הארמאָנישער בליק, א פריינדליכע פארשטענדניס וואָס האָט ׳מעגליך געמאַכט אז אין די ראַמען פון דער לאָקאַלער אידישער שול־און־קולטור באַוועגונג, זאָל מען היינט צו־טאָג קענען ריידען פון די אידיש־וועלטליכע שולען — כאָטש אנגעפיהרט באַזונדער פון דריי קערפּערשאַפטען — ווי פון א כמעט איינהייטליכע אינסטיטוציע.

וואָרים דער אמת איז דאָך אז וואָס דעטראָיט אנבאַלאַנגט, איז די סיס־טעם און אויך די לימודים פּראָגראַם, אָדער „קוריקולום" — מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, שיר־ניט די זעלבע אין אַלע דריי מינים שולען — אין די אר־בייטער רינג שולען, נאַציאָנאַלער ארבייטער פארבאַנד שולען און שלום עליכם שולען.

דער פּעדאַנט און דער שטרענגער פּארטיי מענש (אויך אין דערציהונג, האָבען מיר ווי באַוואוסט, פּארטייאישקייט) וואָס זיינען מקפּיד אויף א קוצו של יוד, פאַר זיי איז ניט שוועהר צו געפינען דעם אונטערשייד צווישען די דריי סאָרטען שולען. אָבער ביי דעם אַלגעמיינעם עולם, ביי די טאַטעס און מאַמעס פון די קינדער, אסאָציאירט זיך אידיש־וועלטליכע דערציהונג מיט אירגענד וועלכער פון די דריי ׳מינים שולען. און ס'איז אגב א פאַקט אז קינדער פון אר־בייטער רינג עלטערען געהן אין די שלום עליכם אָדער אין די נאצ. ארבייטער פארבאַנד שולען — און פארקעהרט.

דאָס ווערט, פארשטעהט זיך, ניט געטהאָן אוים טראַציגקייט, נאָר גיכער ווי אַליץ אוים באקוועהמליכקייט, מעהרסטענס צוליב דער געאָגראַפישער לאגע, ווייל אין דער באטרעפענדער שול איז פאר׳ן קינד נעהנטער צו קומען. און דאַן פאַלט שוין אינגאנצען אוועק די פראגע פון אונטערשייד צווישען דער אָדער יענער פון די דריי סאָרטען שולען.

דאָס איז דאָ נויטיג צו באטאָנען אום זיך צו שאפען א באגריף אויף ווי־וויית אונזער אידיש־וועלטליכע דערציהונג איז אוועק פונ׳ם „אמאָהל", וועניג־סטענס אויף יענעם געביט פון אַלגעמיינער אָבשאצונג מצד די פּראָגרעסיווע מאסען איבער דער דאָזיגער שול־און־קולטור אינסטיטוציע אין דעטראָיטער אידישען לעבען.

* * *

דריי היסטאָרישע דאטעס דארפען אונטערשטראָכען ווערען אין דער גע־שיכטע פון די דעטראָיטער אידיש־וועלטליכע שולען: דאָס יאָהר 1912 דאָס יאָהר 1917 און דאָס יאָהר 1921.

די ערשטע דאטע געהער צו די פועלי־ציון, די פיאָנערען פון דער נאציאָנאל־ראדיקאַלער שול־באוועגונג; די צווייטע געהער צו די סאָציאַליסטען טעריטאָרי־אַליסטען (ס. ט.), וועלכע האָבען געגרינדעט די י. ל. פרץ שול; און די דריטע דאטע געהער צום ארבייטער רינג, צו די דעטראָיטער ברענטשעס וועלכע האָבען פון זיך געשאַפען א רעפּרעזענטאטיווע קערפּערשאפט אנצופיהרן מיט׳ן א. ר. שול־וועזען ווי א צווייג פון דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיוו־קולטורעלער טעטיג־קייט פון אָרדען. און דאָ דארף גלייך באמערקט ווערען אַז, ווערענד ביי די פועלי־ציון און ביי די סאָצ. טעריטאָריאַליסטען זיינען געווען איבעררייסען, און זייער געשיכטע איז געגאנגען זיגזאַגיש; געווען צייטען ווען זייערע שולען זיינען אונטערגעגאנגען און קיין פארזוכען צו גרינדען נייע זיינען ניט געמאכט געוואָרען, עקזיסטירען די א. ר. שולען אָהן אויפהער, זייט דער גרינדונג פון דער ערשטער שולע אין יענעם יאָהר 1921.

די אידיש־וועלטליכע שולען, ווי אַן אוממיטעלבאַרער צווייג פון דער גאנ־צער פארשיידענאַרטיגער, אידיש־ראַדיקאַלער און אידיש־קולטורעלער באוועגונג, האָבען אין משך פון די פילע יאָהרען, צוגלייך מיט אָט דער באוועגונג, דורכ־געמאכט פעריאָדען פון קריזיס און פעריאָדען פון אויפשטייג. די איבעררייסען און דאָס זיגזאַגישקייט אין דעם גאנג פון די אָדער יענע מינים שולען, איז דאַ־רום געווען אונפארמיידליך. מען דארף אָבער דארויף אנווייזען אום צו זיין טריי צו דער געשיכטע און אפשר אויך ווי א פאַקט אַז, אויב עס קומט קרעדיט די

פיאָנערען, קומט ניט וועניגער קרעדיט די ווייטערע נאָכפאָלגער, די עקשנים וואָס האָבען זיך ניט געלאָזען באווירקען פון די אומשטענדען און פאָרטגעזעצט דאָס וואָס די ערשטע האָבען אנגעפאנגען. א דאנק די ערשטע ווי די לעצטע קען מען איצט ארונטערציהען א סך הכל פון 28 יאָהר אונאונטערבראָכענער טעטיגקייט פון די אידיש־וועלטליכע שולען.

---

אין פריהלינג פון 1912 האָבען א גרופע פועלי־ציוניסטישע טהוער, באַווירקט פון די ידיעות אז אין ניו יאָרק איז געגרינדעט געוואָרען א נאציאָנאַל־ראדיקאַלע שולע, באשלאָסען נאכצופאָלגען דעםביישפיל אין דעטראָיט.

יענע פיאָנערען, זייענדיג באגייסטערט פון דער אידעע אז ס'איז פאראַן א פארבינדונג צווישען נאציאָנאַליזם און ראדיקאַליזם, צווישען אידישקייט און וועלטליכקייט, האָבען אפילו ניט געוואַרט אויף מעהר אינפאָרמאציע — וועגען פראָגראַם, וועגען א סיסטעם, וועגען דעם אופן ווי אזוי אזא שולע דאַרף און זאָל געפיהרט ווערען — פונ'ם צענטער, פון ניו יאָרק.

דער געדאַנק אליין פון נאציאָנאַל־ראדיקאַלער דערציהונג איז פאר זיי גענוג געווען. האָבען זיי ארויסגעלאָזען אן אויפרוף צום אידישען עולם וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין, און ארום, הייסטינגס סטריט, וועגען דער געפּלאַנטער שולע וואָס זיי וועלען בקרוב עפענען.

אויף האַי סטריט האָט זיך דעמאָלט געפונען א קליינער ציוניסטישער לאָקאַל וואָס די פועלי־ציון האָבען אָבגעדונגען אויף שבת און זונטאג אלס נאַציאָנאַל־ראדיקאַלע שולע פאר אידישע קינדער.

ווען אלעס איז פארטיג געוואָרען און די טהירען פון דער שולע האָבען זיך געעפענט, זיינען געקומען צעהן קינדער. דאָס איז געווען אין זומער פון זעלבען יאָהר 1912, ווען דער גרונדשטיין פאר'ן אידיש־וועלטליכען שול וועזען איז געלעגט געוואָרען אין יענעם קליינעם „בני ציון" לאָקאַל. אלס די ערשטע צוויי לעהרער האָט דער פּ. צ. פאראיין באשטימט י. חגי און ג. ביסקין.

שפּעטער ווען די צאָהל קינדער האָט געהאלטען אין וואקסען, זיינען אנדערע טוער פון דער פועלי־ציון פארטיי צוגעקומען אלס לעהרער. אָבער די שולע איז געווען בלויז אן, אזוי־צו־זאָגען, „סוף־וואָכיגע". מען האָט בלויז געלערענט שבת און זונטאג, לויט א פּראָגראַם וואָס די לעהרער האָבען אליין אויסגעארבייט: אידיש און העברעאיש אויף וויפיל דאָס האָט זיך איינגעגעבען דורכ'ן לימוד פון בלויז איין מאָהל אין וואָך; אידישע געשיכטע וואָס מען האָט די קינדער דערצעהלט און הויפּטזעכליך געזאנג און פייערונגען פון יום־טובים

לויט דעם מאָדערנעם גייסט אין דעם מאָדערנעם זין ווי דאָס איז דעמאָלט פאַר־שטאַנען געוואָרען.

בלויז א קורצע צייט האָט די שולע זיך געפונען אין ציוניסטישען לאָקאַל וואָס איז, מיט'ן וואוקס פון דער צאָהל קינדער, אַלץ אומפּאַסיגער געוואָרען פאַר'ן צוועק. און אלס אויסוועג פון דער לאַגע, האָבען די שול־פיהרער זיך גע־ווענדעט צום ערשטען צענטער פון אידישער וואוילטהעטיגקייט, צו דער פאַר־וואַלטונג פון „האַנא שלאָס" בילדינג, וועלכע האָט נאָך א לענגערער בעראַטונג באַוויליגט א דירה פאַר דער שולע. און דאָ אין האַנא־שלאָס בילדינג איז די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע אנגעהאַלטען געוואָרען גאַנצע זעקס יאָהר, אָבער בלויז אלס שבת און זונטאָג שול.

אין משך פון די זעקס יאָהר זיינען געוועזען צייטען ווען אין די קלאַסען פלעגען קומען אַרום צוויי הונדערט קינדער. עס איז אויסגעוואַקסען אַן אַקטיווע שול־אָרגאַניזאציע פון פאַרשיידענע אידיש־קולטורעלע עלעמענטען. ס'איז אפילו געשאַפען געוואָרען א פּרויען פאַראיין ביי דער שול וואָס האָט זיך שטאַרק נוצ־ליך געמאַכט. און דאָך איז קיין פאַרזוך ניט געמאַכט געוואָרען צו פאַרוואַנדלען די שול אין א טעגליכער.

אין דער ערשטער אידיש־וועלטליכער שול פון דעטראָיט מיט צוויי הונ־דערט קינדער, האָט מען פאַר זעקס יאָהר צייט זיך באַנוגענט מיט לעהרנען בלויז זיבען שעה א וואָך: דריי שעה, שבת נאַכמיטאָג און פיר שעה, זונטאָג. ס'איז, פאַרשטעהט זיך, ניט אונזער אויפגאַבע דאָ אריינצוגעהן אין די אורזאַכען, נאָר בלויז צו פאַרצייכנען דעם דאָזיגען פאַקט.

ערשט אין 1918, האָט די שול־אָרגאַניזאַציע, אַן וועלכער עס זיינען שוין געווען אנגעשלאָסען די צווייגען פון אידיש־נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד און אנדערע גרופּירונגען אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, גע־עפענט א טעגליכע שול אין אן אייגענער געקויפטער הויז אויף איסט הענקאָק סטריט. אָבער אויף דעם דאָזיגען געביט פון טעגליכער אידיש־פּראָגרעסיווער דערציהונג, זיינען די פּ. צ. פיהרער שוין ניט געווען די ערשטע. וואָרים מיט א יאָהר פריער, אין 1917, האָבען א גרופּע טוער פון דער סאָצ. טעריטאָריאַליסטי־שער באַוועגונג, וועלכע האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם ס. ט. ברענטש 485 אר־בייטער רינג געגרינדעט א טעגליכע אידיש־וועלטליכע שול, נעהמענדיג אלס מוסטער די י. ל. פּרץ שולע וואָס האָט דאַן שוין עקזיסטירט אין טאָראָנטאָ.

צו דעם דאָזיגען צווייטען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אידיש־פּראָגרע־סיווער דערציהונג, וועלען מיר באַלד צוקומען. דערווייל האַלטען מיר ביי דער

פּ. צ. שול, וואָס האָט אלס טעגליכע שולע זייט 1918 עקזיסטירט קנאַפּע דריי יאָהר צייט — דאָס לעצטע יאָהר מיט גרויס שוועריגקייטען — ביז זי איז אונטערגעגאנגען.

אין די בעסטע צייטען האָט יענע טעגליכע שולע געהאט ארום הונדערט קינדער מיט א פּערזאָנאַל פון צוויי לעהרער. אָבער, צוליב איין אורזאך אָדער א צווייטער, האָט זי זיך ניט געקענט האַלטען. און ווען א פייער האָט פאר־ברענט די שול געביידע, האָבען די טוער מעהר קיין פארזוך ניט געמאכט צו קריגען א נייע שול־היים. אזוי האָט עס שוין אנגעהאַלטען גאנצע זעקס יאָהר ביז די פּועלי־ציוניסטישע, איצט בעסער באוואוסט אַלס די פאַרבאנד פאָלק שולען, זיינען ווידער עטאַבלירט געוואָרען אין דעם אַלגעמיינעם אידישען שול־און־קולטור וועזען פון דעטראָיט.

* * *

דאָס יאָהר 1916־17 ברענגט א פרישען שטראָם אידיש־געזעלשאפטליכע עלעמענטען קיין דעטראָיט. צווישען זיי, א באַדייטענדע צאָהל פיהרער און טוער אין דער ס. ט. באוועגונג, וועלכע האָט דאן שוין געהאט אויסקריסטאַלי־זירט דעם געדאַנק פון אידיש פּראָגרעסיווער דערציהונג אונטערן לאָזונג: „דאָס אידישע קינד פאַר'ן אידישען ארבייטער פאָלק" — א לאָזונג וואָס איז אזוי אויסגעטייטשט געוואָרען פון זיינע באגרינדער אז ס'האָט שאַרף צוטהיילט די ס. ט. און די פּ. צ. אין צוויי — אידעאיש זיך שטארק באקעמפענדע — מחנות לגבי דאָס שול־וועזען. פון קיין פאראייניגונג אַרום דער עקזיסטירענדער נאַ־ציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. די מעהרסטע סאָצ. טעריטאָריאַליסטען האָבען אַלס גרופּע זיך אנגעשלאָסען אן ארבייטער רינג וואו זיי האָבען געקראָגען דעם נאָמען און נומער „סאָציאַליסטיש טעריטאָריא־ליסטישער ברענטש 485 ארבייטער רינג". און דער דאָזיגער ברענטש צוזאַמען מיט די, אַלץ מעהר און מעהר צוגעקומענע ס. ט. כחות, א צאָהל פון זיי שוין ערפאהרענע שול־טוער פון קענעדע, האָבען אין פריהלינג פון 1917 געגרינדעט די י. ל. פּרץ שול מיט א לעהרן־פּראָגראַם וואָס האָט באטאָנט צוגלייך מיט'ן נאָמען" אידיש פרייע שולען", ווי די ס. ט. שולען האָבען זיך דאן גערופען, אויך דעם, אַזוי־גערופענעם, אידישיסטישען וועלט־באַנעהם אין דער לימודים־פּראָ־גראַם, וועלכע איז שפּעטער אויך געוואָרען די ריכט־ליניע אין די ארבייטער רינג שולען.

די נייע שול־אָרגאַניזאַציע האָט אָבגעדונגען א הויז אויף איסט פּערי עווע־נין, וואָס איז איינגעאָרדענט און צוגעפּאסט געוואָרען פאַר א שולע. און דאָס פּעדאַגאָגישע פּראָבלעם איז לייכט געלעזט געוואָרען ווען קיין דעטראָיט איז

דעמאָלסט אנגעקומען דער באַקאַנטער לעהרער און קולטור־טוער, יוסף קאמאַי וועלכער האָט גלייך איבערגענומען די לייטונג פון דער י. ל. פּרץ שול. אגב איז י. קאמאַי אין דעם פּרט א לאָקאַלער וועטעראַן. ער איז עד היום פאַרבונדען מיט דער שול באַוועגונג אלס אקטיווער לעהרער, צוערשט אין דער י ל. פּרץ שול, שפּעטער אין די א. ר. שולען און די לעצטע עטליכע יאָהר אין די שלום עליכם פאָלק־שולען.

סוף זומער פון 1917 איז די י. ל. פּרץ שול געעפענט געוואָרען און אין משך פון א קורצע צייט האָט זי שוין געהאט ארום 70 שילער. די שולע איז שטארק פּאָפּולער געוואָרען צווישען די פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלע עלעמענטען פון דער אידישער באַפעלקערונג. אויך אין נייעם אידישען געגענד, אויף אָקלאַנד, וואָס האָט דאַן גענומען וואַקסען מיט גרויס אימפּעט, האָט זיך אריבערגעטראָגען דער ערפאָלג פון דער י. ל. פּרץ שול. דאָס האָט אויף אזוי פיל געווירקט אז עטליכע פּריוואַט־מענשען, צוויי פון זיי פּראָפעסיאָנעלע לעהרער, האָבען אין נייעם געגענד, אויף גרילי עווענו, געגרינדעט א קליינע שולע — בעסער געזאָגט, א מאָדערנעם אידישיסטישען חדר—לויט'ן מוסטער פון דער י. ל. פּרץ שול. און אָט דער קליינער שולע איז שפּעטער, דורך א קנויל פון אומשטענדען, באַשעהרט געווען צו שפּילען א גרויסע ראָלע אין דעם ווייטערדיגען וואוקס און ענטוויקלונג פון אידיש־וועלטליכען שול־וועזען, וואָס ציהט זיך אָהן אי־בעררייס ווי א גאָלדענער פאָדים שוין איבער צוואַנציג יאָהר, ווען די שולען זיינען אייגענטליך דער באַזיס פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער קולטור־ארבייט אויף דער אידישער גאַס.

קנאַפּע צוויי יאָהר נאָכדעם ווי מען האָט געעפענט די שול אויף איסט פּערי עווענו, האָט די געאָגראַפישע לאַגע פון די אידישע דיסטריקטען זיך אזוי געביטען אז ניט נאָר זיינען פון דער שול אבגעפאַלען א גרויסע צאָהל קינדער, נאָר אויך די טוער האָבען צוליב מעהר ווי איין אומשטאַנד „עמיגרירט" אין נייעם אָקלאַנד געגענד וואו ס'האָט ספּאָנטאַן זיך אויפגעהויבען א באַוועגונג איבער־צונעהמען יענע קליינע גרילי סטריט שול, וואָס איז טאקע גאנץ שנעל רעאַליזירט געוואָרען.

אין 1919 איז די ערשטע י. ל. פּרץ שול אויף דער איסט סייד אויפגעגעבען געוואָרען און די צווייטע י. ל. פּרץ שול האָט זיך געעפענט אין אן אייגענער באַקוועהמער הויז, אין א געקויפטע הויז אויף קאַמעראָן עווענו, צו יענער צייט דאָס הארץ פונ'ם נייעם בעסערען אידישען געגענד פון שטאָדט.

ארום דער קעמעראָן י. ל. פּרץ שול האָבען זיך קאָנצענטרירט די מעהרסטע אידישע קולטור־טוער, צווישען זיי א באַדייטענדע צאָהל ארבייטער רינג מיט־

גלידער. די היים פון דער שול איז געוואָרען דער מאָדערנער „בית־ועד", דער צענטראַל־פונקט, פון די אידישע פּראָגרעסיוו־קולטורעלע כחות. און אזוי האָט די י. ל. פּרץ שול עקזיסטירט ביז 1922 ווען זי איז איבערגענומען געוואָרען פון ארבייטער רינג. אין אָט דער בליה־פּעריאָדע איז א. בראַמבערג געווען דער הויפּט לעהרער אין דער י. ל. פּרץ שול.

---

אנפאנג יאנואר 1921 הויבט זיך אָן א נייע קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אידיש־וועלטליכען שול וועזען. ס'איז נאָר־וואָס געעפענט געוואָרען דער ליבאָר לייסעאום אויף ליווינגסטאָן סטריט, א גרויסער בנין געבויט פון א. ר. אלס היים פאר די אקטיוויטעטען פון אַלע ברענטשעס און אינסטיטוציעס פון אָרדען. און דעם 15טען פון דעמזעלבען חודש, האָט זיך געעפענט די ערשטע ארבייטער רינג שול אין לייבאָר לייסעאום, געפיהרט און פארוואלטעט פון א רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון אַלע ברענטשעס מיט י. קאַמאַי אלס לעהרער.

ארום דער א. ר. שול זיינען גלייך טעטיג געוואָרען א צאָהל טוער, סימ־פּאַטיקער מיט'ן אידיש־וועלטליכען שול וועזען, הגם ניט קיין א. ר. מיטגלידער, וועלכע האָבען פאָראויסגעזעהן די גרויסע מעגליכקייטען פון איין פאראייניג־טער שול באוועגונג אין די רייהען פון ארבייטער רינג. און דאָס האָט געפיהרט צום באשלוס פון דער י. ל. פּרץ שול זיך אנצושליסען אָדער איבערצוגעהן אין רשות, פון ארבייטער רינג וואָס איז צושטאַנד געקומען סוף 1922. דער פּועל יוצא פון אָט דער פאראייניגונג האָט מעגליך געמאַכט אז שוין מיט א האַלב יאָהר שפּעטער, אין פריהלינג פון 1923, האָט די א. ר. שול־פארוואלטונג דורכ־געפיהרט א גרויסען גראַדואיר יום־טוב פון יענע שילער וואָס האָבען מיט עט־ליכע יאָהר פריער אנגעפאנגען זייער אידיש־וועלטליכע דערציהונג אין דער י. ל. פּרץ שול.

דריי און א האַלב יאָהר צייט האָט די א. ר. שול עקזיסטירט אין לייבאָר לייסעאום. אין זומער פון 1924 ווען דער לייבאָר לייסעאום איז צוליב פאר־שיידענע אורזאַכען אויפגעגעבען געוואָרען, איז די אידיש־פּראָגרעסיווע קולטור באוועגונג געבליבען מיט איין שולע, די א. ר. שול אין אָקלאַנד געגענד, וואָס האָט געהאט איהר היים אין לייבאָר טעמפּעל אויף דעלמאַר עווענינו. אין דעם דאָזיגען בנין וואָס איז לכתחילה געקויפט געוואָרען פון אידישע סאָציאַליסטען וועלכע האָבען זיך גרופּירט אין די א. ר. ברענטשעס פון אָקלאַנד, איז די י. ל. פּרץ שול אַריבער גלייך נאכדעם ווי זי איז איבערגענומען געוואָרען פון דער א. ר. שול פארוואלטונג. און דאָרט האָט די שול עקזיסטירט ביז 1928, ווען דער

ארבייטער רינג האט געקויפט א נייע היים אויף האלברוק עוועניו. אין דער דאזיגער היים איז דעם א. ר. אויסגעקומען אנצופאנגען בויען דאס שול־וועזען אויפ'סניי. אבער דערצו האט ווידער גורם געווען, א פרישער. קנויל פון אומ־שטענדען וואס האבען מיט'ן עצם ענין — די אידיש־וועלטליכע שולען — ניט צו טהאן.

אין משך פון די עטליכע יאהר זיינען פארזוכען געמאכט געווארען אויס־צושפרייטען די א. ר. שולען אויף אנדערע שטאדטישע געגענדען וואו, ס'האט אויסגעזעהן אז עס וואקסט דארט אויס א מעהר קאמפאקטער אידישער ישוב. פאר א שטיקעל צייט האט אן א. ר. שול פונקציאנירט אין דעם נייעם אידישען געגענד אויף דער וועסט־סייד, ארויס וועסט וואָרען עוועניו. אבער לאנג האט די שול דארט זיך ניט געקענט האלטען.

---

א נייער איבעררייס אינ'ם שטילשטאנד פון דער אידיש־וועלטליכער דער־ציהונג־באוועגונג, איז געקומען אין יאהר 1925 מיט דער גרינדונג פון דער אומ־פארטייאישער פאלק־שול געזעלשאפט, וואס האט שפעטער געפיהרט צו דער ווידער־אויפלעבונג פון די פארבאנד (פועלי ציוניסטישע) שולען און צו דער גרינדונג פון די שלום עליכם שולען, דורך דער עטאבלירונג פון שלום עליכם פאלק אינסטיטוט אלס פערמאנענטע דעטראָיטער שול־און־קולטור ארגאניזאציע.

דר. יהודה קויפמאן, דער אידיש־העברעאישער געלעהרנטער (איצט אין ארץ ישראל), האט אין הערבסט פון יענעם יאהר א שטיקעל צייט פארבראכט אין דעטראָיט. און איהם איז געלונגען צוזאמענצובריינגען די פארשיידענע פראָ־גרעסיוו־קולטורעלע עלעמענטען — פועלי ציוניסטען, געוועזענע סאָצ. טעריטאָ־ריאליסטען, אידישיסטען און העברעאיסטען — פאר דער גרינדונג פון אן אומ־פארטייאישער פאלק־שול געזעלשאפט, וועלכע האט זיך גלייך געלאזען פיהלען אויף דער אידישער גאס.

מיט א צאהל פארמעגליכע מענשען אן דער שפיץ, איז די פאלק־שול גע־זעלשאפט אפיציעל געגרינדעט געווארען דעם 18טען אקטאבער 1925. מיט עט־ליכע חדשים שפעטער, אין מאי 1926, איז די, אזוי גערופענע „אומפארטייאי־שע" פאלק־שול געעפענט געווארען אין אן אייגענער געקויפטער הויז, אויף 539 קענילוואָרטה עוועניו, מיט א. פיין אלס לעהרער. און איידער דאס יאהר איז פאראיבער האט די אומפארטייאישע פאלק־שול געזעלשאפט געעפענט א צווייטע שול אויף צוועלפטע גאס מיט מ. האר אלס לעהרער.

מען האט זיך פארנומען גרויס און אין קיין געלד איז קיין מניעה ניט געווען.

מיט אַן אמביציע פון די טוער אוועקצושטעלען דעטראָיט אין סאמע פאָר־דערגרונד פון דער אידיש־וועלטליכער שול־באוועגונג וואָס האָט גלייכצייטיג, בעדארפט באַפרידיגען די קולטורעלע באדערפניסען פון די דערוואַקסענע, האָט די פאָלק־שול געזעלשאפט אראָפּגעבראכט קיין דעטראָיט שלמה בערקאָוויטש, דער דעמאָלסטיגער דירעקטאָר פון שלום עליכם פאָלקסאינסטיטוט אין ניו־יאָרק, ער זאָל דאָ איבערנעהמען די פיהרערשאפט פון די פאָלק־שולען.

אַלעס האָט אויסגעזעהן צו זיין גאָר גוט. די פּערספּעקטיווען זיינען געווען גרויסע און פּלענער זיינען אויסגעארבייט געוואָרען אויסצושפּרייטען דער פאָלק־שול געזעלשאפט׳ס טעטיגקייט אין אנדערע געגענדען פון שטאָדט. אָבער ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און די, אזוי גערופענע, „אומפּארטייאישקייט“ אינערהאלב דער פאָלק־שול געזעלשאפט, איז צובראָכען געוואָרען.

ס׳האָבען זיך אנגעהויבען די אונפארמיידליכע רייבונגען, די אידעאישע שטרייטען צווישען די פּועלי־ציון און די אנדערע פּראָגרעסיוו־קולטורעלע עלע־מענטען — צווישען די הונדערט פּראָצענטיגע אידישיסטען פון איין זייט און די האַלב־אידישיסטען, האַלב־העברעאיסטען פון דער צווייטער זייט; דער קאמף ארום דאָס לימודים־פּראָגראַם צווישען די וואָס אָריענטירען זיך אויף ארץ ישראל און די וואָס אריענטירען זיך אויפ׳ן „גלות“, איז פארשארפט געוואָרען — און דאָס האָט געפיהרט צו דער צושפּאַלטונג פון דער געזעלשאפט, מיט א יאָהר שפּע־טער, אויף צוויי באזונדערע טהיילען.

דעם 7טען מאַי, 1927, איז די אָפיציעלע צוטהיילונג דורכגעפיהרט געוואָ־רען, מיט׳ן שריפטשטעלער דוד פּינסקי, אלס „בורר“, וועלכער איז פאר דעם צוועק ספּעציעל געבראכט געוואָרען קיין דעטראָיט.

די אומפּארטייאישע וואָס האָבען לכתחילה זיך אריענטירט אויפ׳ן פּראָ־גראַם פון די שלום עליכם שולען אין ניו יאָרק, האָבען איבערגענומען די קעניל־וואָרטה שול און גלייכצייטיג אדאָפּטירט דעם נאָמען „שלום עליכם פאָלק־אינ־סטיטוט“ פאר זייער אָרגאניזאציע. און די צוועלפטע־גאַס שול איז אריבער צו די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטען און איז געוואָרען א טהייל פון די אידישע פאָלק־שולען ביים איד. נאַציאָנאַלען ארבייטער פארבאנד.

זינט דאַן עקזיסטירען די דריי מינים שולען וועלכע האָבען אין משך פון דער צייט זיך אזוי דערנעהנטערט איינע צו די אנדערע אז, ווילענדיג אָדער ניט, מוזט איהר זיי באַטראַכטען ווי צווייגען פון איין איינהייטליכער אינסטיטוציע אינ׳ם גאַנצען דעטראָיטער אידיש־וועלטליכען שול־וועזען.

## די אידיש־וועלטליכע שולען

אין פארלויף פון די דרייצעהן יאָהר, זייט 1927, זיינען אמאָהל מיט מעהר און אמאָהל מיט ווייניגער ערפאָלג, פארשיידענע פארזוכען געמאכט געוואָרען צו עפענען נייע שולען. דאָס איז מעהרסטענס געטהאָן געוואָרען פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט וועלכער האָט פאר א שטיקעל צייט אפילו אנגעפיהרט אן אייגענעם, ספעציעל־געבויטען, קינדער־טעאטער ביי דער קעניל־וואָרטה שולע, און פון ארבייטער רינג. די פארבאנד פאָלק־שול האָט פאר גאנצע צעהן יאָהר ביז 1937, עקזיסטירט אלס די איין־און־איינציגע שול פון דער דאָזיגער ריכטונג. ס'איז איבעריג צו זאָגען אז די עטליכע קריזיס יאָהרען, האָבען, מכמה טעמים, אויך זיך געלאָזען פיהלען אין דער פּראָגרעסיוו־קולטורעלער דערציהונגס באַוועגונג.

היינט צו טאָג ווערט די אידיש־וועלטליכע דערציהונג אנגעפיהרט אין ניין (9) עלעמענטאר שולען און אין א פאראייניגטער מיטל־שול, אין וועלכע עס לערנען זיך דורכשניטליך ארום 450 קינדער, צוטהיילט כמעט גלייך אויף גלייך — פופציג פּראָצענט אינגלאך און פופציג פּראָצענט מיידלאך. און צו דעם ווערט אין, און ארום, די אידיש־וועלטליכע שולען אנגעפיהרט א פארצווייגטע קולטור־טעטיגקייט פאר דערוואקסענע וואָס וואָלט אָהן דער עקזיסטענץ פון די אידיש־וועלטליכע שולען בשום אופן נית מעגליך געווען. און דאָס דארף דאָ אונטערשטראָכען ווערען.
ווי אן אינסטיטוציע וואָס ארבייט הארמאָניש, אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגליך, הגם אנגעפיהרט פון דריי באזונדערע פארוואלטונגען, ווערען די אידיש־וועלטליכע שולען, שוין זייט 1936, סובסידירט פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע דורך די יעהרליכע פאראייניגטע אידישע קאמפּיינס.

* * *

אין וואָס באשטעהט די, ביז איצט שוין דערמאהנטע, איינהייטליכקייט, פריינדליכע פארשטענדניס און הארמאָנישע ארבייט צווישען די דריי מינים שולען?

לאָמיר אדרבא, זעהן ווי אזוי דאָס דריקט זיך אויס אין דער לימודים־פּראָגראַם און אין דער קולטור־טעטיגקייט ארום די שולען:

די ארבייטער רינג שול פארוואלטונג פיהרט אן מיט צוויי שולען — איינע אויף צוועלפטע גאַס און די צווייטע אין ארבייטער רינג עדיוקיישאָן צענטער אויף לינוואוד. אין די שולען ווערט געלעהרנט: די אידישע שפּראך — לייענען, שרייבען און ריידען; אידישע ליטעראטור; אידישע געשיכטע; שמועסען מיט

די קינדער איבער די וויכטיגסטע סאָציאַלע פּאַסירונגען אין דער אידישער און אַלגעמיינער וועלט; דערקלערונגען איבער אידישע יום־טובים; ביאָגראַפיעס פון היסטאָרישע פּערזענליכקייטען; געזאַנג, דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און קינדער־קלובען צו צוגעוואוינען די קינדער צו געזעלשאַפטליכקייט אינ׳ם גייסט פון ארבייטער רינג. ארום 100 קינדער באַזוכען די שולען וואָס זיינען אָפען 42 וואָכען אין יאָהר.

אַרום די שולען זיינען טעטיג: דער מוטער פאַראיין, וואָס העלפט אין דער פּראַקטישער ארבייט פון דער פאַרוואַלטונג און צוויי לייענקרייזען וואָס גיבען זיך אָפּ מיט שטענדיגער קולטור־דערציהערישער ארבייט דורך ליטעראַרישע שמועסען, לעקציעס, לייענען א בוך בציבור און אזוי ווייטער. דער הויפּט לעהרער און קולטור דירעקטאָר איז חיים ראַדין.

דער בודזשעט פון 4,000 דאָלאַר א יאָהר ווערט געדעקט: פון שכר לימוד (אַרום צוואַנציג פּראָצענט); פון דעם פאַראייניגטען אידישען קאַמפּיין; פון יעהרליכען באַנקעט און באַזאַר; פון ברענטש־ביישטייערונגען און פון א קליינער סובסידיע פון נאַציאָנאַלען בילדינג קאָמיטעט פון ארבייטער רינג.

---

דער שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט פיהרט אָן פיר שולען מיט פיר לעהרער פון וועלכע ש. בערקאָוויטש איז דער דירעקטאָר.

די הויפּט שול געפינט זיך אין אן אייגענע היים אויף מאָנטערעי עוועניו און די דריי אנדערע שולען — אין קלאַס־צימערען פון „ברײדי״ „ווינטערהאַל־טער״ און „מעקאָלאָ״ פּאָבליק סקוהלס.

אין די שלום עליכם שולען ווערט געלעהרנט: די אידישע שפּראַך — לייע־נען, שרייבען און ריידען; אידישע ליטעראַטור; אידישע געשיכטע פון דער אַלטער און נייער צייט; אידישע יום־טובים און מנהגים צוצובינדען די קינדער צו די עלטערען; פראַגען און ענטפערס אויף אידיש־געזעלשאַפטליכע פּאַסירונ־גען; געזאַנג, דראַמאַטישע פּאָרשטעלונגען און קינדער־קלובען וואו עס שפּיגלען זיך אָפּ די וויכטיגסטע ערשיינונגען אין אידישען לעבען. אַרום 175 קינדער, באַזוכען די ש. ע. שולען וואָס זיינען אָפען 42 וואָכען אין יאָהר.

דריי לייענקרייזען פונקציאָנירען ביי די שולען וואָס העלפען אין דער פּראַקטישער ארבייט פון ש. ע. פאָלק־אינסטיטוט און פיהרען אן א שטענדיגע קולטור־דערציהערישע טעטיגקייט צווישען די מיטגלידערינס דורך לעקציעס, לי־טעראַרישע שמועסען, לייענען א בוך בציבור און דעסטגלייכען.

דער ש. ע. פאָלק אינסטיטוט, ווי אן אונאבהענגיגע קולטור־אָרגאַניזאַציע, פיהרט אויך אן א סיסטעמאַטישע קולטור־פּראָגראַם פאַר די מיטגלידער דורך

פארשיידענע ארויסטרעטונגען, גאנץ אָפט מיט באוואוסטע אידישע שריפט־שטעלער, וואָס ווערען פאר דעם צוועק געבראכט קיין דעטראָיט.

מיט א בודזשעט פון איבער אכט טויזענד דאלאר א יאָהר, ווערען די אויסגאבען געדעקט: פון שכר לימוד (ארום צוואנציג פּראָצענט); פון א סובסי־דיע פון דער וועלפעיר פעדעראציע, דורכ'ן פאראייניגטען אידישען קאמפּיין; פון די יעהרליכע אונטערנעהמונגען — באנקעט, באזאר און פרויען לאנטשעאן — און פון מיטגלידער־באשטייערונגען.

---

די פארוואלטונג פון די אידישע פאָלק־שולען (ביים אידיש נאציאָנאלען ארבייטער פאַרבאַנד, פּועלי־צעירי־ציון, און פּיאָנערען פרויען אָרגאַניזאציע), פיהרט אן דריי שולען מיט דריי לעהרער פון וועלכע א. מייעראָוויטש איז דער דירעקטאָר.

די שולען געפינען זיך: איינע אויף דער צוועלפטע גאַס, א צווייטע אויף דעקסטער בולווארד און די דריטע אין א קלאַס־צימער פון דער „טוירקעל" פּאבליק סקוהל.

אין די פארבאנד פאָלק שולען ווערט געלעהרנט: די אידישע שפּראך — שרייבען, לייענען אוןריידען; אידישע געשיכטע פון אברהם אבינו ביז אונזערע טעג; העברעאיש — לייענען, שרייבען און ריידען; תנ"ך אין די העברעע קלאַ־סען; אידישע ליטעראטור; ארץ ישראל קענטעניש צו דערנעהנטערען די קינדער צום נייעם ארבייטענדען ארץ ישראל; געזאנג, אין אידיש און העברעאיש: אי־דישע יום־טובים און טראדיציעס פון אינטערעס פאר אידישע קינדער. ארום 155 קינדער באזוכען די פארבאנד פאָלק־שולען וואָס זיינען אָפען 42 וואָכען אין יאָהר.

אויסער די דירעקטע שול־ארבייט, פיהרט אן די פארוואלטונג א פארצווייג־טע קולטור־טעטיגקייט צווישען דערוואקסענע וואָס אָריענטירט זיך אויף דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

דער בודזשעט פון $9,000 א יאָהר, ווערט געדעקט: פון שכר לימוד; פון פאראייניגטען אידישען קאמפּיין און פון די יעהרליכע אונטערנעהמונגען — שולען־קאמפּיין, פרויען־לאנטשאן און באזאר.

אין אלע דריי סאָרטען שולען ווערען אריינגענומען קינדער אין עלטער פון זיבען יאָהר און העכער.

---

קוקט מען זיך אלזאָ גוט צו צום לעהרן־פּראָגראַם איז, מיט א גאָר קליינער אויסנאַם, שוועהר (וואָס דעם אלגעמיינעם בעאָבאכטער פון אידיש־פּראָגרע־

סיוועד דערציהונג אנבאלאנגט), צו געפינען אן אונטערשייד צווישען זיי. דער דאָזיגער קליינער אונטערשייד פארשווינדט אינגאנצען ווען עס קומט צו די העכערע לימודים אין דער מיטל־שול וועלכע ווערט געמיינשאפטליך אנגעפיהרט פון די דריי שול־פארוואלטונגען.

און פאקטיש הויבט זיך שוין אן אָט די פראקטיש־הארמאָנישע ארבייט אין די לעצטע קלאַסען פון די עלעמענטאר־שולען וואו די גראדואיר־עקזאמענס ווערען דורכגעפיהרט אויף אן איינהייטליכען אופן דורכ'ן לעהרער־ראטה פון אלע שולען.

אין דער מיטעל־שול, וואו אריינגענומען צו ווערען מוז מען האָבען א די־פלאָם פון אן עלעמענטאר שול, ווערט געלערענט: אידישע געשיכטע — פון אל־טערטום ביז דער מאָדערנער צייט; גראמאטיק און קאָמפּאָזיציע; תנ"ך און העב־רעאיש; אלגעמיינע און אידישע סאָציאלע און ארבייטער פראָבלעמען; ליטע־ראטור און דראמע; אלגעמיינע קענטעניסען וואָס זיינען פארבונדען מיט אידיש לעבען און אידישע באוועגונגען אויף דער גאנצער וועלט.

אין דער מיטעל־שול ווערט געלעהרענט בלויז שבת און זונטאג. און דאָס זאָל זיין די אורזאך וואָס די פּראָפּאָרציע שילער אין דער מיטעל־שול איז ניט אזוי גרויס, לגבי דער צאָהל וואָס גראדואירען פון די עלעמענטאר־שולען.

די מעהרסטע קינדער אין די אידיש־וועלטליכע שולען קומען פון די אר־בייטער און די קלענערע מיטעל־קלאַס שיכטען פון דער באפעלקערונג, וועלכע מוזען שוין אלס יוגענדליכע צוארבייטען צוביסלאך שבת און זונטאג. איז פאר זיי דארום שוועהר אויפצונעהמען די העכערע קורסען.

די צאָהל מיטעל־שול סטודענטען איז היינט צו טאָג דרייסיג — כמעט דער דורכשניט צו יעדער צייט, זייט די פאראייניגטע מיטעל־שול עק־זיסטירט, אָבער ניט אזוי גרויס ווי זי האָט בעדארפט זיין.

דער דאָזיגער פאקט מוז מיט באדויערען דאָ באשטעטיגט ווערען. אָבער אויך אין דעם פרט איז דאָס אידיש־וועלטליכע שול־וועזען פון דעטראָיט ניט קיין אויסנאם, ווי א דערשיינונג אין אלע אנדערע אידישע דערציהונג־אינסטיטוציעס, סיי לאָקאַלע און סיי אין אנדערע שטעדט פון לאנד.

אויב עס זיינען ניטאָ קיין גענויע ציפערען און קיין אנקעטעס זיינען ביז איצט ניט געמאכט געוואָרען, פעסטצושטעלען ווי גרויס ס'איז די צאָהל גרא־דואירטע וועמענס פסיכיק די אידיש־וועלטליכע שול האָט אָבגעשטעמפּעלט, ווייס מען אָבער פון גאָר א סך פאלען פון יונגע מענשען פאר וועמען די דער־

ציהונג אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע דינט ווי א וועגווייזער אויף זייער ווייטערען געזעלשאפטליכען לעבענס־וועג, אלס אידיש־באוואוסטזיניגע, פּראָגרעסיוו־קולטורעלע בירגער און מענשען.

מען וואָלט אפשר באדארפט אנווייזען אויף דער וויכטיגער נויטווענדיגקייט פון קאָנסאָלידאציע, אז די נעץ אידיש־וועלטליכע שולען זאָל אזוי אויסגעשפּרייט און פארטיילט ווערען צווישען די אידישע געגענדען פון דעטראָיט, אז ס׳זאָל אין דער סביבה אבגעשאפט ווערען יעדער מינדסטער פארדאכט פון קאָנקורענץ און דופּליקאציע. דאָס וואָלט אָהן צווייפעל פארשטארקט די אידיש־פּראָגרעסיווע דערציהונג. און האָפענטליך וועט דאָס פּראָבלעם מיט דער צייט צופרידענשטעלענד געלעזט ווערען.

וויכטיג איז ביים שלום נאָך אמאָהל צו באטאָנען אז צוזאמען מיט׳ן סאמע עיקר, מיט דער דערציהונג פון אידישען קינד, זיינען די אידיש־וועלטליכע שולען אויך קולטור צענטערס פאר דערוואקסענע.

דאָס אידיש־וועלטליכע שול־וועזען ווי אן אינסטיטוציע, איז די טרייב־קראפט פאר אלץ מעהר און גרעסערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון פארשיידענארטיגער קולטור־ארבייט אין דעם גאנצען דעטראָיטער אידיש־פּראָגרעסיווען פאָלקס־לעבען.

# דער אידישער קאמיוניטי קאונסיל —

## אַ פאָלקס־ראַטה פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אידישע אינטערעסען

גענרינדעט דורך דער איניציאַטיווע פון דאָס גאנצע אָרגאַניזירטע אידישע דעטראָיט. — די געשיכטע פון דער יונגסטער, אָבער לאנג־געגאַרטער קערפּערשאפט אין אידישען פאָלקס־לעבען. — די פּרינציפּען, אויפגאַבען און דערגרייכונגען פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל.

יאָהרען לאנג האָט עס גענומען ביז דער אויסקריסטאליזירטער געדאנק אז דאָס אידישע דעטראָיט מוז זיין פאראייניגט כלפּי חוץ פּונקט ווי כלפּי פּנים, דורך א פונקציאָנירענדער קערפּערשאפט, האָט אנגענומען פּראַקטישע פאָרמען.

און אז ס'איז שוין געקומען דערצו, האָבען מערקווירדיגע אומשטענדען צושטאַנד געבראכט די דאָזיגע געגאַרטע אייניגקייט דורך דער גרינדונג פון א ראַטה פאר דער פארטיידיגונג פון אידישע אינטערעסען, באוואוסט אלס דער „אידישער קאמיוניטי קאונסיל".

עס זיינען געווען די פאָלקס־נויטען וואָס האָבען צוזאמענגעבראכט פאר־טרעטער פון אלע שיכטען, פון אַלע געזעלשאפטליכע גרופּירונגען אין אידישען לעבען, אין שייכות מיט אן אנדער פאָלקס־ענין, מיט דער ספּאָנטאַנער באַוועגונג וואָס ס'האָט זיך געהאט אויפגעהויבען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א נייעם מושב זקנים. *)

און אָט יענע באַוועגונג, בעסער געזאָגט, דער קלימאקס פון יענער באַוועגונג, האָט עס געלעגט דעם גרונדשטיין פאר'ן אידישען קאמיוניטי קאונסיל, אן אינסטיטוציע וואָס האָט אין די עטליכע יאָהר פון איהר עקזיסטענץ, אויסגעברייטערט איהר באַזע פון טעטיגקייט אומעטום וואו ס'איז נויטיג אַז די שטימע פון דעטראָיטער אידענטום, ווי פון איין גאנצען פאראייניגטען כלל, זאָל געהערט ווערען.

דער 27טער יאנואר 1935, וואָלט באדארפט פארשריבען ווערען ווי אן היסטאָרישע דאַטע אין דעטראָיטער אידישען לעבען. דאָס איז דער טאָג ווען דער קריזיס אין די באציהונגען צווישען די פארשיידענע גרופּען אין דער אי־דישער געזעלשאפטליכקייט, צווישען דער פיהרערשאפט פון דער וועלפעיר־פע־דעראַציע און דער, אזוי גערופענער, אידישע גאַס, איז פאָלשטענדיג געבראָכען

*) מעהר וועגען דעם וועט דער לעזער געפינען אין קאַפּיטעל „דער מושב זקנים".

געוואָרען; ווען ביי א פאָלקס־קאָנפערענץ, יענעם טאָג, צוזאַמענגערופען פון דער פעדעראַציע, האָט מען נאָכ'ן אויסלופטערען די טענות און תביעות פון איין צד צום צווייטען זיך ארומגעזעהן, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין אַזאַ אונטערשייד, ווי מען האָט געמיינט, צווישען דער אָדער יענער גרופּע כלל־טוער, פיהרער און עסקנים אין דעטראָיטער אידישען לעבען.

ס'איז גיכער ווי אַלץ געווען א מין מיספארשטענדנים בנוגע דעם אָדער יענעם ענין. אָבער קליינע — און אפילו גרויסע — מיספארשטענדניסען קענען באזייטיגט ווערען, ווען מען איז פאראייניגט, ווען מען קומט זיך צוזאַמען אויף א פּלאַטפּאָרמע וואָס רעדט ניט אין דעמ'ס אָדער אין יענעמ'ס נאָמען, *נאָר אין אַלעמענס נאָמען*, אין נאָמען פון רוב בנין ורוב מנין פון גאַנצען דעטראָיטער אידענטום.

און אויב דאָס איז ביי היינטיגען טאָג א כמעט הונדערט פּראָצענטיגע דער־גרייכונג; אויב דער אידישער קאָמיוניטי קאָונסיל איז א דעמאָקראַטישע קער־פּערשאַפט פון פארטרעטער פון אַלע עלעמענטען אין דעטראָיטער אידענטום, האָט דערצו גורם געווען אָט יענער מערקווירדיגער אומשטאַנד, צוליב וועלכען ס'איז צוזאַמענגערופען געוואָרען די אַלגעמיינע פאָלקס־קאָנפערענץ פון 27טען יאנואר 1935, פון וועלכער ס'האָט זיך אנגעהויבען שפּינען דער פאָדים פון א פאראייניגטען פאָלקס־ראַטה, ביז מיט צוויי יאָהר שפּעטער ווען דער אידישער קאָמיוניטי קאָונסיל, איז אָפיציעל עטאַבלירט געוואָרען און די קערפּערשאַפט פאר דער פארטיידיגונג פון אידישע אינטערעסען, האָט אנגעהויבען פונקצי־אָנירען.

---

ביי דער קאָנפערענץ דעם 27טען יאנואר 1935, האָט מען נאָך א הייסער, לענגערער דיסקוסיע מיט טענות און מענות — ווי דער שטייגער איז ביי אי־דישע אסיפות — זיך געאייניגט אויף אַן איינשטימיג־אנגענומענעם באשלוס אַז: אַנדערש ווי אין דער געשיכטע פון די פריערדיגע אינסטיטוציעס און אַנ־שטאַלטען, וואָס זיינען געבויט געוואָרען פון דער אָדער יענער גרופּירונג אין אידישען לעבען, פון די אָדער יענע עלעמענטען, זאָל דאָס גאַנצע אידיש גע־זעלשאַפטליכע דעטראָיט, דורך א דירעקטע פארטרעטערשאַפט זיך אַקטיוו באַ־טייליגען אין בויען דעם נייעם מושב זקנים. אויפ'ן פּראַקטישען אופן איז יענער באשלוס פארווירקליכט געוואָרען דורך דער באשטימונג פון א קאָמיטע פון איין־און־צוואַנציג וואָס זאָל קאָאָפּערירען מיט דער וועלפעיר פעדעראַציע און אַלע פּלענער אַרום דער בעפאָרשטעהענדער פאָלקס־אויפגאַבע.

אויף וויפיל די דאָזיגע „קאָמיטע פון איין־און־צוואַנציג" — אויף וועמענ'ס גורל ס'איז אויסגעפאַלען צו שפּילען א גרויסע ראָלע אין דער גרינדונג פון אי־

דישען קאמיוניטי קאונסיל — איז ווירקליך געווען א פארשיידענאַרטיגע, קען מען זעהן פון איהר צוזאמענשטעל.

אין דער קאָמיטע זיינען אריין פארטרעטער פון אזעלכע געגענזעצליכע אָרגאניזאציעס, לויט זייערע ספעציפישע אקטיוויטעטען, ווי, לאָמיר זאָגען, די בני־ברית און די אולטרא אָרטאָדאָקסישע שוהלען; דער ארבייטער רינג און די הדסה; די קאָנסערוואטיווע אמעריקאניזירטע שערי־צדק קאָנגרעגיישאָן און די לאנדסמאנשאפטען אויף דער אידישער גאס; דער אָרדען „איסטערן סטאר“ און די טיפּיש־אידישע ליידיס סאָסייעטיס.

ביי די זיצונגען פון דער קאָמיטע, צוזאמען מיט דער ספעציעלער קאָמיטע פון דער פעדעראציע, האָט מען זיך אנגעהויבען אלץ מעהר און מעהר פאר־שטעהן, אלץ מעהר און מעהר ריידען די זעלבע שפּראך, אלץ מעהר און מעהר באגרייפען אז איינהייט פון אלע פארשיידענארטיגע גרופּירונגען פאר דער פארטיידיגונג פון אידישע אינטערעסען איז ניט נאָר דער געבאָט פון דער שעה, נאָר דאָס האָט שוין לאנג געקענט צושטאנד קומען, ווען יענער פארזוך פון דער פעדעראציע צוזאמענצורופען אלע שיכטען און עלעמענטען צו אן אלגעמיינע קאָנפערענץ, וואלט פיל פריער געמאכט געוואָרען.

די „קאָמיטע פון איין־און־צוואנציג“, האָט צו דער נעקסטער קאָנפערענץ, דעם 17טען פעברואר 1935, געבראכט א רעקאָמענדאציע אז ס'זאל געגרינדעט ווערען א פאראייניגטער אידישער קאונסיל (ראטה) מיט פארטרעטער פון אלע שיכטען און געזעלשאפטליכע גרופּירונגען פון דער באפעלקערונג.

די דאָזיגע רעקאָמענדאציע, צוגלייך מיט אלע אנדערע רעקאָמענדאציעס בנוגע דער אקטועלער כלל־אויפגאבע פונ'ם מאָמענט — דאָס בויען דעם מושב זקנים — זיינען איינשטימיג גוטגעהייסען געוואָרען.

ביי יענער קאָנפערענץ איז דער קאָמיטע געגעבען געוואָרען דער סטאטוס פון א רעפּרעזענטירענדע קערפּערשאפט פון דאָס גאנצע אידיש־געזעלשאפטליכע דעטראָיט מיט א רעכט צו קאָאָפּטירען נאָך מיטגלידער, ווען נויטיג, מיט דער פארשטענדניס אז אויב אין פּרינציפּ האָט דאָס אידיש־געזעלשאפטליכע דע־טראָיט שוין אנערקענט די נויטווענדיגקייט פון א פאראייניגטען קאונסיל, מוז אָבער פארלויפיג די גאנצע טעטיגקייט אנגעווענדעט ווערען אויף דעם הויפּט מאנדאט פון אָרגאניזירטען אידענטום, נעמליך דאָס בויען די אינסטיטוציע פאר **די זקנים.**

די קאָמיטע איז עווענטועל פארגרעסערט געוואָרען צו 41 מיטגלידער און, ווי א רעפּרעזענטירענדע קערפּערשאפט פון דאָס גאנצע אידישע געזעלשאפט־ליכקייט, האָט זי אודאי אויסגעפאָלגט דעם מאנדאט.

פאר די נעקסטע אנדערהאלבען יאהר, האט די גאנצע אקטיוויטעט געמוזט קאנצענטרירט ווערען ארום דעם נייעם מושב זקנים, ארום די פאראייניגטע אידישע קאמפיינס צו שאפען די נויטיגע מיטלען פאר'ן מושב זקנים. האט מען וועגען דער פראקטישער זייט פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל, קיין שום ממשות'דיגעס ניט געקענט טהאן.

ערשט סוף זומער פון 1936, ווען די ערשטע אויפגאבע פון דאס פאראייניגטע אידישע דעטראיט איז שוין געווען אויפ'ן זיכערען וועג פון רעאליזירט ווערען, האט מען זיך גענומען פארווירקליכען דעם פאלקס־ראטה, דעם אידישען קאמיוניטי קאונסיל.

אין סאמע אנפאנג איז נויטיג געווען א מענש וואס זאל אבגעבען זיין גאנצע צייט פאר דער קאונסיל־באוועגונג. און פאר דעם צוועק האט די וועלפעיר פעדעראציע איינגעלאדען קיין דעטראיט וויליאם י. באקסערמאן, וועלכער איז אגב געשטאנען ביים רודער פון קאמיוניטי קאונסיל, אלס עקזעקוטיוו דירעקטאר, די גאנצע צייט ביז סוף 1940. *)

מיט א מענשען צו טהאן די נויטיגע אויספארשונגס ארבייט בנוגע א קאונסיל, זיינע אויפגאבען און אזוי ווייטער, האט די „קאמיטע פון ארגאניזאציעס" — ווי די אריגינעלע פארגרעסערטע „קאמיטע פון איין־און־צוואנציג" האט שוין געהייסען — אנגעהויבען ענערגיש ארבייטען און אין יאנואר 1937, איז פאררופען געווארען אן אלגעמיינע פאלקס־קאנפערענץ פאר וועלכער ס'איז פארגעלעגט געווארען א פלאן וועגען דעם צוזאמענשטעל, פונקציעס און פיהרונגען פון דעם אידישען קאמיוניטי קאונסיל.

ביי יענער קאנפערענץ איז ערוועהלט געווארען א ספעציעלע קאנסטיטוציע קאמיטע און סיימאן שעצער, איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דעטראיטער אידישען קאמיוניטי קאונסיל, אן אמט וואס ער האלט אן ביז היינט צו טאג.

די קאנסטיטוציע קאמיטע האט געשאפען „אזא דאקומענט" וואס איז פריער געשיקט געווארען צו אלע ארגאניזאציעס, זיי זאלען זי דיסקוטירען, געפינען די נויטיגע ענדערונגען, אדער צוגאבען וואס זיי האלטען פאר וויכטיג, איידער זיי ווערען גערופען צו אן אלגעמיינער קאנפערענץ וועגען דער גוטהייסונג פון דער קאנסטיטוציע.

דעם 25טען אפריל 1937 איז אזא קאנפערענץ פארגעקומען. און, ווי גע־

*) אין דעצעמבער פון היינטיגען יאהר האט ה. באקסערמאן רעזיגנירט. א נייער עקזעקוטיוו דירעקטאר דארף איצט אויסגעקליבען ווערען.

וועהנליך, זיינען נאָך געווען געוויסע מיינונגס פארשידענהייטען בנוגע דעם אָדער יענעם פונקט אין דער קאָנסטיטוציע. האָט מען זיך ניט געאיילט. די ענטגילטיגע גוטהייסונג פון דער קאָנסטיטוציע, פון דעם הויפט־באַזיס פון קאונסיל, איז אָבגעלעגט געוואָרען אויף נאָך דריי חדשים.

אין דער צווישען־צייט זיינען א צאָהל אָרגאַניזאציעס באזוכט געוואָרען מיט'ן צוועק זיי אויפצוקלעהרען אלע איינצעלהייטען בנוגע דעם קאונסיל. ס'איז אויך געמאכט געוואָרען אן אויספאָרשונג וועגען דעם סטאַטוס פון די פארשיידענע געזעלשאפטליכע אָרגאַניזאַציעס און גרופען אין שייכות צו זייער פאסענדער, אָדער ניט־פאסענדער אָנגעהעריגקייט צו א דורכאויס אידישער רעפּרעזענטאטיווער קערפּערשאפט, וואָס דאַרף רעדען און ארויסטרעטען **אין נאָמען פון דעם גאַנצען דעטראָיטער אידענטום.**

דער אידישער קאמיוניטי־קאונסיל איז אין משך פון יענער פּעריאָדע, געווען די הויפּט־טעמע צווישען אלע שיכטען פון דער אידישער געזעלשאפטליכקייט.

ביי דער צווייטער אלגעמיינער קאָנפערענץ, פון ספּעציעלע דעלעגאטען, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6טען דזשון 1937, איז די קאָנסטיטוציע ענדליך גוטגעהייסען געוואָרען איינשטימיג און זי איז געשיקט געוואָרען צו אלע אנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס ראטיפיצירט צו ווערען.

און דאָ איז אינטערעסאַנט דער פאקט וואָס הגם ביי די צוויי קאָנפערענצען זיינען געווען פארטראָטען 185 אָרגאַניזאציעס, האָט אָבער דער באשלוס געלויטעט אז דער אידישער קאמיוניטי קאונסיל זאָל פריער ניט אנפאנגען פונקציאָנירען ביז די קאָנסטיטוציע וועט ראטיפיצירט ווערען פון די אנגעשלאָסענע אָרגאַניזאציעס, **ביי זייערע מיטגלידער פארזאמלונגען.**

די פּראַקטישע פונקציעס פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל פאנגען זיך אלזא אן פון 29טען סעפּטעמבער 1937, ווען די קערפּערשאפט איז געוואָרען א רעאליטעט דורך א רעפּרעזענטאנץ פון 155 אָרגאַניזאציעס וועלכע האָבען ראטיפיצירט די קאָנסטיטוציע אין אלע איהרע פונקטען.

די 155 אָרגאַניזאציעס, וואָס זיינען אריין אלס „טשארטער מיטגלידער“ אין קאונסיל דורך 246 פארטרעטער, פּראָפּאָרציאָנעל ערוועהלט, לויט דער מיטגלידערשאפט פון זייערע אָרגאַניזאציעס, האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט קרוב צו פערציג טויזענד יחידים, אָרגאַניזירט פאר אידיש געזעלשאפטליכער אקטיוויטעט לויט פאָלגענדע גרופּירונגען:

פופציג סאָסייעטיס, לאַנדסמאַנשאַפטען און אונטערשטיצונגס־פאַראייגען פאַר פראַטערנאַלע און וואוילטעטיגקייט צוועקען; דרייסיג שוהלען און קאָנגרע־גיישאָנס; אכצעהן ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס; 22 הילפס־אגענטורען פאַר דורכאוים פילאַנטראָפּישע צוועקען; צוועלף קלובען און גרופּען פאַר געזעל־שאַפטליכער פאַרוויילונג; עלף לאַדזשען און אקזילערים; אכט קולטור אָרגאַני־זאציעס און פיר צענטראַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

היינט צו טאָג זיינען אין אידישען קאמיוניטי קאונסיל אנגעשלאָסען 191 אָרגאַניזאַציעס מיט א מיטגלידערשאַפט פון איבער פערציג טויזענד.

פאַרגלייכט מען די צאָהל פון 185 אָרגאַניזאַציעס ביי די גרינדונגס קאָנ־פערענצען, מיט די 155 אָרגאַניזאַציעס, ווען דער קאונסיל האָט אנגעהויבען פונקציאָנירען, ביז די 191 אָרגאַניזאַציעס היינט צו טאָג, וואָס מיינט א צוא־וואוקס פון 36 געזעלשאַפטליכע גרופּען אין משך פון די דריי יאָהר זייט דער קאונסיל עקזיסטירט, ווערען קלאָהר מאנכע פון די פּונקטען פון דער קאָנסטי־טוציע, וועלכע באַטאָנען ערשטענס אז קיין פּאָליטישע אידישע גרופּי־רונגען אלס אזעלכע, זאָל ניט אריינגענומען ווערען אין קאונסיל; און צווייטענס אז, פאַר אָרגאַניזאַציעס, מעגען זיי זיין הונדערט פּראָצענט אידיש אין באַשטאַנד פון דער מיטגלידערשאַפט, אויב זייער אקטיווי־טעט איז ניט פון א אידישען כאַראַקטער, איז פאַר אזעלכע אָרגאַניזאַציעס קיין פּלאַץ ניטאָ אין קאונסיל.

אין אנדערע ווערטער מיינט עס, אז מען איז שטאַרק מקפיד מיט יעדער אָרגאַניזאַציע וואָס וויל זיך אנשליסען, פעסטצושטעלען אז זי קען קלאַסיפיצירט ווערען אלס א טהייל, א גליד פון א פּאָלקס ראַטה פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אידישע אינטערעסען מיט'ן טראָפּ אויף די ווערטער „אידישע אינטערעסען“, וואָס דער קאמיוניטי קאונסיל דאַרף באַשיצען און אויף וועלכע ער דאַרף רעאַגירען.

די זעקס און דרייסיג צוגעקומענע אָרגאַניזאַציעס אין משך פון דער צייט זיינען א באַווייז פאַר דער ווירקונג פון קאונסיל אויף געוויסע אידישע גרופּי־רונגען אין דעטראַיט זיי זאָלען זייער טעטיגקייט צופּאַסען צום גייסט פון קאונ־סיל און זיינע אויפגאַבען כדי זיי זאָלען קענען אריינגענומען ווערען אין דער קערפּערשאַפט. דער גייסט פון קאמיוניטי קאונסיל איז פאַרקערפּערט אין דער איינלייטונג (פּריעמבעל) צו דער קאנסטיטוציע וואָס לייענט זיך ווי פאָלגט:

„אום צו קאָאָרדינירען די פאַרשיידענע כוחות אין אידישען לעבען; צו העלפען באַשיצען און אנהאַלטען די ווירדע און גאַנצקייט פון דער אי־דישער באַפעלקערונג; צו פאַרטיידיגען די בירגערליכע, פּאָליטישע און

רעליגיעזע רעכט, ווען די דאָזיגע רעכט זיינען אין געפאהר; און בכלל, פאָרטצוזעצען און צו באפעסטיגען די קולטורעלע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פילאנטראָפּישע אינטערעסען און די נאַציאָנאַלע און גייסטיגע אספּי־ראַציעס פון די אידישע מאסען; און, צו יעדער צייט ווען דאָס איז ראטהזאם, צו קאָאָפּערירען מיט אנדערע ניט־לאָקאַלע קערפּערשאפטען וואָס עקזיסטירען פארן זעלבען צוועק, — האָבען מיר, די פארטרעטער פון די אונטערגעשריבענע אָרגאניזאציעס אנגענומען די דאָזיגע קאָנסטיטוציע פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל אין דעטראָיט, צו וועלכען מיר ווידמע־נען זיך לאָיאַל און טריי דורכצופיהרען די ציעלען און צוועקען וואָס זיינען פארקערפּערט סאי אין דעם אריינפיהר (פּריעמבעל) און סאי אין די פונקטען פון דער קאָנסטיטוציע".

די קאָנסטיטוציע ענטהאלט פארשיידענע פונקטען פּראַקטישע, טאַקטישע און אנדערע: וועגען מיטגלידערשאפט אין קאונסיל, וועגען וואהלען, וועגען פליכטען פון אָרגאניזאציעס, בעאַמטע, קאָמיטעס, מיטינגען, אמענדמענטס און אזוי ווייטער און ווייטער.

אָבער דעם סאָמע אויבען אָן פארנעהמען די הויפּט צוועקען וואָס דארפען דאָ פארצייכענט ווערען ווי פארמולירט אין דער קאָנסטיטוציע אלס באַזע פאר דער אלגעמיינער טעטיגקייט פון קאונסיל.

די דאָזיגע פונקטען זיינען:

א) אנצוהאלטען די ווירדע און גאנצקייט פון דער אידישער באַ־פעלקערונג ווי א כלל.

ב) צו ענטוויקלען א פארשטענדליכע, אינטעליגענטע און ווירקזאמע עפענטליכע מיינונג איבער אידישע פּראָבלעמען און אידישע אינטערעסען.

ג) צו קאָאָרדינירען, ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגליך, די אקטיווי־טעטען פון די פארשיידענע גרופּירונגען אין דעטראָיטער אידיש־געזעל־שאפטליכען לעבען; און וואו דאָס איז מעגליך, צו קאָאָפּערירען מיט אַנ־דערע קערפּערשאפטען.

ד) אויסצושפּרייטען און פאָרטצוזעצען די קולטורעלע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פילאנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע און גייסטיגע אינטערעסען פון דער אידישער באפעלקערונג.

ה) צו קאָאָפּערירען מיט אנדערע קערפּערשאפטען פאר געגענזייטיגע פארשטענדניס מיט דער ניט־אידישער באפעלקערונג.

ו) צו העלפען באשיצען און פארטיידיגען די סאָציאַלע, פּאָליטישע,

עקאָנאָמישע, און רעליגיעזע רעכט פון דער אידישער באפעלקערונג. און—

ז) צו ערמוטהיגען די פרידליכע אויסגלייכונג פו סכסוכים סאי צווישען יחידים, סאי צווישען אָרגאניזאציעס דורך דער איינשטעלונג פון דער נויטיגער מאשינערי פאר פריינדליכער בעראטונג און „ארביטריישאָן."

* * *

מיט די דאָזיגע הויפט-פונקטען אלס פראָגראַם, האָט דער קאמיוניטי קאונסיל זיך גלייך גענומען פאר זייער פארווירקליכונג, דורך ספעציעלע אבטיילונגען, אָדער קאָמיטעס, וואָס זיינען אין שטענדיגער עקזיסטענץ, אין שטענדיגער באוועגונג צו רעאגירען אין אַלע פאַלען ווען די קראַפט און ווירקונג פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל איז נויטיג אויף דעם אָדער יענעם געביט.

אין משך פון דער צייט — (און אויף ווייטער, הלואי זאָל מען עס בעסער ניט דארפען) — איז דעם קאמיוניטי קאונסיל אויסגעקומען ארויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט, מעהר ווי איין מאָהל, און אויף מעהר ווי איין אופן, אלס דער וואָרט-זאָגער פאר דעם גאנצען אָרגאניזירטען אידישען כלל, אום צו לאָזען וויסען דאָס גאנצע דעטראָיט — דאָס אידישע ווי דאָס ניט-אידישע — אז די אָדער יענע זעלבסט-געקרוינטע אָדער פאָליטיש-שארלאטאנסקע גרופען און פיהרער, רעדען ניט אין נאָמען פון די אידען, וועמענס אינטערעסען זיי סאבאָטאזשירן און שעדיגען.

און אין א פארקעהרטען פאַל, שטאַרק צו באטאָנען פאר די אנדערע טיילען פון דער באפעלקערונג, די שטעלונג פון דעם פאראייניגטען אידישען כלל, בנוגע א באשטימטער פראַגע וואָס ריהרט אָן די אידען.

אָבער אויסער די אַלגעמיינע ארויסטרעטונגען פון קאונסיל, ווערט אנגעפיהרט א סיסטעמאטישע ארבייט דורך די ספעציעלע, אזוי גערופענע „סטענדינג קאָמיטעס", ווי „ארביטריישאָן", „פאָבליק ריליישאָנס", „דיסקרימינייישאָן" און אנדערע, צום וואוילזיין פון די אידישע מאסען, זיי אנקעגען צו קומען מיט דער נויטיגער געזעלשאפטליכער הילף אין צייט ווען זיי נויטיגען זיך אָן דעם.

איינע פון די וויכטיגסטע אבטיילונגען ביים קאמיוניטי קאונסיל איז דער „ארביטריישאָן געריכט", אָדער דער אידישער קאָורט, וועמענס סטאטוס איז אזא, אז זיינע ענטשיידונגען ווערען שטאַרק גענומען אין אנבעטראכט פון די רעגירונגס-געריכטען פון שטאָדט; און גלייכצייטיג פארמיידט דער ארביטריישאָן געריכט פארשיידענע אונאנגענעהמליכקייטען, אין אידישע סכסוכים, וואָס וואָלטען געווען אונפארמיידליך ווען אָט דער דאָזיגער אידישער „בית דין" וואָלט ניט עקזיסטירט.

דער בוררים־געריכט ביים קאונסיל איז עטאבלירט געוואָרען דעם 22טען נאָוועמבער 1937. און זינט דאן זיינען שוין דורכגעגאנגען דורך דער ארביטריי־שאָן־קאָמיטע אַרום הונדערט קעיסעס, פון וועלכע א קנאַפּע העלפט זיינען ער־לעדיגט געוואָרען דורך דער קאָמיטע, איידער דער סכסוך איז איבערגעגעבען געוואָרען צום געריכט.

פון די איבעריגע, אויף וויפיל ס'איז באוואוסט פון די רעקאָרדס, האָט קיין איין פאַל ניט פאסירט אז אן ענטשיידונג פון ארביטריישאָן קאָורט זאָל ניט אויסגעפאָלגט ווערען.

דער ארביטריישאָן קאָורט האָט לויט דער אנערקענטער עפענטליכער מיי־נונג מעהר ווי בארעכטיגט זיין עקזיסטענץ און האָט געהויבען די חשיבות פון דער אידישער באפעלקערונג אין די געזעצליכע אינסטאנצען פון שטאָדט און פון סטייט.

די „קאָמיטע אָן פּאָבליק ריליישאָנס“, דאָס איז אן אבטיילונג פון אי־דישען קאָמיוניטי קאונסיל, וואָס מוז רעאגירען אויף פארשיידענערליי פּאסי־רונגען און זייער שייכות צו דער אידישער באפעלקערונג, אויף א זעהר דעלי־קאַטען, טאקטישען אופן.

פארהאן צעהנדליגער, זאָנסט קליינע, אינצידענטען, פּאסירונגען און פּאַ־סירונגלאַך אין וועלכע מען קען אַנטאפּען געוויסע פאראורטהיילען, געוויסע אבזיכטליכע, אָדער צופעליגע רשעות צו אידען, ווי אידען, ווי די קינדער פון אידישען פאָלק, פון דער אידישער ראַסע.

אמאָהל איז גענוג אן איינוועגדונג בלויז פון קאונסיל אלס גאנצער, אמאָהל דאַרפען געפיהרט ווערען פארהאנדלונגען, אמאָהל איז גאָר ערגעץ באהאַל־טען א מיספארשטענדניס, וואָס דאַרף אויפגעקלעהרט ווערען און אמאָהל איז די גאַנצע זאך באזירט אויף א קלאַנג, אויף א „געזאָגט און גערעדט“, וואָס מוז אויסגעפאָרשט ווערען.

אָט דאָס איז די ארבייט פון דער „קאָמיטע אָן פּאָבליק ריליישאָנס“, וועג־מענס צוועק איז צו שאפען מעהר פארשטענדנים, מעהר טאָלעראנץ און בעסערע באציהונגען צווישען אידען און קריסטען, דורך אויספאָרשען די אורזאכען פון ניט־פארשטענדנים, פון רייבונגען, דאָרט וואו זיי עקזיסטירען און זיי פאר־מיידען דורך פּראקטישער און טאקטישער אנווענדונג פון יענע מעטאָדען, וואָס קענען ברענגען, און דאַרפען ברענגען, די געוואונשטע רעזולטאטען.

אין שייכות מיט דער דאָזיגער אקטיוויטעט, זיינען טעטיג צוויי סאָב־קאָ־מיטעס, איינע פאר ליטעראטור־פארשפרייטונג און א צווייטע פאר מינדליכער

פּראָפּאַגאַנדע דורך א רעדנער־ביוראָ פאַר יענע קריסטליכע געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען, וואו מען איז גרייט אויסצוהערען א רעדנער פון קאמיוניטי קאונסיל.

טויזענדער פאמפלעטען, בראָשורען און פּעריאָדישע אויסגאבען זיינען שוין פארשפּרייט געוואָרען פון דער ליטעראַטור־קאָמיטע און פארשיידענע שטאָדטי־שע קרייזען, וואו דאָס איז נויטיג געווען אבצושלאָגען דעם סם פון דער וויס־טער אנטיסעמיטישער, אונאמעריקאנישער און אונדעמאָקראַטישער פּראָפּאַ־גאַנדע.

די רעדנער־ביוראָ, איז ערשט היינטיגס יאָהר אָרגאַניזירט געוואָרען פון יונגע מענשען, מעהרסטענס אוניווערזיטעט גראַדואירטע, וואָס ווערען געשיקט צו קריסטליכע אָרגאַניזאַציעס, דאָרט רעדען וועגען אידישע פּראָגען און אק־טועלע אידישע געשעהנישען, כדי אריינצוברייננגען מעהר פארשטענדניס אין די באַציהונגען צווישען איד און קריסט. די דאָזיגע קאָמיטע דאַרף מען אגב, ניט פארמישען מיט דער שוין־לאַנג עקזיסטירענדער רעדנער־ביוראָ, וואָס ליפערט רעדנער צו די אנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי נויטיגען זיך אָן זיי פאַר באַשטימטע געלעגענהייטען, לעקציעס, יום־טובים און פייערונגען.

און פּונקט ווי ס'איז נויטיג די „פּאָבליק רילייישאָנס" קאָמיטע, אזוי איז נויטיג — און איז אגב ניט קורץ אין ארבייט — די „דיסקרימינייישאָן" קאָ־מיטע, אָן אַבטהיילונג וואָס דאַרף רעאגירען אויף דיסקרימינאַציעס געגען אידען און אויך אין פארקעהרטע פאַלען ווען מען דאַרף אָבשלאָגען פאַלשע דיסקרימי־נאַציע־קלאַנגען מיט בייזוויליגע צוועקען צו שעדיגען ניט־אידישע אינטערעסען.

אודאי איז, צום גרויסען באַדויערען, ניט קיין מאַנגעל אין דיסקרימינאַ־ציעס געגען אידען. אָבער אין די רעקאָרדס פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל, זיינען שוין אויך פארצייכענט פאַלען, ווען אויף דער אידישער גאַס, האָט מען פּלוצלונג אנגעהויבען מורמלען אז די אָדער יענע פירמע, דיסקרימינירט געגען אידען, כאָטש דאָס איז געווען שקר וכזב.

דער קאמיוניטי קאונסיל, דורך דער „דיסקרימינייישאָן" קאָמיטע, האָט די דאָזיגע פאַלען אויסגעפאָרשט, געקראָגען אלע פאַקטען און געלאָזען וויסען דער אידישער עפענטליכקייט די רעזולטאַטען, דינענדיג מיט דעם א נאָבעלען צוועק פון פעסטשטעלען דעם אמת און שאַפען בעסערע באַציהונגען צווישען די אידען און אנדערע טהיילען פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז איינע פון די פילע אויפגאבען פון קאמיוניטי קאונסיל.

אין די צייטען פון דער פּראַקטישער באָיקאָט־באַוועגונג געגען נאַצי־דייטש־לאַנד, האָט די דאָזיגע ארבייט אנגעפיהרט די „ליגע פאַר היומען ראַיטס", א קערפּערשאַפט אָרגאַניזירט אין די רייהען פון דער וועלפעיר פעדעראַציע, און־

טער דער אויפזיכט פון א ברייטערען קאָמיטעט פון ליבעראַל־פּראָגרעסיווע שטאָדטישע פּערזענליכקייטען, פון אַלע ראַסען און רעליגיעס.

אויסער די הויפּט אויפגאַבע האָט די „ליעג" אויך זיך געשטעלט אַן אויפ־גאַבע צו באַקעמפען די נאַצי־פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז מיט'ן אנקור־מען פון דער מלחמה — ווען די צוועקמעסיגקייט פאַר דער עקזיסטענץ פון דער „ליעג" איז פאַרשוואונדען — איבערגענומען געוואָרען פון קאַמיוניטי קאונסיל, דורך דער פּאָבליק רילייישאָנס קאָמיטע.

זעקס חדשים נאכדעם ווי דער קאַמיוניטי קאונסיל האָט אנגעהויבען פונק־ציאָנירען דורך די פאַרשיידענע אבטיילונגען, אָדער ספּעציעלע קאָמיטעס, איז געגרינדעט געוואָרען דער אידישער „קולטור אַפּטייל", ביי אַ ספּעציעלער קאָנ־פערענץ פון פאַרטרעטער פון איבער זעכציג אידיש־ריידענדיגע אָרגאַניזאַציעס —פון פּראָטערנאַלע סאָסייעטיס, אונטערשטיצונגס פאַראייגען און לאַנדסמאַנ־שאַפטען — מיט'ן צוועק צו קאָאָרדינירען די קולטור טעטיגקייט אויף דער אי־דישער גאַס.

ביים קולטור אפּטייל איז געשאפען געוואָרען א לעקטאָר־און־קאָנצערט ביוראָ, וועלכע שטעלט צו לעקטאָרס, דעקלאַמאַטאָרס, פאָרלייענער און קאָנצער־טיסטען, צו באַרייכערען די געזעלשאַפטליכע פאַרוויילונגען און ליטעראַרישע צוזאַמענקונפטען פון די אידישע פאָלקס אָרגאַניזאַציעס.

דער אידישער קולטור־אַפּטייל איז געגרינדעט געוואָרען דעם 6טען מאַרטש 1938. פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האָט ער שוין דורכגעפיהרט א רייהע פאָלקס יום־טובים, גרעסערע אונטערנעהמונגען פון א געזעלשאַפטליך־קולטורע־לען כאַראַקטער און זיין השפעה לאָזט זיך פיהלען ווי א מיט־באַטייליגטער אין די פאַראייניגטע אַרויסטרעטונגען פון די אנדערע אידישע קולטור אָרגאַניזאַ־ציעס אין שטאָדט.

---

וויל מען אונטערציהען א סך הכל פון די ביז איצטיגע אויפטוהונגען און דערגרייכונגען פון אידישען קאַמיוניטי קאונסיל, דאַרף מען זאָגען אז די דאָ־זיגע, יונגסטע אָבער זעהר וויכטיגע אידישע אינסטיטוציע, איז נאָך אין פּראָ־צעס פון ענטוויקלונג.

דער קאַמיוניטי קאונסיל איז ניט קיין סטאַטישע, נאָר אַ דינאַמישע קער־פּערשאַפט, שטענדיג גרייט צוצופּאַסען איהר אקטיוויטעט צו די ניי־געשאַפענע אומשטענדען און סיטואַציעס. דעריבער קען מען ניט זאָגען: אָט דאָס איז עס! אזוי ווייט געהט איהר אקטיוויטעט און ווייטער ניט.

דער קאמיוניטי קאונסיל איז אן העכסט דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע, צוזאמענגעשטעלט פון דירעקטע פארטרעטער פון די אנגעשלאָסענע אָרגאניזא־ציעס, וועלכע ערוועהלען די בעאמטע און די עקזעקוטיווע, די פארוואלטענדע קערפערשאפט פון קאונסיל, אין באשטאנד פון 31 מיטגלידער.

די עקזעקוטיווע און די בעאמטע זיינען פאראנטוואָרטליך צום קאונסיל וועלכער האלט אָפּ פיר אַלגעמיינע דעלעגאטען־פארזאמלונגען אין פארלויף פון יאָהר, אויסצוהערען די באריכטען פון דער פארוואלטונג און פון די אנדערע פונקציאָנירענדע קאָמיטעס, זיי גוטצוהייסען אָדער צוריקצואווייזען.

מיט אן אייגענעם באזונדערען אָפיס, מיט א בודזשעט פון צעהן טויזענד דאלאר פאר׳ן לעצטען יאָהר, סובסידירט פון דער אידישער וועלפעיר פעדעראציע און מיט א באצאָהלטען סטעף פון אן עקזעקוטיוו דירעקטאָר און סעקרעטאר, האָט דער קאמיוניטי קאונסיל מעהר ווי בארעכטיגט זיין עקזיסטענץ.

אָבער, ווי געזאָגט, איז דאָס א דינאמישע אינסטיטוציע, וואָס שטעהט אויף דער וואך צו רעאגירען אויף אלע ערשיינונגען, געשעהנישען און פּראָבלע־מען פון אידישען כלל־לעבען. און אלס אזעלכע קען מען ניט אָבשאצען און אָפּ־מעסטען איהר אקטיווויטעט לויט א באשטימטער מאָס און צוגאנג.

די טעטיגקייט פון אידישען קאמיוניטי קאונסיל איז, ביז א געוויסען גראד אבהענגיג פון דער גאנצער פּערספּעקטיווע, פון אַלגעמיינעם אידיש־געזעל־שאַפטליכען לעבען אין רעטראָים.

דאָס בעסטע וואָס קען צום שלום געזאָגט ווערען איז, אז דער אידישער קאמיוניטי קאונסיל האָט פאר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ, זיין אחריות דורכגעפיהרט אויף די פולע הונדערט פּראָצענט.

# שלום-וואָרט

אָרונטערציהענדיג א סך הכּל פון דער אידיש־געזעלשאַפטליכער וואוילטעטיגקייט היינט צו־טאָג, שווימט אַרויף די פראַגע: וואָס ווייטער?

צו האָט דעטראָיט שוין דערגרייכט **אַלץ וואָס נויטיג** צו באַפעסטיגען די אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען? צו זיינען אַלע פראַגען בנוגע אידישע פליכט און אידישע אחריות, מצד דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, שוין פאַרענטפערט? צו קענען מיר זיך באַפרידיגען מיט דאָס דערגרייכטע ביז איצט? וואָס זיינען די אויסזיכטען אויף ווייטער?

ביים סוף פון איצטיגען יאָהר, ווערט אָבגעשלאָסען פערציג יאָהר אָרגאַניזירטע כּלל־ארבייט וועלכע האָט דורך פאַרשיידענע וועגען און אומוועגען, דירעקט און אומדירעקט, גלייך און זיג־זאַגיש געבראַכט צו איינהייטליכקייט אין דער באַזאָרגונג פון די אידיש־פילאַנטראָפּישע צוועקען אין דער פערטער גרעסטער שטאָדט פון לאַנד, דורך דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע.

האָבענדיג אין זינען אז די הויפּט אויפגאַבען פון א אידישער קהלה זיינען נאָכצוקומען אַלע אידישע מידות, די אידישע מאָראַל, די טיף־מענשליכע און אידישע עטיק, קען דאָס אידישע דעטראָיט זיין צופרידען מיט איהר צענטראַלאַפּאַראַט וועלכער זאָרגט אז אידישע הונגעריגע זאָלען געזעטיגט ווערען, אז קראַנקע זאָלען געהיילט ווערען, היימלאָזע זאָלען האָבען א דאַך איבער׳ן קאָפּ, אז יתומים און פאַרוואָרלאָזטע זאָלען האָבען א היים און קריגען די נויטיגע טרייסט, אַז די זקנים און זקנות זאָלען זיך ניט פיהלען פאַרלוירען, אז אידישע קינדער זאָלען קענען לעהרנען — מיט איין וואָרט, עס זאָל קיין עלענד ניט זיין דאָ, אין אונזער סביבה און צו העלפען מיט וואָס נאָר מעגליך, אָבצושאַפען אידישע נויט, פאַרלייכטערען צרות און ליידען סיי אין לאַנד און סיי מעבר לים, וואו אזא הילף איז נויטיג.

ווילען מיר זיך אַלזאָ באַנוגענען מיט אַלגעמיינע טערמינען קען מען זאָגען: אָט דאָס איז דאָס אידיש־געזעלשאַפטליכע דעטראָיט און דאָס זיינען איהרע העכסטע דערגרייכונגען.

אָבער דער אידישער כּלל־לעבען, פּונקט ווי דאָס אַלגעמיינע לעבען איז **ניט סטאַטיש, עס שטעהט ניט אויף אָן אָרט.** עס בייטען זיך די סיטואַציעס און אומשטענדען ווי דאָס לעבען בכלל. און מען מוז דאַרום שטענדיג זיין אויף דער וואַך, צוצופּאַסען די אידישע וואוילטעטיגקייט צו דער ניי־געשאַפענער

לאַנע. מען מוז קאָאָרדינירען די טעטיגקייט פאר די בעסטע ערפאָלגרייכסטע רעזולטאטען. און, די הויפט זאך, מען מוז זיין גרייט פאר די נייע, פרישע פּראָבלעמען וואָס שווימען ארויף, זיי צו לעזען אין גייסט פון דער צייט, אין גייסט פון די געשאפענע אומשטענדען.

און פּראָבלעמען וועלען שטענדיג זיין. ווייל, ווי געזאָגט, דאָס אידישע כלל־לעבען איז ניט סטאטיש, נאָר דינאַמיש, באוועגליך מיט נייע ערשיינונגען און נייע אויפגאבען פאר די וואָס שטעהן ביים רודער פון דער אידישער וואויל־טעטיגער ארבייט.

אַט ביים איצטיגען מאָמענט, אויפ׳ן שוועל פון 1941, האָט דאָס לעבען שוין געבראכט אן ענדערונג אינ׳ם צוזאמענשטעל פון די, ביז איצט עקזיסטי־רענדע, אינסטיטוציעס.

די אידישע קינדער־היים און די „דזשואיש טשאילד פּלייסמענט ביוראָ“, ווערען פאראייניגט אין איין צענטראַליזירטער קערפּערשאפט, ווייל אן אויס־פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט אַז ד אָ ס ד א ר ף ג ע ט ה אָ ן ו ו ע ר ע ן אום צו דערגרייכען בעסערע און ווירקזאמערע רעזולטאטען אויפ׳ן געביט פון קינדער־באַזאָרגונג ווי א טהייל פון דער אלגעמיינער אידישער פילאנטראָפּיע.

אין דער באלדיגער צוקונפט שטעהט אויך בולט די פראגע פון מעהר סיס־טעמאטישקייט אין דער באַזאָרגונג פון אידישע זקנים און זקנות וועלכע נוי־טיגען זיך אין געזעלשאפטליכער הילף, אין איין פאָרמע אָדער א צווייטער, אויסערהאַלב אן אינסטיטוציע און ניט דוקא דורכ׳ן מושב זקנים.

ס׳ווערט אָבגעשאצט אז צו יעדער צייט געפינען זיך אַרום טויזענד אידישע זקנים וועלכע זיינען אנגעוויזען אויף געזעלשאפטליכער הילף, דורך די פאר־שיידענע אינסטיטוציעס פון דער פעדעראציע וועלכע קענען עס זיי געבען אויף א דירעקטען אָדער אונדירעקטען אופן.

אום אלזאָ אריינצוברענגען די נויטיגע קאָאָרדינאַציע אין דער דאָזיגער הילפס־ארבייט, וועט מוזען געשאפען ווערען א צענטראַלע ביוראָ מיט פאר־טרעטער פון מושב זקנים, נאָרטענד קליניק, סאָשעל סוירוויס ביוראָ און פון דער וועלפעיר פעדעראַציע. דאָס איז אן אויפגאבע פאר דער נאָהענטער צו־קונפט וואָס וועט געוויס ניט פארנאכלעסיגט ווערען.

אן ענליכע אויפגאבע איז צו שאפען א צענטראַלע פארוואלטונג אָדער ספּעצ־ציעלע קערפּערשאפט, וואָס זאָל אריינברייגגען מעהר טאַלק אין דער קעמפּ־ארבייט, ווי א טהייל פון דער אידישער וואוילטעטיגקייט.

די פיהרערשאפט פון „פרעש-עיר" קעמפ, פון „קאונסיל קעמפ" און פון „קעמפ הבונים" ביים אידישען צענטער, האבען זיך ארומגעזעהן אז כדי ניט צו דופליצירען זייער ארבייט און צו דערגרייכען דעם מאקסימום רעזולטאטען, איז נויטיג צו שאפען א מין צענטראלע רעגיסטראציע אדער פארוואלטונג. און דאס איז אויך א וויכטיגע אויפגאבע אינ'ם סכום אידישע כלל-פאראנטווארטליכקייט דורך די שוין-עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס און אנשטאלטען.

---

וואס איז אבער מכח נייע נויטיגע אידישע אינסטיטוציעס?

א זעהר אנגעוועהטאגטע פראגע איז דער ענין „אידישער האספיטאל", וואס האט שוין אונטער זיך א געשיכטע פון איבער דריי צעהנדליג יאהר — א געשיכטע וואס ניט דא איז דאס פלאץ אויף איהר זיך אבצושטעלען און אנאליזירען די ליכט-און-שאטען זייטען פון דער דאזיגער באוועגונג.

היינט צו־טאג איז פארהאן א פאזיטיווער צוגאנג צום פראבלעם, א דאנק דער אויספארשונג וואס צוויי אויטאריטעטען האבען געמאכט וועגען דער נויטיג־קייט און מעגליכקייט פון א אידישען האספיטאל אין דעטראיט.

מיט צוויי יאהר צוריק, אין פריהלינג און זומער פון 1938, האט די וועל־פעיר פעדעראציע איינגעלאדען דר. דזש. דזש. גאלוב און ה. ל. לוריע, ספעציעל אונטערצוזוכען אויפ'ן ארט די גאנצע סיטואציע, אלע גינסטיגע און אונגינסטיגע אומשטענדען, אין שייכות צו דאס פראבלעם „אידישער האספיטאל".

די צוויי עקספערטען האבען אלס רעזולטאט פון א לענגערער אויספאר־שונג פעסטגעשטעלט אז:

— דעטראיט נויטיגט זיך אין א אידישען האספיטאל. אבער דאס מוז זיין א האספיטאל פון ערשטען קלאס, געבויט און איינגעארדענט לויט די נייעסטע, מאדערנעסטע מעדיצינישע מעטאדען.

אין פראפארציע צו דער אידישער און אלגעמיינער באפעלקערונג דארף דאס זיין א שפיטאל מיט צוויי הונדערט בעטען, וואס מוז קאסטען ניט ווייניגער ווי א מיליאן דאלאר. אבער אין דרינגענדען פאל, אלס אנפאנג, וואלט מען זיך צוערשט געקענט באנוגענען מיט א האספיטאל פון 120 בעטען וואס דארף קאס־טען 650 טויזענד דאלאר.

דער באריכט פון די צוויי אויטאריטעטען איבער דעם ענין באטאנט עטליכע מאהל אז אויב ניט קיין האספיטאל פון העכסטען סטאנדארד אין איינקלאנג

## שלוס־וואָרט

מיט די פאָרשריפטען, אנווייזונגען און באַדינגונגען פון דער אמעריקאנער מע־דיצינישער וויסענשאפט, זאָל מען וועגען קיין אידישען האָספּיטאַל גאָר ניט טראַכטען.

אָבער אין צוגאב־באריכט וועגען די עקאָנאָמישע מעגליכקייטען פון די דעטראָיטער אידען פאר דער דאָזיגער אויפגאַבע, שטיצענדיג זיך אויף די פאַק־טען פון די פאַרגאַנגענע עטליכע יאָהר, ווערט באַטאָנט אז דעטראָיט איז ניט אומשטאַנד אונטערצונעהמען די דאָזיגע ארבייט פאר די **נעקסטע עט־ליכע יאָהר** וואָס האָבען זיך נאָך דערווייל ניט געענדיגט.

די „נעקסטע עטליכע יאָהר" איז זעהר א צעשוואומענער באַגריף. עס איז ניט קיין באַשטימטע זאַך; מען ווייס ניט ווען דאָס האָט זיך אנגעפאַנגען און ווען דאָס וועט זיך ענדיגען.

דערפאַר איז די דאָזיגע פראַגע שטענדיג אקטועל. און פון צייט צו צייט, אזוי אָפט ווי מעגליך, מוזען געמאַכט ווערען רעוויזיעס[6] פרישע אונטערזוכונגען, צו זעהן אויף וויפיל די צייט איז שוין ענדליך גינסטיג פאַר דער דאָזיגער וויכ־טיגער אויפגאַבע, וואָס וועט ענדליך מוזען פאַרווירקליכט ווערען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דאָס פּראָבלעם „אידישער האָספּיטאַל", טאָר מען אויך ניט ארויסלאָזען פון אויג דעם פאַקט אז אין געוויסע אידישע קרייזען פון שטאָדט, ווערען אָבגעפרעגט די רעקאָמענדאַציעס פון די צוויי אויטאָריטעטען. פאַרהאַן א מיינונג צווישען מאַנכע גרופּען פון די אידישע מעדיצינער אז מען מוז ניט דוקא בויען א שפּיטאָל פון 200 אָדער 120 בעטען; אז ס'איז גענוג אנצופאַנגען מיט א האָספּיטאַל פון 30-40 בעטען.

ליידער אָבער קען די דאָזיגע מיינונג ניט שטאַרק גענומען ווערען אין אַנ־באַטראַכט שוין דערפאַר אליין, וואָס פון דער „היברו האָספּיטאַל אסאָסיאיישאָן", די ערשטע גרינדער פון דער האָספּיטאַל באַוועגונג, וועלכע האָבען איבערגעגע־בען דעם פאַרמעגען פון דער אסאָסיאיישאָן אין רשות פון דער וועלפעיר פעדע־ראַציע, האָט די פעדעראַציע געקראָגען א מאַנדאַט צו באַנוצען די געלד נאָר אין אזא פאַל, ווען מען וועט בויען א אידישען שפּיטאָל, פון דער העכסטער מעדיצינישער קוואַליטעט, אין איינקלאַנג מיט די רעקאָמענדאַציעס פון אויטאָ־ריטעטען איבער דער פראַגע.

ווי מיר זעהן, איז די פּראָבלעם אידישער האָספּיטאַל גאָר ניט אזוי לייכט געלעזט צו ווערען.

זיכער אָבער איז אז די לעזונג וועט קומען. **זי מוז קומען.** און

ביז דאַן מיינט עס, כסדר שטעהן אויף דער וואַך, ניט צופרידענשטעלען זיך מיט די אַנדערע ביז איצטיגע דערגרייכונגען, נאָר וויסען אַז אַ סך אחריות, אַ סך פאַראַנטוואָרטליכקייט ערוואַרטעט דער אידישער כלל פון זיין צענטראַל־אַפּאַראַט, פון דער וועלפעיר פעדעראַציע, אין דער צוקונפט.

און אין דעם פּרט איז זעהר וויכטיג דאָס, וואָס הגם די צייט איז נאָך ליידער ניט געקומען, ווערט אָבער אַלץ געטהאָן אַז די פראַגע אידישער האָס־פּיטאַל זאָל ניט איינגעשלאָפען ווערען, זי זאָל שטעהן אויפ'ן סדר־היום ווי אַ פּאָזיטיווער ענין פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

אזוי ווערט יעדעס יאָהר איינגעשלאָסען אַ באַשטימטע סומע אין פאַר־איינינגטען אידישען קאַמפּיין דורכאויס פאַר'ן אידישען האָספּיטאַל פאָנד. און מען דאַרף גאָר דעריין ניט צווייפלען אַז אַזוי שנעל ווי די אַלגעמיינע סיטואַציע וועט זיך ענדערען צום בעסערען און ס'וועט זיך ווייזען די מעגליכקייט פון ממשות'דיגער ארבייט פאַר אַ אידישען האָספּיטאַל, וועט די וועלפעיר פעדע־ראַציע זיין אויפ'ן פּלאַץ, דורכצופיהרען דעם מאַנדאַט פון דעטראָיטער אידענ־טום, ווי זי האָט עס געטהאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

---

די אויגען פון דאָס אידישע דעטראָיט זיינען איצט געווענדעט אהין וואו עס נויטיגט זיך באַלדיגע הילף צו ראַטעווען אידיש לעבען פון אונטערגאַנג. און וואָס די צוקונפט וועט ברענגען קען קיינער ניט פאָראויסזאָגען.

ס'קען זיין אַז די אידען פון דעטראָיט אַלס טהייל פון גאַנצען אמעריקאַנער אידענטום, וועלען אין די קומענדע עטליכע יאָהר גערופען ווערען צו ברייטער רעקאָנסטרוקציע ארבייט אַריבער די גרעניצען פון זייער אייגענער קהלה און לאָקאַל וועט מען זיך מוזען באַנוגענען מיט אנהאַלטען בלויז דאָס וואָס מיר האָבען היינט צו־טאָג. און ס'קענען ווידער געשאַפען ווערען סיטואַציעס אַז די אידישע באַפעלקערונג זאָל זיך שטאַרק צעוואַקסען און עס זאָל זיך פיהלען אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט פאַר מעהר אויסשפּרייטונג פון דער אַלגעמיינער אידישער וואוילטעטיגקייט דאָ אין שטאָדט.

די צוקונפט איז פאַר אונז יעדענפאַלס פאַרהוילען. אָבער וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירען זיינען מיר היינט צו־טאָג אַרומגענומען פונ'ם באַוואוסטזיין אַז אי־דיש־געזעלשאַפטליך לעבען אינ'ם ברייטען פאָלקסטימליכען זין פון וואָרט, איז אין דעטראָיט פעסט עטאַבלירט דורך די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען פון אַ פאַראייניגטען כלל, פון אַלע שיכטען אין אידישען לעבען.

# שלוס־וואָרט

די מענשען געהן אוועק, די פיהרערשאפט בייט זיך, אָבער די קהלה בלייבט. און די דעטראָיטער אידישע קהלה געהט דער צוקונפט אנטקעגען מיט צוטרויען אין דער איבערצייגונג אז איהרע צילען, צוועקען און אויפגאבען, וועלען שטענדיג דורכגעפיהרט ווערען, דורך דעם, פון איהר אויספאָרמולירטען צענטראַל־אַפּאַראַט פאַר אַלע אידישע געזעלשאפטליכע טעטיגקייטען און אקטיוויטעטען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די אידישע וועלפעיר פעדעראַציע.

(סוף)

# ביבליאָגראַפיע און קוועלען


Bogen, Boris D., *Jewish Philanthropy,* 1917.

Heineman, David E., "Jewish Beginnings in Michigan before 1850", *Publications of The American Jewish Historical Society,* November 13, 1905.

Wiernik, Peter, *History of the Jews in America,* 1912.

Emerson, Haven and Sturges, Gertrude, *Report of Survey of Out-Patient Services in the Metropolitan Area of Detroit* (includes North End Clinic), Council of Social Agencies of Metropolitan Detroit, 1934.

Golub, J. J. and Lurie H. L., *The Hospital Situation in Detroit,* published by the Jewish Welfare Federation, mimeographed, 1938.

Jewish Welfare Federation of Detroit — *Hebrew Free Loan Association,* typewritten, 1938.

Jewish Welfare Federation of Detroit — *Children Under Care,* mimeographed, 1940.

Kepecs, Jacob, *Survey of Jewish Child Care Council of Detroit,* September 25, 1931.

Lurie, H. L., *Survey of the Jewish Community of Detroit,* mimeographed, 1923.

Lurie, H. L., *Detroit Home for Aged Study* — Jewish Welfare Federation, mimeographed, 1935.

Meyer, Henry J., *The Structure of the Jewish Community in the City of Detroit,* (Doctoral dissertation) University of Michigan, typewritten, 1939.

Newmark, Louis, *Trends in Private Institutional Child Care,* (Jewish Children's Home) typewritten, 1939.

Oberbrunner, Ethel D., *Jewish Child Care Situation in Detroit,* typewritten, 1928.

Rosen, Ben, *Survey of United Hebrew Schools of Detroit,* typewritten, 1930.

Work Projects Administration, Historical Records Survey Project, Inventory of the Church and Synagogue Archives of Michigan, *Jewish Bodies,* mimeographed, 1940.

Zeman, Frederic D., *Recommendations For Developing A Community Plan For The Care Of The Dependent Jewish Aged of Detroit,* Jewish Welfare Federation, mimeographed, 1940.

Beth El Congregation of Detroit — *Minutes,* 1850-1862.

Jewish Welfare Federation of Detroit — *Minutes,* 1926-1940.

Jewish Welfare Federation of Detroit — *Yearbook,* 1939.

*Michigan Jewish Year Book* — 1925.

*Shaarey Zedek Year Book* — 1933.

Shetzer, Simon, *Review of two years activities of Jewish Community Council,* mimeographed, 1939.

United Jewish Charities of Detroit, *Minutes,* 1899-1926.

---

**ש. ניגער, „אין קאמף פאַר א נייער דערציהונג"**
**(ארויסגעגעבען פון ארבעטער רינג בילדונג קאָמיטעט) 1940.**

**25 יאָהר פּועלי ציון אין דעטראָיט (זאמעלבוך, 1930).**

**„פאָרווערטס" (דעטראָיטער אויסגאבע) פון 1930 ביז 1937**

מיט מינדליכער אינפאָרמאַציע אין שייכות צו די באַשרי־
בענע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטען זיינען דעם פּראָפעסאָר
צוהילף געקומען: איזידאָר סאָבעלאָף, הערמאַן מ. פּעקאַרסקי,
האַראָלד סילווער, איידא ב. קאָלטאָן, סעלמא דזש. סאַמפּלינער,
הערמאַן דזשייקאָבס, אירווין שאָו, פלאָרענס איזראַעל, מערי
קאַפּלאַן, לואיס ניומאַרק, אידיטה ב. בערקאָוויטש, דר. אָטאָ א.
הירש, קענעט וואַסער, אשר איצקאָוויטש, בערנאַרד אייזיקס,
אברהם דזש. לאַכאַווער, הרב יצחק סטאָלמאַן, דר. שמשון ה.
ווייס, ש. בערקאָוויטש, משה האַר, א. מאיראַוויטש, י. קאַמאַי,
ח. ראַדין און וויליאַם י. באַקסערמאַן.

איך דריק זיי דאָ אוים מיין דאַנק.

ש. ד. וויינבערג

# הויפט בעאמטע פון דעטראיטער אידישע אינסטיטוציעס און אנשטאלטען פאר'ן יאָהר 1940

## „סוירווים גרופ" ביי דער פעדעראַציע

| | |
|---|---|
| אייברעהעם סרירי | פרעזידענט |
| קלארענס ה. ענגאסס | טשערמאן פון דער באָארד אוו גאווערנאָרס |
| פרעד מ. באָטצעל | טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע |
| איזראעל הימעללאק | וויצע פרעזידענט |
| נעט ס. שאפערא | וויצע פרעזידענט |
| מרס. הענרי וויינעמאן | וויצע פרעזידענט |
| מאורים אראנסאָן | טרעזשורער |
| איזידאָר סאָבעלאָף | סעקרעטאר און עקזעקוטיוו דירעקטאָר |

## אידישע וועלפעיר פעדעראַציע

| | |
|---|---|
| גאס ד. ניומאן | פרעזידענט |
| אוירווינג וו. בלומבערג | טשערמאן פון דער באָארד אוו גאָווערנאָרס |
| מאָרים ענגאסס | וויים טשערמאן פון דער באָארד |
| הערריי קאָהען | וויצע פרעזידענט |
| בען ב. פענטאָן | וויצע פרעזידענט |
| בען קרעמער | וויצע פרעזידענט |
| אסתר ר. פראשיאן | סעקרעטאר |

## „דזשוניאָר סוירוויס גרופּ"

דזשייקאָב קאָידען — — — — — — — — — — — — פּרעזידענט
רובין גאָלד — — — — — — — — — — — — — — — ערשטער וויצע פּרעזידענט
דייוויד דזש. לעווין (דזשוניאָר) — — — — — — — — צווייטער וויצע פּרעזידענט
ביאַטריס פּאַיזער — — — — — — — — — — — — רעקאָרדינג סעקרעטאַר
מירים שעצער — — — — — — — — — — — — קאָרעספּאָנדינג סעקרעטאַר
מעי דייוויס — — — — — — — — — — — — — טרעזשורער
האנא ג. פּערמאַן — — — — — — — — — — — — עקזעקוטיוו סעקרעטאַר

## „יונייטעד דזשואיש טשעריטיס"

וויליאם פרידמאַן — — — — — — — — — — — — פּרעזידענט
פרעד מ. באַטצעל — — — — — — — — — — — — וויצע פּרעזידענט
איזידאָר סאָבעלאָף — — — — — — — — — — — — סעקרעטאַר

## „דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ"

דזשאָרדזש מ. סטאַטס — — — — — — — — — — — — פּרעזידענט
מרס. מעלוויל ס. וועלט — — — — — — — — — — — וויצע פּרעזידענט
אייברעהעם קופּער — — — — — — — — — — — — טרעזשורער
העראָלד סילווער — — — — — — — — — — — — — סעקרעטאַר און
עקזעקוטיוו דירעקטאַר

## „ריסעטעלמענט סוירוויס"

פּרעד מ. באַטצעל — — — — — — — — — — — — — פּרעזידענט
קלארענס ה. ענגאַסס — — — — — — — — — — — וויצע פּרעזידענט
מרס. מאָורים קליין — — — — — — — — — — — — וויצע פּרעזידענט
מרס. דאָגלאַס י. בראַון — — — — — — — — — — — סעקרעטאַר
סידני דזש. אַללען — — — — — — — — — — — — טרעזשורער
העראָלד סילווער — — — — — — — — — — — — — עקזעקוטיוו דירעקטאַר

## „היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן" (גמילות חסדים)

דייוויד ס. זימאַן — — — — — — — — — — — — פּרעזידענט
לואיס סטאָל — — — — — — — — — — — — — — ערשטער וויצע פּרעזידענט
אייזיק שעצער — — — — — — — — — — — — — צווייטער וויצע פּרעזידענט
דזשאָרדזש מ. סטאַטס — — — — — — — — — — — סעקרעטאַר
מאָרים ה. בלומבערג — — — — — — — — — — — טרעזשורער
מרס. איידא ב. קאַלטען — — — — — — — — — — — עקזעקוטיוו סעקרעטאַר

## נאָרטענד קליניק

| | |
|---|---|
| דזשוליאן ה. קראַליק | פרעזידענט |
| דזשייקאָב ב. ניימאַן | וויצע פרעזידענט |
| ראַלף א. מאיער | סעקרעטאר |
| מיס אידיטה ס. העווענריטש | טרעזשורער |
| מיס סעלמא דזש. סאמפּלינער | דירעקטאָר |

## אידישער קאָמיוניטי צענטער

| | |
|---|---|
| הענרי מאיערס | פרעזידענט |
| מרס. סעמועל ר. גלאגאווער | ערשטער וויצע פרעזידענט |
| סאול סאולסאָן | צווייטער וויצע פרעזידענט |
| מרס. דזשאָזעף מ. וועלט | סעקרעטאר |
| סאול ר. לעווין | טרעזשורער |
| הערמאן דזשייקאָבס | עקזעקוטיוו דירעקטאר |

## „פרעש עיר" (קעמפּ) סאָסייעטי

| | |
|---|---|
| אלעקס שרייבער | פרעזידענט |
| מרס. מאָרים קליין | וויצע פרעזידענט |
| מרס. י. י. ביטקער | רעקאָרדינג סעקרעטאר |
| מרס. הערדי ע. אוגאָסט | קאָרעספּאָנדינג סעקרעטאר |
| בענדזשאמין ע. דזשאפע | טרעזשורער |
| אוירווין שאָא | קעמפּ דירעקטאָר |

## „קאונסיל קעמפּ"

| | |
|---|---|
| מרס. פרעד א. גינסבורג | טשערמאַן |
| מרס. רעגינא פרוינד־קאָהעין | וויים טשערמאַן |
| מרס. אָסקאר סי. ראָבינסאָן | סעקרעטאר |

## „גינזבורג" מוטערס און קינדער קעמפּ

| | |
|---|---|
| מרס. סידני דזש. אללען | טשערמאַן פון דער אדווייזערי באָארד |
| מרס. סיידי באַלאַקאָווסקי<br>מרס. דזשעני הורוויץ<br>מרס. רעי רעססלער<br>מרס. ציליא בודא<br>מרס. מערי יודקאָוויטש | קעמפּ פארוואלטונג קאָמיטע |
| מיס מערי קאַפּלאַן | קעמפּ דירעקטאר |

## „דזשואיש טשאַילד פּלייסמענט ביוראָ"

נאַטאַניעל ה. גאָלדסטיק — — — — — — — — פּרעזידענט
מרס. מעלוויל ס. וועלט — — — — — — — — וויצע פּרעזידענט
מאַרס גאָלדמאַן — — — — — — — — — צווייטער וויצע פּרעזידענט
האוארד א. קאַיכען — — — — — — — — — סעקרעטאַר
מרס. דזש. וויקטאָר ראַמער — — — — — — — טרעזשורער
מרס. אידיטה ב. בערקאָוויטש — — — — — — — דירעקטאָר

## אידישע קינדער היים

הערמאַן קאָהען — — — — — — — — — — פּרעזידענט
דר. הערבי סי. מעצגער — — — — — — — — וויצע פּרעזידענט
מאָזעס ווייסוואַסער — — — — — — — — — טרעזשורער
אוירווין י. קאָהען — — — — — — — — — סעקרעטאַר
לואיס ניומאַרק — — — — — — — — — — פּאַרוואַלטער

## מושב זקנים

דזשייקאָב לעווין — — — — — — — — — — פּרעזידענט
מייראָן א. קיעס — — — — — — — — — — טשערמאַן פון דער דירעקטאָרען באָארד
סידני דזש. אַללען — — — — — — — — — — ערשטער וויצע פּרעזידענט
דייוויד אָפּפענהיים — — — — — — — — — צווייטער וויצע פּרעזידענט
מאַקס דזש. קאַגאַן — — — — — — — — — — טרעזשורער
מאַקס ליבערמאַן — — — — — — — — — — סעקרעטאַר
דר. אָטאָ א. הירש — — — — — — — — — — פּאַרוואַלטער

## הכנסת אורחים

דר. א. מ. הערשמאַן — — — — — — — — — עהרען-פּרעזידענט
מאַקס מ. סילווערמאַן — — — — — — — — — פּרעזידענט
אייזיק ראָזענטאַל — — — — — — — — — — ערשטער וויצע פּרעזידענט
מאָזעס לעוויטט — — — — — — — — — — צווייטער וויצע פּרעזידענט
באַרני באַרנעט — — — — — — — — — — דריטער וויצע פּרעזידענט
קענעט וואַסער — — — — — — — — — — סעקרעטאַר
לואיס דענן — — — — — — — — — — — טרעזשורער
היימאַן אַלטמאַן — — — — — — — — — טשערמאַן פון הויז קאָמיטע
מרס. ה. אַלטמאַן — — — — — — — — — טשערמאַן פון ליידיס אקזילערי

## חסד של אמת

סעמועל ברעזנער — — — — — — — — — — פרעזידענט
מאָריס פישער — — — — — — — — — — — ווייצע פרעזידענט
אברהם מעסערמאן — — — — — — — — — — רעקאָרדינג סעקרעטאַר
סעם נעלסאָן — — — — — — — — — — — — טרעזשורער
מאיר ווייסבערג — — — — — — — — — — — טראַסטי
לואים שיעלל — — — — — — — — — — — — טראַסטי
אשר איצקאָוויטש — — — — — — — — — — פינ. סעק. און פאַרוואַלטער

## „יונייטעד היברו סקוהלס"
### (פאַראייניגטע תלמוד תורות)

לואים ראָבינסאָן — — — — — — — — — — פרעזידענט
רודאָלף צוויבאק — — — — — — — — — — — ווייצע פרעזידענט
טשארלס רובינער — — — — — — — — — — ווייצע פרעזידענט
מאורים א. לאנדאו — — — — — — — — — — טרעזשורער
הערריי סעליגסאָן — — — — — — — — — — סעקרעטאַר
מאָרים לאכאוועד — — — — — — — — — — — עקזעקוטיוו סעקרעטאַר
אברהם דזש. לאכאוועד — — — — — — — — — פינאַנס דירעקטאָר
בערנארד אייזיקס — — — — — — — — — — — פאַרוואַלטער

## ישיבת בית יהודה

הרב יצחק סטאָלמאן — — — — — — — — — — פרעזידענט
דזשאָזעף לעססער — — — — — — — — — — — ווייצע פרעזידענט
איזידאָר סאָסניק — — — — — — — — — — — ווייצע פרעזידענט
רבי מאקס דזש. וואהלגעלערנטער — — — — — ווייצע פרעזידענט
מאָרים קאָווינסקי — — — — — — — — — — — סעקרעטאַר
לואים לעווין — — — — — — — — — — — — טרעזשורער
דר. שמשון ר. ווייס — — — — — — — — — — מנהל (פאַרוואַלטער)

## אַרבייטער רינג שולען

ס. לעווין — — — — — — — — — — — — — — פאָרזיצער
מ. גאָדהעלף — — — — — — — — — — — — — רעקאָרדינג סעקרעטאַר
מאָרים מיללער — — — — — — — — — — — — פינאַנס סעקרעטאַר
דזשאָזעף היידעמאן — — — — — — — — — — טרעזשורער
ה. ראַדין — — — — — — — — — — — — — — דירעקטאָר

## שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

אייזיק פינקעלשטיין — פרעזידענט
מאקס האָלצמאַן — וויצע פרעזידענט
יוסף קאמאי — רעקאָרדינג סעקרעטאר
דזש. ראָזענשיין — פינאַנס סעקרעטאר
לואיס לאמעד — טרעזשורער
שלמה בערקאָוויטש — דירעקטאָר

## אידישע פאָלק שולען

### (נאַצ. אַרב. פארבאנד)

בען ראָזענטאַל — פרעזידענט
דוד זיסלין — וויצע פרעזידענט
ה. וויינער — רעקאָרדינג סעקרעטאר
ב. פלאָפקין — פינאַנס סעקרעטאר
סעם קוטניק — טרעזשורער
א. מאיראָוויטש — דירעקטאָר

## אידישער קאמיוניטי קאונסיל

פרעד מ. באָטצעל — עהרן-פרעזידענט
סיימאן שעצער — פרעזידענט
דזשאָזעף בערנשטיין — וויצע פרעזידענט
דזשיימס י. עללמאן — וויצע פרעזידענט
דזשוליאן ה. קראָליס — וויצע פרעזידענט
דזשאָזעף כאגאי — סעקרעטאר
מייראָן קיעם — טרעזשורער
וויליאם י. באקסערמאן — עקזעקוטיוו דירעקטאָר

# הילפס-צוועקען פינאַנסירט דורך דער אידישער וועלפעיר פעדעראַציע אין 1940

## פאַר לאָקאַלע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטען:

אידישער קאמיוניטי קאונסיל

*נאָרטענד קליניק

*היברו פריה לאָאן אסאָסיאיישאָן

מושב זקנים

*פרעש עיר קעמפּ

*אידישער קאמיוניטי צענטער

*דזשואיש סאָשעל סוירוויס ביוראָ

ריסעטעלמענט סוירוויס

*אידישע קינדער היים

*טשאַילד פלייסמענט ביוראָ

*אידישע וועלפעיר פעדעראַציע
(פאַר ספּעציעלע אויספאָרשונג צוועקען)

יונייטעד היברו סקוהלס

הכנסת אורחים

גינזבורג מוטערס קעמפּ

בויפאָנד פאַר אידישען האָספּיטאַל

ארבייטער רינג שולען

שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

---

*) ווערען פינאַנסירט אויך פון דעטראָיט קאמיוניטי פאָנד

נאַציאָנאַלער ארבייטער פארבאנד שולען

ישיבת בית יהודה

קאונסיל קעמפ

## פאַר נאַציאָנאַלע צוועקען:

אַמעריקאן דזשואיש קאָמיטע

אמעריקאנער אידישער קאָנגרעס

בני ברית

(נאציאָנאלע אויפגאבען און הלל־פאונדיישאָן)

אידישער ארבייטער קאָמיטעט

(פארטיידיגונגס פאָנד)

אמעריקאן אקאדעמי פאר דזשואיש ריסוירטש

פראָפעסיאָנאַלע בילדינג פאר אידישע „סאָשעל וואָירקערס"

הסתדרות עברית באמעריקא

דזשואיש בראאיל אינסטיטוט

(פאר בלינדע)

אידישע טעלעגראַפען אגענטור

אידיש וויסענשאפטליכער אינסטיטוט

„מנורה" אסאָסיאיישאָן

אידישע „טשאַטאָקוואָ" סאָסייעטי

„יאַנג דזשודעא" (יהודה הצעיר)

„אבוקה" סטודענטען אָרגאניזאציע

פאקולטעט פאר פּאָליטיש־סאָציאַלע וויסענשאפטען

(דער גלות אוניווערזיטעט)

בעלפעיר יתומים הויז, קליוולאַנד

מאָנטעפיאָרע מושב זקנים, קליוולאנד

לעאָ נ. לעווי מעמאָריאל האָספיטאל, האָט ספרינגס, ארק.

נאַציאָנאַלער אידישער האָספּיטאַל, דענווער
קאָנפערענץ אָן דזשואיש רילישאָנס
קאונסיל פון פעדעראַציעס און וועלפעיר פאָנדס
„החלוץ" אָרגאַניזאַציע (אין אמעריקא)
דזשואיש וועלפעיר באָאַרד
נעשאָנאל קאָנפערענץ אָוו דזשואיש סאָשעל וועלפעיר
נעשאָנאַל דיזווירשאָן ביוראָ
נאַציאָנאלע קאָנפערענץ פון קריסטען און אידען
עקס־פּעישענט טובערקולאָזים האָום, דענווער
אַלגעמיינער נאַציאָנאלער פּארטיידיגונג פאָנד
„האַיאַס", פאַר הילף אין לאנד
נעשאָנאל רעפיודזשי סוירוויס פאר די פליכטלינגע

## פאַר הילפס צוועקען מעבר לים:

דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע
יונייטעד פאלעסטיין אַפּיעל
„אָרט" וועלט פארבאנד
„האַיאַס" פאר ארבייט אין אויסלאנד
העברעאישער אוניווערזיטעט, ארץ ישראל

געזעצט און געדרוקט
—— אין דער ——
זיסלין-לעין דרוקעריי
ד ע ט ר אָ י ט
4
אל שוואַרטץ, ליינאָטייפּער